STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00919

ZALMEN DER SHUSTER

Chaver-Paver

Permanent preservation of this book was made possible by
Harry & Helen Wunsch
for their children

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באַוער־פּאַוער

זלמן דער שוסטער

קאַפּיטלען וועגן זיינע זעכציק יאָרן לעבן
אין אַמעריקע

אַרויסגעגעבן פון
באַוער־פּאַוער בוך־קאָמיטעט

לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפ.
1955

ZALMEN DER SHOOSTER

(Salmen the Cobbler)

Chapters of his sixty years in America

By CHAVER PAVER

Copyright 1955 by Gershon Einbinder
Los Angeles, California.

Published by

CHAVER PAVER BOOK COMMITTEE
Los Angeles, Calif.

Printed in U.S.A. by Futuro Press, Inc.
476 Broadway, New York, N. Y.

200

כאַווער־פּאַווער בוך־קאָמיטעט:

פּאָרזיצער — — — — — — — — — — — — — — יוסף קאַראַבעלאָ
וויצע־פּאָרזיצערס — — — — בעסי ראָטבלאַט, הערי גאָלדסטיין
סעקרעטאַר — — — — — — — — — — — — — אהרן ראָטבלאַט
קאַסירער — — — — — — — — — — — — — — סעם אבראַמסאָן
פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר — — — — — — — — — מינאַ סמאָלאַר

קאָמיטעט:

אָנאַ און הערי גאָלדפאַרב
ראָוז און מאיר גאָלדשטיין
אידאַ גאָרעליק
אָנאַ גאַרקער
אהרן גאָרדאָן
צירל און אייב דאָבזשינסקי
מערי און שלמה הימל
דזשוליוס האָראָוויץ
שפרה און לואי וויים
שמעון טרייבוש
ראַכיל ליסט
מ. ליובאַטאָרסקי
לאָטי מלאך
הערי און ראָוז מארקוס
ל. מעטלין
באָנטשע פּרימאַק
פּאָלאַ קאָפּילאָוו
סעם און לינאַ קלאַפּערמאַן
מינאַ קערן
רחל קאָפּילאָווסקי
מאַניאַ און בנימין ראָזענפעלד
מערי און דעיוו ריטשמאַן

זלמן דער שוסטער און זיין פרוי גאָלדע

אינהאַלט

זייט

ערשטער טייל: אין ניו־יאָרק

לאָמיר בעסער לעבן ... 11
זלמנס אינוועסטמענט ... 14
סטיווי ... 17
דער איינאונאייננציקער אָרעמאַן ... 21
דער רויטער איד ... 24
דער רייכער פעטער ... 28
ס'וואָלגערט זיך גאָלד אין אַמעריקע ... 32
איך הונגער אין אַמעריקע ... 34
דאָס בעט ... 38
אויף דער אַמאָליקער גרענד סטריט ... 42
זיי ניט קיין גרינער און פּאַטש בראַוואָ! ... 46
מאַגולעסקאָ און זיינע פּאַטריאָטן ... 50
די לאַכנדיקע כלה ... 54
אַכצן עסעקס סטריט ... 58
גאָלדע ... 62
אויף דער אַמאָליקער ברוקלין בריק ... 66
איך גרינדע דעם „פּאָרוועטס" ... 70
קנישעס ... 74
איך באַגעגן גאָלדען אין צענטראַל פּאַרק ... 77
צו ימים נוראים ... 80
ער האָט מיך גערופן „גנב" ... 82
איך האַלט אַ רעדע ... 86
שלייקעס און אַ ליבע ... 90
אַ פונט שוסטער — אַ פונט גאָלד ... 94
אויף דאַטשע קיין בראָנזוויל ... 98
אויף אַ פערד ... 102
גיי צוריק... ... 106
גאָלדעס בריוו ... 110
אוי, מאַמע, איך חלש! ... 114
אויף די דעכער פון דער איסט־סאַיד ... 118

זייט

צווייטער טייל: נעשוויל און קאַליפאָרניע

אויפן פידעלע 125
דער אידישער בוים 129
פייגעלעך און קינדערלעך 133
באָריס טאָמאַשעווסקיס מענעדזשער 137
מאַגוּלעסקאָ און מאָטקע שער 141
דער אידישער פּאָליסמאַן אין נעשוויל 145
אַן אורח אויף שבת 148
חנהלע 152
די אַראָנסאָנס 156
די נאָז 160
מודה אני לפניך 164
שיכורים 168
מיין אוניווערסיטעט 172
איך לויף פאַר סיטי־טרעזשורער 175
מיין באַגעגעניש מיט דעבסן 179
מיינע זיידעס 183
אין אַ רעגנדיקער נאַכט 187
קעץ און געננסטער פּיט 191
איך פאַרלאָז נעשוויל 195
פאָרן מיר, הייסט עס, קיין קאַליפאָרניע 199
דאָס לאַנד פון דער אייביקער זון 203
מאַראַנצן 208
יענע יאָרן אין לאָס־אַנדזשעלעס 211
דאָקטער בלעס 215
דער איינפוסיקער גיבור 219
דער ליבער און געטרייער מאַן 224
איך גיי ווערן רייך 227
דער אידישער פאַרמער 231
אויף די מאָסטאַרד־בערג 234
די חברשאַפט יענע יאָרן אין קאַליפאָרניע 238
זלמן דעם שוסטערס באַנק־ביכל 242

ערשטער טייל

אין ניו־יאָרק

לאַמיר בעסער לעבן

זלמן דער שוסטער איז שוין אַט־אַטאָ אַ בן שמונים, אָבער הלוואי אויף אַלע פּיינע לייט געזאָגט געוואָרן זיין עלטער.

זיין פרוי גאָלדע איז שוין אַט־אַטאָ אַ בת זיבעציק מיט נאָך עפּעס, און אויך הלוואי אויף אַלע פּיינע פרויען געזאָגט געוואָרן איר עלטער.

אַז מען פרעגט אים:

— וואָס האָט איר צו פאַרדאַנקען אייערע געבענטשטע יאָרן?

ענטפערט ער מיט אַ קלוגן לאַך, און מיט זיין נאָך גאַנץ־געדיכטער באַסאָווער שטימע:

— צוליב די רשעים.

— וואָס מיינט איר דערמיט?

— איר פאַרשטייט, — טוען שטיפעריש אַ שיין זיינע ברילן, — ווען די רשעים לאָזן ניט לעבן, מיך האַלטן זיי אויף ביים לעבן. אין די צייטן פון היטלערן האָט זיך זייער געגלוסט לעבן און וואַרטן ביז ער וועט באַקומען די גוטע מפּלה. איצטער, אַז ס׳זיינען ווידער געקומען די רשעים מיט נייע פּלענער צו טאָן שלעכטס דער וועלט, גלוסט זיך זייער ווידער צו וואַרטן און אין זיי אויך צו דערלעבן די גוטע מפּלה.

אַז מען פרעגט זלמנען דעם שוסטער:

— וויפיל, קיין עין־הרע, פאַרמאָגט איר אַרום און אַרום בנים און בני־בנים, קינדער און קינדס־קינדער?

צערויטלען זיך ביי אים די באַקן פון נחת, ער טוט אַ פאַרקרייזל די אויבערשטע ליפּ, מיט אַ תנועה (באַוועגונג) פון כלומרשט ליצנות און טוט אַ זאָג:

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, מיר וועלן מוזן אַ קוק טאָן אין ספר. אַ־נו, גאָלדע, נעם נאָר אַרויס דעם ספר וועגן די קינדער!

זיין ווייב גאָלדע, וואָס איז נאָך אַ גאַנץ קרעפּטיקע, אַ גאַנץ געפּאַקטע, ניט קוקנדיק אויף אירע זיבעציק יאָר מיט נאָך עפּעס, לאַכט שטענדיק ווען דער מאַן אירער רעדט צו מענטשן. ער איז באַזונדערס וויציק, ווען

זיין גאָלדע איז דאָ דערבײַ, בשעת ער רעדט צו מענטשן. און שטענדיק ווען ער טוט עפּעס אַ זאָג אַ גאַר־געלונגען גלייכוועדטל, טוט ער אַ גנבֿע דורך זיינע ברילן אַ זייטיקן קוק אויף זיין פּלוניתטע, צו זען אויב ס'האָט ביי איר אויסגענומען.

— אַ־נו, נעם נאָר אַרויס דעם ספר, גאָלדע!

און גאָלדע נעמט טאַקע אַרויס אַ ספר מיט טונקעלע רויטע טאָוולען, מיט גאָלדענע איינגעקריצטע בוכשטאַבן, וואָס לייענען זיך:

— אלה תולדות פון מיינע קינדער...

אויפן ערשטן בלעטל שטייט אָנגעשריבן מיט געצאַצקעטע אותיות:

— אונזער טאָכטער דבורה, געבוירן דעם און דעם יאָר, דעם און דעם טאָג, דעם און דעם חודש, אין דער און דער שטאָט, אין דעם און דעם שפּיטאָל.

און אַזוי גייען אַוועק גאַנצע פינף־און־דרייסיק בלעטלעך. און אַלץ מיט געצאַצקעטע אותיות. די ערשטע אַכט בלעטלעך זיינען פאַרנומען מיט זיינע קינדער: פינף טעכטער און דריי זין. די איבעריקע — מיט זיינע אייניקלעך און אור־אייניקלעך.

און ווען ער לייענט אַרויס די נעמען פון זיינע קינדער און קינדס־קינדער פון זיין בוך, טוט ער דאָס מיט אַ ניגון, ווי מען לייענט די הפטורה, און אַלץ מיט אַ כלומרשטדיקער ליצנותדיקייט.

זיינע קינדער זיינען מערער אָדער ווייניקער פאַרמעגלעכע, און וואָלטן אים געקאָנט אויסהאַלטן אין זיינע עלטערע יאָרן. אָבער מען זעט אים נאָך אַלץ יעדן טאָג אויף זיין שוסטער־בענקל אין זיין שאַפּ אָנגעבויגן איבער דער מלאכה. און אַז מען זאָגט אים:

— ר' זלמן, אין אייערע יאָרן קיין עין־הרע, וואָלט איר זיך שוין געמעגט אָפּרוען.

טוט אַ פינקל דער שטיפער אין זיינע בלאַס־בלויע באַברילטע אויגן, און ער רופט זיך אָן מיט אַ פּליסטער, ווי ער וואָלט איך געוואָלט איינ־רוימען אַ סוד:

— ס'איז אויף אָפּצונאַרן דעם מלאך־המות. ער וועט זען ווי איך זיץ נאָך און אַרבעט, וועט ער זיך טראַכטן, מסתמא נאָך אַ קרעפּקער דער דאָזיקער איד, לאָמיך אים דערווייל נאָך צורו לאָזן.

ביי אים אין שאַפּ אויף דער וואַנט אויבן־אָן הענגען בילדער פון

יודזשין דעבס, אייבּרעהעם לינקאָלן און משה רבינו. אויף די פּאָליצעס ליגן שיך — אויף צו פּאַרריכטן, און אין אַ ווינקל אין אַ שאַפקע מיט גלעזערנע טירלעך שטייען אויסגעשטעלט ביכער אין אידיש און אין ענגליש. מענטשן קומען צו אים, ניט נאָר אויף צו פּאַרריכטן שיך, נאָר אויך שמועסן מיט אים וועגן לעבן, וועגן פּאָליטיק, וועגן פילאָסאָפישע ענינים. ער האָט קיינמאָל ניט געלערנט אין קיין אוניווערסיטעט, און אַפילו ניט אין אַ נאָרמאַלער שול, אָבער מיט זיין גרויסער נאַטירלעכער אינטעליגענץ האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך, פון די ביכער, די לערעס פון די גרויסע ראַדיקאַלע דענקער פון דער מענטשהייט. און דאָס וואָס ער האָט געלערנט פון די ביכער, קען ער אַזוי קלוג איבערגעבן זיינע צוהערער מיט אַ צוגאָב נאָך פון זיין אייגענער לעבנס־חכמה.

די פענצטער פון זיין שאָפּ זיינען אויסגעקלעפּט ניט מיט אַדווער־טייזמענטס וועגן זיין גוטער אַרבעט אַלס שוסטער, נאָר מיט פּסוקים פון תנ״ך וועגן שלום, אָדער מיט גלאַט אַזוי קלוגע זאָגן און פסוקים פון גרויסע שרייבער און דענקער, וואָס פּאַסן זיך צו די פראַגן פון טאָג. אַלץ אין ענגליש. אַז מען פרעגט אים, וואו האָט ער זיך אויסגעלערנט אַזוי גוט ענגליש, ענטפערט ער מיט דעם שטיפערישן פינקל אין זיינע בלאָס־בלויע גוטע אויגן:

— ווען איך בין נאָר אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָב איך די ערשטע פּאָר יאָר געהאַט אַ לערערקע, איינע אין דער וועלט. איר נאָמען איז געווען מיסעס וועלנוויסן...

זיין פרוי, וואָס זיצט דערביי און הערט זיך צו, לאַכט פריילעך. און אַז איר גייט איבער מיט אייער געשפרעך צו איר און פרעגט זי: „וואָס האָט איר צו פאַרדאַנקען אייער געבענטשטע עלטער?״ — ענטפערט זי ערנסט:

— ס׳איז צוליב דעם, וואָס ס׳איז פריילעך מיט אים. זיינען מיר אַמאָל אין אַ צרה, קומט ער מיט אַ קלוג גלייכוווערטל און מאַכט מיך לאַכן. מיט אַ יאָר צוריק בין איך געווען זייער גוט קראַנק, רופט ער זיך אָן צו מיר: „דו ווייסט, גאָלדע, איך בין געווען ביי עטלעכע אָנדער־טייקערס און זיך געפרעגט וויפיל ס׳קאָסט אַ לוויה, איז וואָס־זשע זאָל איך דיר זאָגן, ס׳איז איצט אַזאַ יקרות צו שטאַרבן, אַז ס׳איז שוין אַ סך גלייכער צו לעבן. ס׳קאָסט פיל ביליקער. איז דעריבער לאָמיר נאָך

אַביסל צואוואַרטן. וואָס קאָנען מיר דאָ דערלייגן?" האָב איך, פאַרשטייט זיך, געלאַכט פון זיינע רייד, און פונעם לאַכן איז מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט...

צווישן די פיל אויפשריפטן אויף די פענצטער פון זיין שוסטעריי וועט איר אויך געפינען דעם אויפשריפט וועגן דעם יקרות פון לוויות היינטיקע צייטן, און וועגן דעם, אַז אָרעמע מענטשן קאָנען גאָרניט „אַפּאָרדן" איצט צו שטאַרבן. „דריבער, פריינט, איז מיין עצה — לאָמיר בעסער לעבן."

זלמנס אינוועסטמענט

ס'איז געווען ענג אין הויז פון זיין אינגסטער טאָכטער זעלדעלע. אַלע פיר טעכטער זיינען געקומען מיט זייערע מענער, מיט זייערע קינדערלעך און אייניקלעך. די דריי זין זיינען אויך געקומען מיט זייערע פרויען, מיט זייערע קינדער, מיט זייערע אייניקלעך — אַ סך פון זיי שוין אויך פאַרהייראַטע. און די, וואָס זיינען נאָך ניט געווען פאַרהייראַט, זיינען געקומען מיט זייערע חתנים און כלות.

די געלעגנהייט איז געווען די פייערונג פון זיין אינגסטער טאָכטער זעלדעלעס צען יאָר פאַרהייראַטן לעבן. זלמן דער שוסטער האָט אָבער געטראָגן אַ פאַרדראָס אויף זיין אינגסטער טאָכטער. זי, די איינציקע צווישן אַלע זיינע קינדער, האָט אים און זיין פרוי ניט באַגליקט נאָך אַפילו מיט קיין איין אייניקל. זעלדע מיט איר מאַן האָבן אָפּגעמאַכט, אַז בלויז נאָכדעם ווי זיי וועלן אָפּשפּאָרן אַ געוויסע סומע געלט און מען וועט שוין ניט מורא־האָבן פאַרן מאָרגן, ערשט דעמאָלט וועלן זיי זיך דערלויבן דעם לוקסוס פון האָבן אַ קינד.

איז געזעסן דער זקן זלמן דער שוסטער, מיט סטולעוואַטע פּלייצעס, מיט זיין הויכן קלוגן שטערן און מיט זיינע שטיפערישע בלאָס־בלויע באַברילטע אויגן פון אויבן־אָן. לעבן אים איז געזעסן זיין פרוי גאָלדע,

מיט אירע זיבעציק יאָר און נאָך עפּעס, אָבער נאָך אַ קרעפּקע, געפּאַקטע אידענע, און געקוקט אויף אים און געלאַכט. געלאַכט האָט זי איידער נאָך ער האָט עפּעס געזאָגט. געלאַכט האָט זי, אַפּילו ווען ער האָט געשוויגן.

זעלדעלעס מאַן, דער אינשורענס־אַגענט, האָט איצט געהאַלטן אין ריידן וועגן אינוועסטמענטס. אַלע זיינע יאָרן האָט דער אידעם ליב צו ריידן רק וועגן אינוועסטמענטס. אויב ניט פון זיינע אייגענע, איז כאָטש פון אינוועסטמענטס, וואָס זיינע באַקאַנטע האָבן געמאַכט, און זיינען איצט גרויסע גבירים, מיליאָנערן...

— און איך, קינדער, האָב נאָך אייך ניט דערציילט וועגן דער אינוועסטמענט, וואָס איך האָב געמאַכט, — רופט זיך פּלוצלונג אָן זלמן דער שוסטער מיט זיין באַסאָווער שטימע, וואָס איז שוין אַביסל צעטראַסקעט, אָבער האָט נאָך אין זיך אַ סך מעטאַל, — אַן אינוועסטמענט, וואָס איך האָב געמאַכט מיט זייער אַ סך יאָרן צוריק, און וואָס האָט מיר אַריינגעטראָגן אַ גרויסן פאַרמעגן.

לאַכט זיין פרוי גאָלדע, ווייל זי ווייסט, אַז דאָ קומט עפּעס זייער אַ פריילעכע זאַך. זי דערקענט שוין אין די שטיפערישע פייערלעך אין זיינע אויגן, אין זיין אויבערשטער ליפּ, וואָס האָט זיך אַ קרייזל געטאָן מיט אַ געלעכטערל, און אין די הומאָריסטישע קנייטשעלעך ביי די ווינקלען פון זיין מויל.

די עלטערע קינדער, וואָס זיינען געזעסן ביים טיש, האָבן ערגעץ פאַרשטאַנען, אַז דער אינוועסטמענט, פון וועלכן זייער טאַטע וויל דערציילן, דאַרף מסתמא זיין אַ מין סימבאָלישער בלויז, אַזוי צו זאָגן, אָבער פונדעסטוועגן זיינען זיי געווען גוואַלדיק נייגעריק.

און די בייס, אַז זלמן וויל דערציילן וועגן זיין אינוועסטמענט, וואָס ער האָט אַמאָל געמאַכט, און וואָס האָט אים אַריינגעטראָגן אַ רייכן פאַרמעגן, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע צימערן, איבער וועלכע די אייניקלעך זיינען געווען צעשפּרייט, און איבערן גאָרטן, וואו אַנדערע, די אינגערע, האָבן זיך געפונען און זיך געשפּילט. אַלע, אַלע האָבן זיך אַריינגעשטופּט אין זאַל, וואו זייער טאַטע, זייער זיידע, זייער עלטער־זיידע איז געזעסן מיט זיינע לויכטנדיקע בלאַס־בלויע אויגן און מיט זיין קלוגן שטערן.

— און איך האָב בלויז אינוועסטירט צוויי דאָלער מיט צוואַנציק סענט, — האָט ער פאַרגעזעצט. — דאָס איז געווען מיט אַ פינף־און־פופציק יאָר צוריק. און איר וועט זיין איבערראַשט, ווען איר וועט זיך דערוויסן, אַז די דאָזיקע צוויי דאָלער מיט צוואַנציק סענט האָבן מיר אַריינגעטראָגן אַ ריזיקן פאַרמעגן. די ערשטע יאָרן זיינען מיר צוגעקומען בלויז דרייסיק פּראָצענט מיט איין דריטל. שפּעטער האָט דאָס מיר אָנגעהויבן אַריינטראָגן גאַנצע הונדערט פּראָצענט און דערנאָך צוויי הונדערט און דריי הונדערט. איצט טראָגט דאָס אַריין גאַנצע דריי טויזנט פּראָצענט. די שענסטע זאַך אָבער פון דעם אינוועסטמענט איז דאָס, וואָס נאָכדעם וואָס איך וועל אַוועק פון דער וועלט און אייער מאַמע וועט אויך אַוועק פון דער וועלט, וועט זיך ערשט דאָס פאַרמעגן טאָן אין איין הויבן און הויבן, אין איין פאַרמערן און פאַרמערן.

— פון בלויז צוויי דאָלער מיט צוואַנציק סענט? — גלייבט זיך ניט דער איינגסטער איידעם זיינער, דער אינשורענס־אַגענט.

— און פאַרוואָס האָסטו אונז, זיידע, ביז אַהער ניט דערציילט? — רופט זיך אָן זיין פופצנטער אייניקל, בערנאַרד, אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן, וואָס האָט געאַרבעט אין די אָוונטן צו שפּאָרן געלט פאַר קאַלעדזש.

— און פון וואָס באַשטייט דיין פאַרמעגן? וואו האַלטסטו דיין פאַרמעגן?

— פאַרוואָס איך האָב אייך פריער ניט געזאָגט? — באַטראַכט ער זיין אייניקל בערנאַרד און אַלע פאַרזאַמלטע מיט זיינע צעגלאַנצטע ברילן. — ס׳איז דערפאַר, ווייל איך האָב געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, ווען איר אַלע וועט זיין פאַרזאַמלט. און וואו איך האַלט מיין פאַרמעגן? וועל, גאָלדע מיין ווייב, זאָל איך זיי זאָגן?

— אַוודאי, זאָג זיי, — לאַכט גאָלדע זייער פריילעך.

— יאָ, זאָג, זאָג! — הערן זיך קולות.

— ניין, איך וועל אייך ניט זאָגן! — שיינען זיינע אויגן מיט לוסטיקייט. — איר מוזט אַליין טרעפן.

ברעכן זיך די קינדער און די אייניקלעך די מוחות: וואָס אַזוינס איז טאָקע דער גרויסער פאַרמעגן, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן בלויז פון צוויי דאָלער מיט צוואַנציק סענט?...

און די מאַמע גאָלדע זייערע האָט יאָ געוואוסט וואָס אַזוינס ער מיינט

מיטן גרויסן פאַרמעגן. ווייל ניט איין מאָל, אין בעט, ניט קענענדיק איינ־שלאָפן, האָבןביידע געציילט זייער פאַרמעגן. און די קינדער האָבן געזען אין דער מאַמעס אויגן, אַז זי ווייסט. האָט מען אונטערגעשיקט צו איר דאָס צווייטע אור־אייניקל, אַ מיידעלע מיט גאָלדענע לאָקן און מיט דעם זיסטן חן־גריבעלע אויף דער לינקער באַק, אַ גרויסער ליבלינג דער באָבעס, אויסנאַרן ביי איר דעם סוד. און גאָלדע האָט ניט געקאָנט ביישטיין אָט דעם אור־אייניקל און איר געזאָגט:

— דער גרויסער פאַרמעגן, נאַרעלע, דאָס ביזטו און אַלע אונזערע קינדער, און אייניקלעך, און אור־אייניקלעך. און די אינוועסטמענט פון צוויי דאָלער מיט צוואַנציק סענט איז: צוויי דאָלער האָט אים געקאָסט אַרויסנעמען די „מערידזש־לייסענס" (הייראַט־שיין) און צוואַנציק סענט האָט געקאָסט דאָס רינגעלע, וואָס ער האָט מיר אָנגעטאָן אויפן פינגער...

סטיווי

די קינדערלעך פון בלאָק האָבן גלייך דערשמעקט, אַז זלמן דער שוסטער האָט זיי זייער גערן, און זיי זיינען איבערגעלעגן ביי אים אין וואַרשטאַט. ס'איז זיין ריידן צו זיי מיט זיין געדיכטער וואַרעמער באַריטאָן שטימע, ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, וואָס האָט זיי געבראַכט; ס'איז דער פריילעכער פינקל אין זיינע באַברילטע בלאָס־בלויע אויגן, וואָס האָט זיי געצויגן; ס'איז זיין שפּאַסן מיט זיי אויף אַ גוטמוטיקן אופן, וואָס האָט זיי גענומען.

ס'איז אָבער געווען נאָך גאָר אַ וויכטיקע סיבה, וואָס זיי זיינען אַזוי ווילדיק געלאָפן צו אים: ער האָט געגעבן פּעניס. אמת טאַקע, מען האָט זיך פריער געדאַרפט פאַרדינען. אָבער ס'איז געווען זייער גרינג זיך צו פאַרדינען ביי אים. אַלץ וואָס מען האָט געדאַרפט טאָן איז זינגען פאַר אים. — און וואָס פאַר אַ קינד קאָן דען ניט זינגען? ס'האָט אים ניט געאַרט אַ וואָס פאַר אַ לידלעך, אַבי זינגען. ס'זיינען געווען קינדער,

וואָס האָבן געהאַט אַ רייכן רעפּערטואַר פון לידלעך. ס׳זיינען אָבער אויך געווען קינדער, וואָס אַחוץ דעם אַמעריקאַנעם הימן האָבן זיי גאָרניט געוואוסט. און אַז מען זינגט דעם אַמעריקאַנעם הימן, דאַרף מען דאָך זיך אויפשטעלן.

האָט טאַקע זלמן דער שוסטער איבערגעריסן זיין אַרבעט, זיך אויפגעשטעלט און געשטאַנען אַ גלייכער, אַן אויסגעצויגענער, מיט גרויס רעספּעקט.

די ידיעה, אַז דאָרטן און דאָרטן וואוינט אַ אידישער שוסטער, וואָס טיילט פּעניס, האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל, און אָפט זיינען געקומען צו לויפן פאַרסאָפּעטע קינדער פון גאָר ווייטע גאַסן, זיך איבערצייגן, צי ס׳איז טאַקע אמת די זאַך, אָדער ס׳איז בלויז אַ לעגענדע.

און אַזוי ווי זלמן דער שוסטער, וואָס האָט אונטן זיין וואַרשטאַט און אויבן זיין דירה, וואוינט שוין גאַנצע 35 יאָר אויף דעמזעלביקן אָרט, קומען אָפט צו אים שוין דערוואַקסענע מענער און פרויען און פרעגן אים, צי געדענקט ער זיי, ווי זיי פלעגן קומען צו אים אין שאָפּ זינגען, ווען זיי זיינען געווען קינדער, און ער פלעגט זיי געבן אַ פּעני דערפאַר.

— איז איינמאָל שפּעט אין טאָג, — דערציילט מיר זלמן דער שוסטער מיט זיין יום־טובדיק קול, — זיינען געווען ביי מיר אין שאָפּ אַ היפּשע צאָל קינדער. יעדעס קינד האָט געזונגען לויט דער ריי און איך האָב אי געהערט, אי דערווייל זיך געטאָן מיין אַרבעט, געקלאַפּט פּלעקלעך, געלייגט לאַטקעלעך וכדומה. אַ גאַנצער שטויס פּעניס איז געלעגן פאַר מיר אויפן טישעלע נאָענט צו דער האַנט. און אַז אַ קינד האָט פאַרענדיקט זיין לידל, האָב איך אים גלייך דערלאַנגט זיין כשר־פאַרדינטע פּעני, און דאָס קינד איז אַרויסגעלאָפן מיט גרויס פרייד אין גאַס זיך צו קויפן עפּעס אַ זיסקייט.

און אָט אַזוי קינד נאָך קינד האָט זיך אָפּגעזונגען זיינס, ביז ס׳איז איבערגעבליבן בלויז איין יאַטל פון אַ יאָר אַכט, וואָס איז געקומען פון אַ ווייטער גאַס, געשטאַנען די גאַנצע צייט עפּעס אַ צעשראָקענער.

— וואָס זינגסטו ניט? — מאַך איך צו אים מיט פריינטלעכקייט.

— איך קאָן ניט, — צעוויינט זיך דאָס בחורל מיט ביטערע טרערן.

— אויב דו קאָנסט ניט זינגען, — טרייסט איך אים, — איז אפשר קאָנסטו מיר דערציילן עפּעס אַ מעשה.

קאָן דאָס אינגל קיין מעשה אויך ניט דערציילן און פאַרגייט זיך אין געוויין, און מיר גייט אויס דאָס האַרץ נאָך אים און איך רוף זיך אָנעט:

— דערפאַר וואָס דו קאָנסט ניט זינגען, און קאָנסט אויך ניט קיין מעשה דערציילן, גיב איך דיר גאַנצע צוויי פעניס.

הערט־אויף דאָס בחורל וויינען, נעמט־צו די צוויי פעניס, אָבער איך זע, אַז ער איז גאָרניט פריילעך.

— וועל איך דיר געבן דערפאַר אויך אַ צוקערקע, — מאַך איך צו אים און ס׳גייט מיר שוין ממש אין לעבן אַרויסרופן ביים קינד אַ שמייכל. נעמט־צו דאָס יאָטל ביי מיר די צוקערקע, אָבער ער איז נאָך אַלץ אַ טרויעריקער...

פאַרשטיי איך שוין, אַז דאָס דאָזיקע בחורל איז, ווי מען זאָגט, אַ פילנדיקער, און אַז ער איז ניט פריילעך דערפאַר וואָס ער האָט געזען, אַז ער האָט ניט כשר פאַרדינט די צוויי פעניס מיט דער צוקערקע וואָס איך האָב אים געגעבן.

— ווייסטו וואָס, ווי אַזוי איז דיין נאָמען? — רוף איך זיך אָן צו אים.

— סטיווי.

— ווייסטו וואָס, סטיווי? דו גיי אַהיים און לערן זיך אויס זינגען עפעס אַ לידל, און אַז דו וועסט זיך דאָס גוט אויסלערנען, קום צו מיר צוריק, און זינג דאָס פאַר מיר. און וועסט זיך זייער לייכט קאָנען אויס־לערנען, מחמת דו האָסט אַ שיין קולכל, אַז ס׳איז אַ מחיה צו הערן.

און ער האָט טאַקע געהאַט זייער אַ שיין קולכל. איך האָב דאָס גע־קאָנט באַמערקן, ווען ער האָט גערעדט צו מיר. ער האָט זיך אָבער מערער ניט געיאַוועט...

דערווייל זיינען אַוועק אַ סך יאָרן. איינמאָל שטעלט זיך אַריין צו מיר אין שאַפּקע אַ בחור פון אַ יאָר פיר־ אָדער פינף־און־צוואַנציק, זייער שיין אָנגעטאָן, און ער שמייכלט צו מיר פריילעך. שמייכל איך פריילעך צו אים צוריק און זאָג אים:

— וואָס, אַ שטייגער, קאָן איך טאָן פאַר דיר, יונגערמאַן?

— אַ פעני, — שטרעקט ער אויס די האַנט.

— אַ פעני? — מאַך איך צו אים אין שפּאַס. — דאַרפסט אָבער פריער עפעס זינגען פאַר מיר.

טראַכט ניט דער בחור לאַנג, שטעלט זיך אַוועק אינמיטן שאַפּ, עפנט דאָס מויל, און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? עפּעס גאָר אַ פידעלע אין זיין האַלז. און ניט גאָר איין ליד זינגט ער פאַר מיר, גאָר תיכף אַ צווייטע, אַ דריטע און אַ פערטע.

— יאָ, האָסט זיך כשר פאַרדינט די פּעני, — דערלאַנג איך אים אויף אַ קאַטאָוועס די מטבע.

מיינט איר, אַז ער נעמט זי ניט צו? נאָך ווי אַזוי! און זיינע שוואַרצע אויגן צעשיינען זיך מיט אַזאַ שמחה, אַקוראַט ווי ער וואָלט אַריינגעכאַפּט דאָ עפּעס דאָס גרויסע געווינס.

— דאָס בין איך סטיווי, — קוקט ער אויף מיר מיט דערוואַרטונג.

— איר געדענקט מיך?

— סטיווי?! — גיב איך אַ לויף דורך אין מיין זכרון און איך דערמאָן זיך אָן דעם קליינעם יאַטל, וואָס האָט זיך צעוויינט, מחמת ער האָט ניט געקאָנט זינגען.

— יאָ, סטיווי! — דערפרייט ער זיך. — פון זינט יענעם טאָג איז אין מיר אַריין אַזאַ גרויסער חשק זיך אויסלערנען זינגען, עפּעס ווי אַזאַ מין ליידנשאַפט איז אין מיר אַריין, געוואָלט קומען פאַר אייך און ערלעך פאַרדינען מיין פּעני.

— וואָס־זשע ביסטו ניט געקומען?

— די עלטערן האָבן זיך איבערגעקליבן קיין פילאַדעלפיע. דאָרטן זיך געלערנט ביי גוטע לערער... שוין געזונגען אויף דער ראַדיאָ און אויף טעלעוויזיע. איצטער האָט מען מיך גענומען אין האָליוואוד... און אַז איך בין געקומען קיין האָליוואוד, האָב איך זיך גלייך געריסן אייך זען... אָבער ס'האַרץ האָט מיר אַזוי געקלאַפּט: טאָמער, האָב איך גע־טראַכט, לעבט איר שוין פון לאַנג ניט. ערשט איך קום צו — דאָס זעלביקע הויז, און דער זעלבער שוסטער־שאַפּ, און איר אַליין, פּונקט ווי גאָרניט, קלאַפּט זיך פלעקלעך מיטן האַמער...

דער איינאונאײנציקער אָרעמאַן

זלמן דער שוסטער באַרימט זיך אַז ער איז דער איינאונאײנציקער אָרעמאַן אין דעם שטעטל וואו ער וואוינט. ס׳איז אַ שטעטל אין קאַליפאָרניע, ניט ווייט פון לאָס אַנדזשעלעס, וואָס צוליב דעם זייער גוטן קלימאַט און זייער שיינער לאַנדשאַפט האָבן זיך אַהינצו פאַרקליבן גאָר רייכע מענטשן און דאָרטן אויסגעבויט זייערע פּאַלאַצן.

די באַן־קאָמפּאַניע האָט געדאַרפט אויסלייגן אַ וועג פאַר אירע צוגן, איז איר אויסגעקומען פּונקט דאָרטן, וואו ס׳שטייט זלמנס שטיבל, וואו אונטן האָט ער זיין שאַפּקע און אויבן, זיין דירה. און איבער גאַנץ אַמעריקע וועט איר, דאַכט זיך, ניט טרעפן אַזאַ מין שוסטער־שאַפּקע. כ׳מיין ניט אין דער אַרכיטעקטור. ס׳איז אַ געוויינלעכע קראָם מיט אַ פּאָר פענצטער, וואָס גייען אַרויס צו דער גאַס, אָבער אַז מען גייט פאַרביי דאָרטן מוז מען זיך אָפּשטעלן. קודם־כל די שילד איבער דער טיר: „דער פילאָסאָפישער שוסטער"; דערנאָכדעם די פיל אויפשריפטן און פּסוקים און אויך געדיכטן, באַקלעפּט אויף אַלע פענצטער. און אַז איר קומט אַריין אינעווייניק אין שאַפּקע, זיינען די ווענט אויסגעקלעפּט מיט נאָך מערער פּסוקים, אויפשריפטן און געדיכטן, און אויך בילדער פון די גרויסע הומאַניטאַרע פירער, און צווישן זיי אויף אַ פּראָמינענט פּלאַץ דאָס בילד פון יודזשין וו. דעבס.

און די אויפשריפטן, פּסוקים און געדיכטן, וואָס זיינען געדרוקט מיט דער האַנט אין געצאַצקעטע אותיות, זיינען אַרויסגענומענע ציטאַטן פון די באַרימטסטע הומאַניטאַרע דענקער, פילאָסאָפן, פּאָעטן אין דער וועלט־ליטעראַטור און אויך פון תנ"ך און נייעם טעסטאַמענט. די טרעפלעכסטע געדאַנקען, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן אָרעם און רייך, וועגן מלחמה און שלום, וועגן דעם זין פון לעבן — דאָס אַלץ וועט איר געפינען אויף די פענצטער און אויף די ווענט אין דער דאָזיקער שאַפּקע פון פילאָסאָפישן שוסטער.

אויך וועט איר געפינען אין אַלע ווינקעלעך אַ סך אידישע צייטונגען

פון פיל לענדער. ער לייענט, זלמן דער שוסטער, אַלצדינג וואָס האָט אַ שייכות צום אידישן לעבן. און ער האָט קיינמאָל אין קיין אוניווערסי־טעט ניט געלערנט און אַפילו ניט אין קיין עלעמענטאַרער שול. ס׳איז פשוט פון זיך אַליין, מיט דער הילף פון זיין נאַטירלעכער חכמה.

מיט יודזשין וו. דעבסן האָט זיך זלמן דער שוסטער געקענט פער־זענלעך, ווען ער האָט אַמאָל געוואוינט אין אַ שטעטל אין טענעסי. ער האָט אויך מיט אים איינמאָל געמאַכט אַ לחיים. ער האָט טאַקע געזאָגט, זלמן, דאָס וואָרט „לחיים" ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט מיט זיין גלעזל אין דעבסעס. און ווען דעבס האָט אים געפרעגט, וואָס אַזוינס מיינט „לחיים", האָט אים זלמן דער שוסטער געזאָגט, אַז ס׳מיינט: צום לעבן, „טו לאַיף", האָט דעבס זיך זייער שיין צעשמייכלט און געזאָגט, אַז ס׳איז דאָס בעסטע וואָרט אין פיל שפּראַכן, וואָס מען זאָגט ווען פריינט טרינקען אַ גלעזל משקה.

און פונקט ווי מענטשן האָבן ליב צו גיין אונטן אין שאַפּקע געניסן פון זלמנס גייסטיקער שפּייז, אַזוי האָבן מענטשן ליב צו גיין אויבן אין שטיבל, וואו זיין ווייב גאָלדע „קיניגט", צו געניסן פון אַן אַנדער סאָרט שפּייז. אַזאַ פּאַסטראַמי, סאַלאַמי ווי זי מאַכט מיט אירע בריהשע הענט קאָן מען גאָר אין ערגעץ ניט פאַרזוכן. און זי האָט ליב, אַז שכנים זאָלן פאַרזוכן. זי האָט אויך ליב צו שטעלן איר אייגענעם וויין, און ניט גלאַט אַזוי אַ היימישן שוואַכן וויין.

זי שטאַמט גראָד ניט פון בעסאַראַביע, דאָס לאַנד פון פּאַסטראַמיס, סאַלאַמיס און וויינען. זי שטאַמט גאָר פון דער ליטע. אָבער פאַרוואָס זי האָט אַזאַ ליידנשאַפט צו מאַכן מיט אירע אייגענע הענט די דאָזיקע געווירציקע פּאַסטראַמיס און שאַרפע משקאות, וועט מען נאָך דאַרפן אויספאָרשן. זי אַליין קוקט אויס ווי אַ אידישע פרוי פון בעסאַראַביע, אַ הויכע, אַ געפּאַקטע, אַ וואַרעמע, אַ רויטלענדיקע און לאַכנדיקע. שטענדיק רק זי לאַכט, און שטענדיק רק זי רויטלט זיך.

און די קינדער פון בלאָק און אויך פון גאָר וויטע בלאָקס, האָב איך אייך שוין דערציילט, האָבן אויך ליב צו קומען צו זלמן דעם שוסטער, וואָס מאַכט פריילעך מיט אַ גוט־ווערטל און אויך מיט אַ פּעני, אַזוי אַז ווען די באַן־קאָמפּאַני האָט געדאַרפט דורכלייגן אַ וועג פאַר אירע צוגן פונקט דאָרטן, וואו זלמנס שאַפּקע און הייזקע געפינען זיך, איז געוואָרן

אַ פּאַניק צווישן אַלע זיינע גוטע פריינט. און דאָס דורכלייגן אַ וועג פאַר דער אייזנבאַן האָט, פאַרשטייט זיך, זיך אָנגעהויבן מיט דער הסכמה פון די שטאָט־טאַטעס, אַזוי אַז זלמנען האָט גאָרניט געקאָנט העלפן. אַ שטאָטישער געזעץ אַזאַ, אַז ער מוז זיך פאַרנעמען פון דעמדאָזיקן אָרט, וואו ער וואוינט שוין פאַר אַ פּאָר שיינע צענדליק יאָר, און וואו אַלע זיינע קינדער זיינען אויסגעכּאַוועט געוואָרן, און וואו ער מיט זיין ווייב האָבן דערוואָרבן אַזוי פיל גוטע פריינט.

שכנים האָבן אָנגעהויבן אַרומצוגייען מיט פּאַפּירן און אויך קינדער און געקליבן אונטערשריפטן, אַז די אייזנבאַן־קאָמפּאַניע זאָל עפּעס געפינען אַ מיטל און ניט גראָד דאַרפן צעוואָרפן זלמנס הייזל. ס׳איז געוואָרן זייער אַ לעבעדיקע קאַמפּאַניע פון אונטערשריפטן איבערן שטעטל.

אָבער זלמן דער שוסטער האָט אויך עפּעס געטאָן. ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו דער לאָקאַלער צייטונג, וואָס האָט עס גערן אָפּגעדרוקט, און דער בריוו האָט זיך געלייענט אַזוי:

„חשובע בירגער: ס׳שטייט געשריבן אין די הייליקע ביכער פון אַלע רעליגיעס, אַז גאָט האָט ליב דעם אָרעמאַן. אויך אונזער גוטער אַלטער איבערעהעם לינקאָלן האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט ליב דעם אָרעמאַן, אַ סימן, אַז ער האָט זיי באַשאַפן אַזוי פיל אויף דער וועלט. און איך, ווי איר ווייסט, בין ביי אייך דער איינאונאיינציקער אָרעמאַן אין שטעטל, און אין מיין זכות דולדעט גאָט אויך די איבעריקע איינוואוינער. דעריבער, צוליב אייער טובה וועגן, זעט אַז איך זאָל בלייבן צווישן אייך.

זלמן, דער פילאָסאָפישער שוסטער.“

צי זלמן דער שוסטער איז טאַקע דער איינאונאיינציקער אָרעמאַן דאָרטן אין דעם רייכן שטעטל, איז נאָך אַ פראַגע. ס׳זיינען דאָ אַחוץ אים נאָך אַ סך אָרעמעלייט, וואָס וואוינען אין די אָרעמע הייזקעס אין עק פון שטאָט. אויף זיין בלאָק אַליין זיינען דאָ ברוך־השם גענוג אַזוינע ווי ער. אָבער דער דאָזיקער בריוו איז זייער געפעלן געוואָרן די בירגער און זיי האָבן ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון זייער שטעטל אַזאַ טשיקאַווען און פריילעכן מענטשן, און מען האָט שוין געזען אַז די באַן־רעלסן זאָלן אָוועקגעלייגט ווערן אַ ביסעלע ווייטער.

איז ווען איך זיץ אין זיין שאַפּקע און פאַרברענג מיט אים אין אַ פריילעכן שמועס, ווי ס'טוען מיט אַמאָל אַ ציטער־אויף די ווענט, און ס'גיט זיך אַ טרייסל דאָס גאַנצע שטיבל ווי פון אַן ערדציטערניש, און דער אַלטער זלמן לאַכט צו מיר און זאָגט:

— שרעקט זיך ניט, ס'איז בלויז די באַן. איך און מיין פרוי האָבן זיך שוין צוגעוואוינט. פאַרקערט, ווען ס'טרעפט אַמאָל און די באַן פאַרשפּעטיקט זיך, ווייסן מיר שוין ניט וואָס איבערצוטראַכטן...

דער רויטער איד

זלמן דער שוסטער דערציילט מיר ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע:

— דאָס איז געווען אַפּנים מיט אַ זעכציק יאָר צוריק. יאָ טאַקע אין 1893. ס'איז געווען די כאָלירע אין רוסלאַנד. גאַנץ אַמעריקע האָט געלאַכט, ווען זי האָט מיך דערזען. ס'איז איר זייער געפעלן געוואָרן מיין שטרויענע שליאַפּע. קיילעכדיק ווי אַ דורבי, און אויך האַרט ווי אַ דורבי מיט אַ גראָבן ברייטן דעניק. אַזוינע שליאַפּעס זעט מען שוין ניט היינטיקע צייטן, סיידן אין די מוזעאומס.

און דאַר בין איך געווען ווי אַ לולב, און דער ברוסט־קאַסטן איז מיר געווען אַזוי איינגעפאַלן, אַז מען האָט דאָרט אַזש געקאָנט אַריינלייגן אַ לאַבן ברויט. מיינע שטיוועלעך, וואָס איך האָב געטראָגן דעמאָלט אויף מיינע פיס, זעט מען שוין אויך ניט היינטיקע צייטן. ווי האַלבע שטיוול האָבן זיי אויסגעקוקט. די כאָליעוקעס, טיילווייז פון גומי. מיינע הויזן זיינען געווען גרין. ס'הייסט, געדאַרפט האָבן זיי גראַד זיין שוואַרץ, אָבער זיי האָבן אָפּגעבליאַקעוועט אויף גרין. און מיין שוואַרץ רעקל איז געווען צו־גרויס אויף מיר. אין דעם דאָזיקן רעקל האָט מען געקאָנט איינוויקלען עטלעכע זלמנס. ס'איז געווען איבערגעגעבן פון מיין טאַטנס. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן, ווען איך בין נאָר אָנגעקומען קיין

אַמעריקע. מיט איין האַנט האָב איך צוגעהאַלטן מיין רעקל, און מיט דער צווייטער מיין זאַק. אין זאַק זיינען געלעגן מיינע תפילין און דער גרויסער קישן, וואָס מיין מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן. מען האָט געזאָגט, אַז אין אַמעריקע קאָן מען גאָרניט קריגן קיין קישן, סיידן מען נעמט זיך מיט פון דער היים.

געדאַרפט האָט מיך אַראָפּנעמען פון דער שיף מיין רייכער פעטער איטשע, און אַראָפּגענומען האָט מיך גאָר אַ פרעמדער איד, אַ הויכער מיט אַ רויטער באָרד, און מיט גניבהשע גרינע אויגן.

ווי קום איך צו דעם דאָזיקן אידן?

ס'איז געווען אַזוי: ווי נאָר דאָס קליינע שיפל, וואָס האָט אונז אַראָפּגענומען פון דער גרויסער שיף, האָט אונז געבראַכט צום ברעג, זיינען אונז באַפאַלן אַ סך אַמעריקאַנער אידן. צווישן די אַמעריקאַנער אידן זיינען געווען ברידער, פעטער, שוועסטער, מומעס, אָדער גלאַט אַזוי קרובים, וואָס זיינען געקומען אָפּוואַרטן די נאָר־וואָס אָריבער־געקומענע. ס'זיינען אָבער אויך געווען אַזעלכע צווישן זיי, וואָס זיינען ניט געווען קיין ברידער, ניט קיין פעטערס, ניט קיין שוועסטער און מומעס און אפילו ניט קיין קרובים. אינגאַנצן ווילד־פרעמדע. און אַזעלכע צווישן די ערשט־אַריבערגעקומענע, וואָס האָבן קיינעם ניט געהאַט ווער ס'זאָל זיי אָפּוואַרטן, האָבן די דאָזיקע אידן זיי אָפּגעוואַרט.

איבער מיר האָבן זיך צוויי אַזעלכע אידן געשלאָגן. כ'מיין טאַקע מיט די הענט. דער איד מיט דער רויטער באָרד האָט געזאָגט: „ס'איז מיין מצווה". און אַ צווייטער איד מיט אַ שוואַרצער באָרד האָט געזאָגט: „ס'איז מיין מצווה!" געוואונען האָט דער איד מיט דער רויטער באָרד. ער איז פּשוט געווען אַ סך העכער און אַ סך געזינטער פון יענעם.

— קום, יונגערמאַן, איך וועל דיך נעמען צו מיר, — האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ גוט קול, — ביז וואַנעט מיר וועלן אויסגעפינען וואו דיין פעטער איטשע וואוינט.

אויף קאַנאַל סטריט האָט ער געוואוינט. ער האָט געהאַט אַ סאַלון, אָבער דער סאַלון איז געווען געשלאָסן, ווייל ס'איז געווען שבת. ער האָט מיך אַריינגענומען אין הינטערשטן צימער, און דאָרטן האָט זיין פרוי, אַ פולע אידענע מיט אַ שיינעם גוטן פּנים, מיך מיט גרויס פריינטשאַפט

באַגעגנט, צוגענומען פון מיר דעם זאַק, געהייסן מיר זיך וואַשן די הענט און זיך זעצן צום טיש.

און וואָס־זשע זאָל איך אייך זאָגן? דאָס עסן וואָס זי האָט מיר געגעבן ליגט מיר נאָך היינט אין טעם. זי האָט מיר דערלאַנגט געהאַקטע לעבער מיט ציבעלקעס, און נאָכדעם יויך מיט עוף, קוגל און פלוימען־צימעס און אַלץ פון דער ברייטער האַנט. און איך — ויאכלו, ווי אין פּסוק שטייט.

נאָכדעם ווי איך האָב זיך גוט אָנגעגעסן, זאָגט מיר דער איד איך זאָל זיך לייגן שלאָפן, זיך אויסרוען פון וועג.

— מען דאַרף דאָך לאָזן וויסן דעם פּעטער איטשען? — טענה איך.

איז וועגן מיין פּעטער איטשען זאָל איך זיך שוין גאָרניט זאָרגן. מאַכט צו מיר דער איד מיט דער רויטער באָרד און מיט די גניבהשע אויגן. זאָל איך זיך נאָר אויסרוען.

טייערע אידן אין אַמעריקע, טראַכט איך צו זיך. ווילן פאַרדינען אַ מצווה, האָבן זיי מיך גוט אָנגעקאָרמעוועט, און איצטער ווילן זיי איך זאָל זיך אויסשלאָפן.

אויפגעכאַפּט האָב איך זיך עט־עט, ווען ס׳איז שוין געווען פינצטער, און די פרוי שמייכלט צו מיר און זאָגט:

— אַ גוטן אויפשטאַנד אויף דיר, יונגערמאַן? קלעמט דיר אפשר דאָס האַרץ? אָט קאָכט זיך אַ גוטער באָרשטש.

און דער דאָזיקער באָרשטש ליגט מיר אויך נאָך איצט אין טעם.

איך קום פון אַן אָרעמער הויז. מיין טאַטע איז געווען אַ שוסטער, מיין זיידע אַ שוסטער. און פון דער מאַמעס צד שטאַם איך אויך ניט פון מסוכנע גבירים. און ווען האָב איך געגעסן אַזאַ מחיהדיקן פעטן באָרשטש אין אונזער הויז?

— נו, און דער פּעטער איטשע?

— וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי וועגן פּעטער איטשען? — מאַכט צו מיר דער איד. — ס׳פעלט דיר דען דאָ עפּעס ביי אונז אין שטוב?

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווידער אַ גוטער אויפשטאַנד אויף דיר, און צי ס׳קלעמט מיר שוין ניט ס׳האַרץ, און זי דערלאַנגט מיר די גוטע שמעקנדיקע קאַווע מיט פרישע זעמל, מיט הערינג. פרעג איך ניט קיין שאלות און רייב, ווי גאָט האָט געבאָטן.

— אָבער דער פּעטער איטשע?

— ווידער אַמאָל דער פּעטער איטשע! — צעשרייט ער זיך שוין אויף מיר, דער איד. — ער וועט ניט אַנטלויפן, דיין פּעטער איטשע...

טאַקע, וואָס איז מיר דאָ שלעכט, — טראַכט איך צו זיך, — אָבער מיר איז פונדעסטוועגן קשה, וואָס מען לאָזט מיך ניט אַרויס אין דרויסן, אָנקוקן אַמעריקע. איך וועל נאָך פאַרבלאָנדזשעט ווערן, האָבן זיי מורא. איך זאָל בעסער זיצן אין הויז.

און ווידער אַמאָל אַ גאַנצן טאָג נאָר מען שטאָפּט מיך, ווי אַ גאַנז צו דער שחיטה. אָבער טאָמער וויל איך זיך אַרויסכאַפּן אין דרויסן, ווי עס וואַקסט אויס דער איד, אָדער זיין פרוי, און מען לאָזט מיך ניט. און אַלץ, ווייל זיי האָבן מורא איך וועל פאַרבלאָנדזשעט ווערן. און וועגן מיין פּעטער איטשען האָב איך שוין מורא אַפילו צו דערמאָנען.

דעם דריטן טאָג אינדערפרי, געטשאַטעוועט אַ מאָמענט, ווען קיינער האָט ניט געזען, און איך האָב זיך טאַקע אַרויסגעכאַפּט אין גאַס. אָבער זייענדיק אויף דער גאַס איז מיר באַפאַלן אַזאַ מורא פאַר דער פרעמדער וועלט, מיט די משונהדיק־אָנגעטאָנענע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגע־שטעלט און געלאַכט פון מיר, אַז איך האָב גלייך געוואָלט לויפן צוריק אין הויז אַריין, ווי ס׳מאַכט צו מיר מיט דער האַנט אַן עלטערע אידישע פרוי. גיי איך צו, און זי רופט זיך אָנעט:

— אַנטלויף, יונגערמאַן פון דעם דאָזיקן רויטן. ער מאַכט פון דיר אַ פרנסה. ער גייט זיך צו דער שיף, נעמט אַראָפּ גרינע, האַלט זיי אָפּ עטלעכע טעג און דערנאָכדעם רעכנט ער אפשר פינף דאָלער אַ טאָג פאַר עסן און שלאָפן. איך וואוין דאָ אַנטקעגן און קוק זיך צו...

— און ווי אי דער דיך, אַז מען האָט ניט צו באַצאָלן? — פרעג איך.

— שיקט ער אַרבעטן, — ענטפערט זי מיר. — ער האָט שוין אַזוינע פּלעצער, וואו מען דאַרף האָבן אַרבעטער. און מען אַרבעט, און מען אַרבעט, און מען קאָן זיך קיינמאָל ניט אויסצאָלן.

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן?

— האָסט עפּעס אַן אייגענעם צי אַ קרוב?

— יאָ, מיין פּעטער איטשע, — ווייז איך איר דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט זיין אַדרעס.

קאָן זי אָבער ניט איבערלייענען דעם אַדרעס. אָבער דערפאַר נעמט

זי זיך אונטער מיך צופירן אויף עסעקס סטריט אין אַ שול און דאָרטן, צווישן אידן, וועל איך שוין ניט פאַרפאַלן ווערן.

האָט זי מיך צוגעפירט צו אַ שול אויף עסעקס סטריט. און צווישן אידן בין איך טאַקע ניט פאַרפאַלן געוואָרן...

דער רייכער פעטער איטשע

— **מיין פעטער איטשע**, מיין פעטער איטשע, שוין לאַנג אויף יענער וועלט. מיין פעטער איטשע האָט מיך אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע. איך האָב אַריבערגעבראַכט מיין שוועסטערביילקען. מיין שוועסטערביילקע האָט אַריבערגעבראַכט דער שוועסטער זלאַטען. זלאַטע האָט אַריבערגעבראַכט דער מאַמען און דעם ברודער יאָסלען. דערנאָכדעם האָט זלאַטע אויך אַריבערגעבראַכט איר חתן עלין. עלי האָט אַריבערגעבראַכט זיין ברודער טודרוסן. זיין ברודער טודרוס האָט אַריבערגעבראַכט זיינע צוויי שוועסטער, פריידלען און ביילען. זיינע צוויי שוועסטער פריידל און ביילע האָבן אַריבערגעבראַכט אַ פלימעניצע גליקל, וואָס איז געווען אַ יתומה. די פלימעניצע די יתומה האָט אַריבערגעבראַכט אַ חתן, אַבראַשאַ דער צירולניק. אַבראַשאַ דער צירולניק האָט אַריבערגעבראַכט זיין טאַטן און מאַמען, מיט זיינע צוויי שוועסטער. אַבראַשאַס טאַטע האָט אַריבערגעבראַכט זיין ברודער מיט דער פאַמיליע. דעם טאַטנס ברודער האָט אַריבערגעבראַכט זיין וויבס פאַמיליע. זיין וויבס פאַמיליע האָט אַריבערגעבראַכט אַנדערע קרובים. און אַזוי ווייטער און ווייטער...

און אַלע די אַריבערגעקומענע האָבן דאָך געבוירן קינדער אין אַמעריקע. און די קינדער אין אַמעריקע האָבן אויך געבוירן קינדער. און דאָס איז שוין אַ מעשה פון זיבעציק יאָר. היינט שטעלט זיך פאָר, וויפיל טויזנטער און טויזנטער געפינען זיך דאָ אין לאַנד, וואָס אַז מען זאָל וועלן דערציילן ווי אַזוי זיי זיינען געקומען אַהער, דאַרף מען פריער אָנהייבן מיט מיין פעטער איטשען.

און ווי אַזוי איז מיין פעטער איטשע געקומען קיין אַמעריקע?

אַ שוסטער־אינגל איז געווען מיין פעטער איטשע אין דער היים, און שטענדיק זיך געריסן אין דער גרויסער וועלט. און איינמאָל אַ טאָג, — פאַרשוואונדן מיין פעטער איטשע. ניטאָ. וואו? ווען? — ווייסט מען ניט. ערשט אין אַ יאָר אַרום, קומט אָן אַ בריוו צו מיין טאַטן, וואו ער שרייבט אים אַזוי:

— מיין טייערער ברודער שלמה, זאָלסט נאָר געזונט זיין. זיי וויסן, אַז איך געפין זיך אין אַמעריקע, אין דער שטאָט ניו־יאָרק. ס'זיינען דאָ דאָרטן אַ סך, אַ סך אידן. פאַר אידן איז דאָס דאָס בעסטע לאַנד אין דער וועלט. זיי האָבן דאָרטן אַלע פראַוועס (רעכט). מען דאַרף גאָרניט קיין מורא האָבן וואָס מען איז אַ איד. און זיך בייגן אינדרייען פאַר יעדן פּאָליצייסקע, ווי אין חזירשן רוסלאַנד. איך אַרבעט ניט ביי קיין שיך, נאָר ביי פוטער. איך פאַרדין אין איין וואָך, וויפיל דו פאַרדינסט פון שוסטעריי אפשר פאַר דריי חדשים...

און כדי צו באַווייזן, אַז עס זאָגט ניט קיין ליגן, האָט ער אויך מיט־געשיקט זיין פאָטאָגראַפיע, וואו ער ווערט געוויזן אין רייכע קליידער, אין אַ מאַנישקע מיט אַ גאַלסטוק, און מיט אַ גאָלדענער קייט אויפן זשילעט.

און ווען ס'איז מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער אָנגעקומען פון פעטער איטשען ווידער אַ בריוו מיט אַן אַנווייזונג אויף צען דאָלער, איז דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען כאָדאָראָם. און איר ווייסט דאָך וואָס ס'האָט געמיינט מיט אַ זיבעציק יאָר צוריק צען דאָלער.

און דערנאָכדעם איז ניט אַוועקגעגאַנגען קיין פּסח צי אַ ראש־השנה, אַז ס'זאָל ניט אָנקומען פון פעטער איטשען עפּעס אַ געלט־מתנה. און אין פאַרלויף פון יאָרן איז ער געוואָרן ביי אונז אין שטוב אַ מין לעגענדע: דער רייכער פעטער איטשע אין אַמעריקע. און אַז מיין עלטערער שוועס־טער ביילקען האָט מען אָנגעהויבן צו ריידן שידוכים, האָט דער שדכן אָנגעגעבן אין נדן דעם רייכן פעטער איטשע אין אַמעריקע. און אַז דער דאַך איז איינגעפאַלן אין אונזער אַלטער הויז, האָט מען גע־שריבן צום פעטער איטשען אין אַמעריקע. און אַז מיין מאַמע האָט שטאַרק אָנגעהייבן צו ליידן אויפן מאָגן, און דער דאָקטער אין דער גרויסער שטאָט האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף איר מאַכן אַן אָפּעראַציע,

האָט מען געשריבן צום פּעטער איטשען. און דער פּעטער איטשע האָט זיך שטענדיק אָפּגערופן.

און דאָ איינמאָל אַ טאָג, איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַרום זעכצן יאָר, קומט אָן פון פּעטער איטשען אַ שיפסקאַרטע פאַר מיר מיט צוואַנציק דאָלער אויף הוצאות. ס'האָט גענומען כמעט אַ יאָר ביז איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די מניעה איז געווען מיין טאַטנס קראַנקהייט, און נאָכדעם זיין טויט. די מניעה איז אויך געווען אין דעם קישן. אָן אַ קישן האָט מיך מיין מאַמע גאָר ניט געוואָלט לאָזן קיין אַמעריקע. און דאָס פליקן פעדערן פאַרן קישן האָט איר גענומען זייער לאַנג. שפּעט אין דער נאַכט, ווען מיר זיינען שוין געשלאָפן אין הויז, פלעג איך זי זען זיצן אין איר בעט. אויפן טישל דערביי האָט גע־טשאַדעט דאָס פאַרדרויכערט לעמפּל, און זי האָט מיט גרויס געדולד געפליקט די גענזענע גרויסע פעדערן און געוואָרפן דעם פוך אין אַ זיפּ.

הכלל, ס'איז ענדלעך אָנגעקומען דער טאָג, און כמעט דאָס גאַנצע שטעטל צוזאַמען מיט מיינע אייגענע האָבן אַרויסבאַגלייט ביז דער בריק מיך, דעם אָרעמען שוסטער־אינגל, וואָס גייט ווערן אַ גרויסער גביר אין אַמעריקע, פונקט ווי זיין פּעטער איטשע. און אַז איך וועל ווערן דאָרטן אַ גרויסער גביר, איז ביי קיינעם גאָר קיין ספק ניט געווען. ביי מיר אויך ניט.

נו, ווי אַזוי איך האָב געגנבעט די גרענעץ און דער מוליכער (דער שמוגלער) האָט מיך באַשווינדלט, דאַרף איך אייך דאָך ניט דערציילן. מען האָט שוין וועגן די שמוגלערס אַ סך ביכער געשריבן. און וועגן דעם, ווי אַזוי די רייזע מיט דער שיף האָט גענומען גאַנצע צוואַנציק טעג, איז דאָס מסתמא אויך ניט קיין נייס.

איך וועל אייך נאָר דערציילן, ווי אַזוי איך האָב זיך באַגעגנט מיט מיין רייכן פּעטער איטשען. אין דער שול אויף עסעקס סטריט, האָט זיך דער שמש אונטערגענומען מיך אָפּפירן צו דער הויז וואו מיין פּעטער איטשע האָט געוואוינט. און גראַד, האָט דער שמש געזאָגט, וואוינט ער אָט־דאָ ניט ווייט. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גאַס מיט אָפּ־געקראַכענע פאַרחושכטע הייזער, און איך טראַכט ביי זיך: זאָל אויף אַזאַ אָרעמער גאַס וואוינען מיין רייכער פּעטער איטשע? און אַז ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ פינצטערן קאָרידאָר, וואו ס'האָט מיר

גלייך אַ זעץ געטאָן אין דער נאָז אַ גרויסער עיפּוש, בין איך שיער ניט אומגעפאַלן. און אַז מיר האָבן אָנגעהייבן צו גיין אויף שמאָלע טרעפּ, גיין און גיין פון איין שטאָק ביזן צווייטן, און פון אַלע טירן האָבן זיך געהערט קולות און געוואַלדן, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ הויז וואוינען ניט די גבירים אין אַמעריקע...

אָן אָרעמער פעטער איטשע, אָן אַ גאָלדענער קייט אויפן זשילעט און אָן אַ ווייסער מאַנישקע מיט אַ גאַלסטוק, ווי איך האָב אים געזען אויף דער פאָטאָגראַפיע, האָט מיך באַגעגנט. און געקליידט איז ער אויך ניט געווען ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע. די מומע איטע איז אויך ניט געווען ווי אויף דער צווייטער פאָטאָגראַפיע, וואָס דער פעטער איטשע האָט אונז צוגעשיקט, ווען ער האָט חתונה געהאַט. און די צוויי קינדער־לעך, אַ אינגעלע מיט אַ מיידעלע — אויך ניט ווי אויף דער דריטער פאָטאָגראַפיע. אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע קינדערלעך האָב איך גע־טראָפן, און מען האָט גלייך געקאָנט זען, אַז זיי זיינען נעבעך הונגעריק אין אַמעריקע. דער אמתער דלות איז געווען אין שטוב...

שפּעטער האָט זיך דער פעטער איטשע פאַר מיר פאַרענטפערט, אַז פאַראיאָרן, ווען ער האָט מיר אַרויסגעשיקט די שיפסקאַרטע, איז אים נאָך געווען גוט. דאָס הייסט, ס'איז געווען אַרבעט אין שאָפּ. איצטער איז ניטאָ קיין לעק אַרבעט, כאָטש שטרעק זיך אויס. שוין ניין חדשים אַזוי, און ער האָט שוין פאַרזעצט פון זיך דאָס העמד. און אַז איך האָב אים געגעבן די פינף דאָלער, וואָס איז מיר געבליבן פון די צוואַנציק, וואָס ער האָט מיר געשיקט אויף הוצאות, איז געוואָרן אין הויז אַ גרויסע שמחה. די מומע איטע איז גלייך געלאָפן איינקויפן, און אַ וועטשערע האָט זי יענע נאַכט געקאָכט, טאַקע ווי ביי די גרויסע גבירים. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זען, ווי די קינדערלעך קנאַקן מיט די ציינער, ווי די גאָר גוטע באַלמעלאָכעס.

מיין געלעגער איז געווען אויף אַ מאַטראַץ, אויסגעבעט אויף דעם דיל. איך האָב מיר געווײנט אין דער שטיל, און זיי, די אַמעריקאַנער וואַנצן, האָבן זיך שטאַרק געפרייט. זיי האָבן מיר שוין אָפּגעגעבן דעם ריכטיקן ברוך הבא...

ס׳וואַלגערט זיך גאָלד אין אַמעריקע

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער רופט זיך אָן צו מיר מיין פעטער איטשע.

— ווילסטו זען, זלמן, ווי ס׳וואַלגערט זיך אויבנאויף גאָלד אויף דער ערד דאָ אין לאַנד?

מיין איך, אַז ער נעמט מיך, דעם גרינעם, ווי מען זאָגט, אויפן נאַניעמביק — אויף חוזק, הייסט דאָס. איר ווייסט דאָך ווי מען האָט ליב אַ גרינעם אָפּצוטאָן פאַרשיידענע שפּיצלעך. רוף איך זיך אָן אויך מיט חוזק:

— פאַרוואָס, פעטער איטשע, הויבט איר דאָס ניט אויף? איר פוילט זיך מסתמא?

— שפּאַס אָן אַ זייט, — מאַכט ער צו מיר ערנסט. — אַ פּאָר בלאָק אַוועק פון דאַנען (און ער זאָגט מיר דעם נומער פון הויז) איז דאָ אַ סאַלון, איז דאָרטן די גאַנצע פּאָדלאָגע אויסגעשפּרייט מיט זילבערנע דאָלערס. אפשר פינף טויזנט צי נאָך מערער.

— וואָס פאַר אַ משוגענער צעוואָרפט דאָס אויף דער פּאָדלאָגע אַזוי פיל גאָלד? — זע איך שוין, אַז מיין פעטער איטשע מיינט דאָ ניט קיין קאַטאָוועס.

— ער איז שוין גאָרניט קיין משוגענער, דער דאָזיקער באַלעבאָס פון סאַלון, — ענטפערט מיר מיין פעטער ווידער גאַנץ ערנסט. — ער איז זייער אַ רייכער מאַן. „דער זילבערנער טשאַרלי״ רופט מען אים, און ער טוט אַ סך טובות די פּעדלער, אָדער אַנדערע מענטשן, וואָס ווערן צוליב עפּעס אַרעסטירט. ער איז אויסגעבונדן מיט אַלע עלטסטע פון דער פּאָליציי און אַפילו מיט די ריכטער.

הכלל, וישכם זלמן בבוקר, און ס׳האָט זיך אויפגעפּעדערט, איך, זלמן, דער גרינער בחור, אויף צו מאָרגנס, אַוועקגעלאָזט זיך צום סאַלון זען דעם וואונדער.

דער דאָזיקער סאַלון האָט זיך געפונען, דאַכט זיך מיר, אויף פיר-און־פערציק עסעקס סטריט. אַריינגיין אינעווייניק ,לאַט אַזוי האָב איך

זיך געשעמט. בין איך געשטאַנען אין דרויסן און געוואַרט ביז עמיצער וועט אַריינקומען אָדער אַרויסגיין דורך דיביידע טירלעך, וואָס פלעגן זיך אַן עפן־טאָן מיטאַמאָל. און אָט איז עמיצער אַריינגעקומען און ביידע טירלעך האָבן זיך געגעבן אַן עפן מיטאַמאָל, און איך האָב מיינע אויגן ניט געוואָלט גלייבן — די גאַנצע פּאָדלאָגע האָט געשיינט מיט ווייסע זילבערנע דאָלערס. אַזוי פיל געלט, און ס׳וואַלגערט זיך אויף דער ערד, האָב איך נאָך אויף מיין לעבן ניט געזען. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, כ׳בין דעמאָלט געשטאַנען און זיך געפרייט, וואָס איך בין אַריינגעפאַלן אין אַזאַ רייכער מדינה.

וועט איר מסתמא פרעגן: נו, האָט דער באַלעבאָס פון סאַלון ניט מורא געהאַט, אַז מענטשן וועלן אויפהויבן די דאָזיקע דאָלערס פון דער ערד, ווען קיינער וועט ניט קוקן, און אַריינלייגן צו זיך אין קעשענע? האָט מען אָבער שוין גאָרניט געקאָנט אויפהויבן פון דער ערד די דאָזיקע זילבערנע דאָלערס, מחמת זיי זיינען געווען גאַנץ פעסט אַריינגעזעצט אין דער פּאָדלאָגע, איינגעפלאַסטערט.

און ניט נאָר פון דער פּאָדלאָגע האָבן געשיינט די ווייסע זילבערנע דאָלערס, נאָר אויך פון דעם שענדעליער. אַ ריזיקער שענדעליער איז געהאַנגען פון דער סטעליע און ס׳זיינען געווען איינגעפאַסט אין אים, גאָרניט קיין גוזמא, אפשר טויזנט זילבערנע דאָלערס. איך האָב שוין דעמאָלט געטראַכט, אַז דאָס וואָס מען האָט זיך דערציילט ביי אונז אין שטעטל, אַז אין אַמעריקע וואַלגערט זיך גאָלד אויף דער ערד, איז ניט אינגאַנצן אויסגעזויגן פון פינגער...

איך הונגער אין אַמעריקע

— **אין דער היים**, ביי מיין טאַטן דעם שוסטער, האָב איך דאָך גענוג געהונגערט, אָבער ווי קומט דאָס צו אַמעריקע! דאָ אין אַמעריקע איז אַלץ מיט אַ גרויסן פּאַרנעם, אַפילו דאָס הונגערן. איר שפּילט זיך מיט אַמעריקע ?!

איך ווייס ניט ווי איר, נאָר איך, אַז איך בין הונגעריק, קאָן איך ניט איינשטיין אויף איין פּלאַץ. איך מוז אַרומגיין. גראָד האָט איינער, אַ יונה, אַ שיפס־ברודער, אַ בחורל אין מיינע יאָרן, אַ שרעקלעך דאַרער, אָבער זייער אַ הויכער, וואָס איך האָב נאָכדעם אָנגעטראָפן אויף עסעקס סטריט, מיר געזאָגט, אַז ווען מען וויל עסן און ס׳איז ניטאָ וואָס, איז גלייכער צו זיצן אויף איין פּלאַץ, פילט מען ניט אַזוי שאַרף דעם הונגער. אָבער ביי מיר איז געווען פּונקט קאַפּויר: אַז איך בין געזעסן אויף איין פּלאַץ, זיינען מיר די געדערים שיער ניט צעריסן געוואָרן.

דאָס יאָר 1893, ווען איך בין אָנגעקומען אַהער אין לאַנד, איז געווען זייער אַ שווער יאָר פאַר די אַרבעטער. מען איז אומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג. אויף דער באַוערי, האָט עפּעס אַ צדקה־געזעלשאַפט, אַ קריסט־לעכע, געטיילט ברויט און סופּ, זיינען דאָרטן געשטאַנען טויזנטער מענטשן, איטאַליענער, איירישע, אידן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אויף קאַנאַל סטריט, לעבן סקווערל, האָט אַן אַנדער צדקה־געזעלשאַפט, אַ אידישע, געטיילט ברויט און סופּ, זיינען דאָרטן אויך געשטאַנען טויזנטער און טויזנטער אידן, ווייבער און קינדער... מיין „רייכער" פעטער איטשע איז דאָרטן אויך געשטאַנען, און די מומע איטע, און זייערע צוויי קינדערלעך, און מיך דעם גרינעם אויך מיטגענומען.

מיין פעטער איטשעס אַ באַקאַנטער, בערל וואָלף, האָט געהאַט אַ שניידער־שאַפּ, האָט ער מיך אַהינצו אַריינגענומען און מיר צוגעזאָגט אויסלערנען די מלאכה. פון קיין שכירות, פאַרשטייט זיך, איז קיין רייד ניט געווען, בלויז פאַרן עסן. איז אָבער די צרה געווען וואָס פון עסן, וואָס זיין ווייב האָט מיר געגעבן, בין איך יעדע מינוט געלאָפן. אַלע

טאָג — רק בעבלעך, און מיין מאָגן האָט פּשוט זיך געשטעלט קעגן. דער באָס, בערל וואָלף, טאַקע אויסגעקוקט ווי אַ וואָלף, איינגאַנצן אַ באַוואַקסענער, זעענדיק ווי איך האַלט אין איין לויפן, האָט די ערשטע טעג בלויז געבורטשעט און מיר גאָרניט געזאָגט. נאָר איינמאָל אַ טאָג, האָט ער עפּעס שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן, זיך אויף מיר צעשריען און מיך אַרויסגעטריבן פון שאַפּ. זיין שאַפּ, האָט ער געזאָגט, דאַרף ניט האָבן ביי זיך קיין ק — — רס. און אַמעריקע, האָט ער נאָך צוגעגעבן, דאַרף אויך ניט האָבן אַזעלכע.

שפּעטער האָב איך שוין געבענקט נאָך די דאָזיקע בעבלעך. איך האָב שוין דאָס אויך ניט געהאָט. איינער אַ איד פון דער עסעקס סטריט שול, הערשל קאַמינקער (ווי איך געדענק אַזוי קלאָר די נעמען!), האָט מיך אַריינגענומען אין זיין שאַפּ. אויך אַ שניידער־שאַפּ. אָבער ניט אויף צו אַרבעטן. מיך בלויז געלאָזט שלאָפן דאָרטן ביינאַכט. און געשלאָפן דאָרטן זיינען אפשר ביי אַ צוועלף אידן, ערשט־אַריבער־געקומענע. ס'זיינען געווען צווישן זיי גוטע שניידער, און זיי האָבן טאַקע געאַרבעט ביי דעם דאָזיקן הערשל קאַמינקער. פון די שכירות, וואָס ער האָט זיי געגעבן, האָבן זיי קוים געהאַט אויפן עסן, אָבער ניט אויף אַנדינגען זיך ערגעץ אַ „לאָזשי". זיינען זיי געשלאָפן אין שאַפּ.

צום פּעטער איטשען האָב איך ניט אַריינגעשמעקט. ער האָט מיר דווקא געזאָגט, איך זאָל קומען צו אים יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס, און וואָס גאָט וועט געבן, וועט זיין אויך פאַר מיר. האָט אָבער אים גאָט ניט געגעבן, איז במילא שוין אויך ניט געווען פאַר מיר.

און דאָ מוז איך אייך דערציילן, ווי אַזוי טשאַרלי טשאַפּלין, ניט ווי־סנדיק אַפילו, האָט מיר שפּעטער מיט יאָרן נאָכגעמאַכט, אין איינער פון זיינע מואוויס. איך ווייס ניט, צי איר האָט געזען די דאָזיקע מואווי. ווי טשאַרלי טשאַפּלין, זייער אַ הונגעריקער, לויפט אַרום אויפן באָרדוואָק אין קוני־איילאַנד און דערזעט פלוצלונג צוויי מענטשן שטייען זיך און שמועסן, און איינער פון זיי האַלט אַ מיידעלע אויף זיינע הענט און דאָס מיידעלע עסט אַ „האָט־דאָג". דערזעענדיק טשאַרלי טשאַפּלינען, לאַכט זי צו אים. לאַכט ער צוריק צו איר מיט זיינע חנעוודיקע וואָנצעלעך, און שטרעקט אויס דאָס מויל און בייסט אָפּ עטלעכע מאָל פון איר „האָט־

דאָג״, וואָס זי האַלט אין הענטל. פאַרשטייט זיך, ער טוט דאָס כלומרשט ווי דאָס וואָלט געווען אַ שפּיל אַזאַ, און ניט ווייל ער איז, חלילה, הונגעריק.

ווען איך האָב געזען די דאָזיקע מוּאווי, בין איך נשתומם געוואָרן: ווי גענ יאַל איז זיין פאַנטאַזיע, האָב איך געקלערט, ווייל מיט מיר אַליין האָט דאָס געטראָפן טאַקע אין יענע הונגעריקע טעג. איך האָב איינמאָל דערזען אויף אַ סטופּ אין מאַנראָו סטריט אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעקס מיט אַ גרויס רעפטל ברויט געדיכט אָנגעשמירט מיט פּאָווידלע (אַזאַ פלוימען־איינגעמאַכץ). נו, שטעלט זיך שוין פאָר, ווי ס׳האָט געטאָן אַ שפּיל אין מיר דער הונגער צו דער פּאָווידלע מיט ברויט! האָב איך געטאָן, פּונקט ווי טשאַרלי טשאַפּלין אין זיין מוּאווי. געמאַכט צו איר שטיפעריישע העוויות און זי האָט געלאַכט. נאָכדעם, אַז איך האָב געזען, אַז איר האַרץ איז גוט צו מיר, האָב איך אויסגעשטרעקט מיין מויל און געכאַפּט עטלעכע ביסן פון איר פּאָווידלע מיט ברויט. די מאַמע אירע האָט דאָס דערזען דורכן פענצטער און אַ געשריי געטאָן צו מיר:

— אַוועק, דו לויפער! אָט גיס איך דיך באַלד אָפּ מיט אַן עמער וואַסער! געזען אַזוינס, צונעמען גאָר דעם ביסן פון קינדס מויל?!

בין איך אַנטלאָפן. אָבער די פּאָר ביסנס פּאָווידלע מיט ברויט האָבן ערשט צערייצט מיין אַפּעטיט און איך האָב געפילט עפּעס אַזוי בייז, ווי נאָר חרוב צו מאַכן די וועלט.

אויף נאָרפאָלק סטריט, צי אויף סאַפאָלק סטריט, — איך געדענק שוין ניט גענוי, — איז געווען דער בית־המדרש הגדול. שטיי איך אַזוי אין דרויסן לעבן דעם בית־המדרש הגדול, אַ שבת, און איך חלש ממש פון הונגער. קומט אָן דער הויכער יונה, מיין שיפס־ברודער. קלאָג איך זיך פאַר אים. זאָגט ער צו מיר:

— אויב דו וועסט ניט זיין קיין נאַר, וועסטו קאָנען עפּעס אָפּעסן.

— גוט, — זאָג איך צו אים, — איך וועל ניט זיין קיין נאַר, אַבי עפּעס אָפּצועסן.

פירט מיך יונה אַוועק ערגעץ אויף האָוסטאָן סטריט אין אַ קלויסטער. דערזע איך דעם קלויסטער, שטאַרבט אין מיר אָפּ דאָס האַרץ, ווייל איך בין געווען זייער אַ פרומער.

— קום אַריין, — מאַכט ער צו מיר, — דאָרטן אינעווייניק געפינען זיך גאָלע אידן.

גיי איך אַריין אינעווייניק, זיצן טאַקע דאָרטן גאָלע אידן, פּרויען אויך. אַלע, פאַרשטייט זיך, הונגעריקע. אויפן באַלעמער שטייט אויך אַ איד מיט אַ לאַנגער באָרד און אַ יאַרמולקע און האַלט אַ דרשה, געמישט מיט העברעאישע פּסוקים. אין זיין דרשה וויל ער באַווייזן, אַז דאָס וואָס אידן הונגערן אין אַמעריקע איז דערפאַר, וואָס מען וויל ניט אָנערקענען, אַז ישו הנוצרי איז דער אמתער משיח. דער דאָזיקער איד, וואָס האָט געהאַלטן די דרשה, האָט אויסגעקוקט ווי אַ רב, מיט אַ הדרת פּנים. דאָס איז געווען דער באַרימטער מיסיאָנער אין יענער צייט, רעווערענד וואַרשאַווסקי.

נאָך דער דרשה האָט ער אַלע אידן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי אָנערקענען, אַז ישו הנוצרי איז געווען דער אמתער משיח, אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער, נאָענט דערביי, וואו קריסטלעכע רייכע פּרויען האָבן סערווירט טיי מיט סענדוויטשעס פון קעז.

— גיי צום רעווערענד וואַרשאַווסקי, — שטופּט מיך יונה, — און זאָג אַז דו אָנערקענסט אויך ישו הנוצרי אַלס משיח, וועט מען דיר געבן אַ סענדוויטש מיט טיי.

ס'האָט מיר דורכגעבליצט דעמאָלט אין געדאַנק, ווי אידן אין דער שפּאַנישער אינקוויזיציע האָבן זיך געלאָזט פאַרברענען צוליב זייער איי־דישקייט. און איך זאָל זיך גאָר פאַרקויפן פאַר אַ סענדוויטש? „ניין, זלמן", זאָג איך צו זיך. און איך בין אַרויס אינדרויסן און זיך געלאָזט לויפן מיט אַזאַ אימפּעט, ווי עמיצער וואָלט זיך נאָכגעיאָגט נאָך מיר...

דאָס בעט

דאָס איז געווען אויף מאָנראָו סטריט, ניינצן מאָנראָו סטריט, מיר דאַכט זיך, אויפן ראָג פון פּאַיק סטריט. כ׳גיי מיר אַזוי פּאַרביי אין אַ פרימאָרגן און פּלוצלונג טוט מיין נאָז אַ דערפּיל דעם ריח פון קאַווע, און דער הונגער אין מיר הייבט־אָן צו שרייען געוואַלד. (און דאָ מוז איך אייך געבן אַביסל אינפאָרמאַציע וועגן מיין נאָז. בשעת איך אַרבעט ביי מיין מלאכה, איז פון די שאַרפע ריחות פון לעדער, און פון די פאַרשיידענע שמירעכצן, ווערט מיין נאָז אויס נאָז. ווערט פאַרשטאָפּט, ווי מיט אַ קאָרעק, און קאָן ניט דערפילן קיין שום ריח. ווען ס׳גייען אָבער אַוועק עטלעכע טעג און איך אַרבעט ניט ביי מיין מלאכה, ווערט מיין נאָז צוריק אַ נאָז, ווי ביי לייטן, און זי דערפילט שוין יעדן ריח). יאָ, טוט מיין נאָז אַ דערפּיל דעם ריח פון קאַווע, און דער הונגער אין מיר הייבט אָן שרייען געוואַלד. כ׳טו אַ קוק צום פענצטער, דערזע איך דאָרטן אויסגעמאָלן אַ שוך, און ס׳שטייט אָנגעשריבן אין אידיש: „דאָ קויפט מען אַלטע שיך און מען פאַרריכט אַלטע שיך.״ נעם איך זיך אָן מיט כוח, און גיי אַריין אינעווייניק. באַגעגנט מיך אַ פריילעך אידל מיט אַ שוואַרץ בערדל און רופט זיך אָנעט צו מיר:

— וואָס דאַרפט איר, יונגערמאַן?

— איך בין אַ שוסטער נאָך פון דערהיים, — זאָג איך, — און אפשר דאַרפט איר אַן אַרויסהעלפער?

— איצי־לייביש, — טוט דאָס אידל אַ רוף, — ס׳איז געקומען אַ יונגערמאַן און זאָגט, אַז ער איז אַ שוסטער נאָך פון דערהיים.

קומט אַרויס פון צווייטן אַלקער דער איצי־לייביש, אַ טרויעריקער, לאַנגער איד מיט אַ שיטער קליין בערדל, מעסט מיך אָפּ פון אויבן ביז אַראָפּ און טוט אַ זאָג:

— צוויי דאָלער אַ וואָך מיט עסן און מיט „לאָזשי״.

און דאָ אינעווייניק אין שטוב טוט מיר ערשט דער ריח פון דער קאַווע אַ דערלאַנג אין דער נאָז אַריין, אַז איך חלש שיער. און אויפן טיש

ליגט אַ פעטער שמאַלץ־הערינג אויף אַ טעלער און ווינקט צו מיר מיט אַן אויג, און דאָס היימישע קאָרן־ברויט לעבן טעלער נעמט מיר ממש דאָס חיות. טראַכט איך ניט לאַנג און זאָג:

— גוט, איך בין מסכים.

און לאָמיך אייך זאָגן, כ׳האָב דאָך שוין געטרונקען אויף מיין לעבן קאַווע, כ׳האָב דאָך שוין פאַרזוכט אויף מיין לעבן שמאַלץ־הערינג, כ׳האָב דאָך שוין געגעסן אויף מיין לעבן היימיש קאָרן־ברויט, אָבער דעם טעם וואָס איך האָב געפילט יענעם פרימאָרגן נאָך עטלעכע טעג אומ־ברחמנותדיקן הונגער, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך האָב אַפּנים זייער שנעל געשלונגען, און דאָס פריילעכע אידל מיטן שוואַרצן בערדל, וואָס האָט געהייסן נחומקע, רופט זיך אָנעט צו מיר:

— איר אַרבעט עפּעס אַזוי שנעל, ווי איר עסט?

— איר וועט זיין צופרידן, — ענטפער איך אַביסל פאַרשעמט, — איר וועט שוין זען.

אָפּגעגעסן, האָב איך דערפילט, אַז די גאַנצע וועלט איז מיינע, און נעם זיך צו דער מלאכה מיט גרויס חשק, און איך זע, אַז סיי נחומקע און סיי איצי־לייביש קוועלן אָן פון מיר. דערווייל אַזוי אַרבעטנדיק באַטראַכט איך מיר דעם אַרום אין דעם דאָזיקן הויז, ווייל ס׳איז מיר עפּעס אויסגעקומען, אַז די „לאָזשי״, וואָס מען האָט מיר צוגעזאָגט, וועט דאַכט זיך זיין אויף דער פּאָדלאָגע. אין דעם דאָזיקן הויז איז געווען בלויז אַ שטוב מיט אַן אַלקער. אין שטוב איז געווען אי דער שוסטער־וואַרשטאַט, אי די קיך, אי דאָס אָרט וואו מען האָט געהאַלטן די סחורה. דאָס הייסט, די אַלטע צעריסענע שיך. אין אַלקער איז געשטאַנען איין גרויסע בעט, און דאָס אַלץ. טראַכט איך מיר: דאָס בעט איז דאָך מסתמא פאַר די באַלעבאַטים, און וואו־זשע וועל איך שלאָפן? אָבער איך זאָג גאָרניט און וואַרט ביז ס׳וועט קומען דער אָוונט.

דערווייל דערוויס איך זיך, אַז נחומקע און איצי־לייביש זיינען צווי ברידער, ערשטע אַ זעקס חדשים אין לאַנד.ביידע האָבן אויס־געקוקט עלטער ווי זייערע יאָרן, מחמת זייערע בערדלעך. אין אמתן, איז דער איצי־לייביש, דער עלטערער פון די צוויי, געווען קוים אַ פיר יאָר עלטער פון מיר. ביידע זיינען געווען ערשט־פאַרהייראַטע און האָבן שטאַרק געבענקט נאָך זייערע פרויען, וואָס זיינען איבערגעבליבן אין

זייער היים־שטעטעלע ערגעץ אין דער אוקראַינע. באַזונדערס האָט גע־בענקט דער איצי־לייביש, דער טרויעריקער. ער פלעגט זייער שיין קאָנען אויספייפן מיט זיינע ליפּן פאַרשיידענע ניגונימלעך. אָפטמאָל אין אַ ביינאַכט פלעגט ער זיצן אויפן סטופּ און האַלטן אין איין אויספייפן בענקענדיקע שטיקעלעך.

נחומקע, דער איינגערער, האָט ניט געקענט קיין שוסטעריי, גאָר געווען אַ קירזשנער אינדערהיים. ער האָט זיך אָבער אויסגעטויגט אויף איינצוקויפן אַלטע שיך. ער האָט זיך אויך אויסגעטויגט אין קאָכן. פלעגט אונז אָפּקאָכן אַמאָל אַ קאַשע מיט יויך, ווי אַן אמתע בריה אַ באַלעבאָסטע, און זי האָט געהאַט, די קאַשע מיט יויך, אַלע טעמים. ביידע זיינען געווען שותפים פון זייער שוסטער־ווערקשטאַט, און געזאַמלט געלט אויף אַריבערצוברענגען זייערע פרויען. זיי פלעגן איינקויפן אַלטע צעריסענע שיך, זיי פאַרריכטן און דערנאָכדעם זיי פאַרקויפן צו אַ סוחר אין דער סאַוט. די סאַוט, מיט אַ גרויסער אָרעמער נעגערשער באַפעלקערונג, איז שטענדיק געווען אַ גוטער מאַרק פאַר איבערגעניצעווטע שיך.

יאָ, קערן מיר זיך אום צוריק צום ערשטן טאָג, וואָס איך האָב גע־אַרבעט ביי זיי. זיך גוט אָנגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג, זיך אויך גוט אָנ־געגעסן. נחומקע דער פריילעכער האָט זייער גוט געקאָרמעט. קומט דער אָוונט, מיינע אַלע ביינער זיינען מיד און צעבראָכן און איך טו אַ פרעג:

— וואו וועל איך שלאָפן?

— דאָרטן אין בעט, — מאַכט צו מיר נחומקע.

— און וואו וועט איר שלאָפן?

— אויך דאָרטן אין בעט, — ענטפערט ער.

— און וואו וועט אייער ברודער שלאָפן?

— אויך דאָרטן אין בעט.

מילא, טראַכט איך, ס׳איז אַ גרויס בעט, קאָנען שלאָפן דאָרטן דריי מענטשן. איך זע אָבער, ס׳קומט אַריין אַ איד, זיין פּנים שוואַרץ, די הענט שוואַרץ. אַ קוילנמאַן איז ער געווען. און נחומקע זאָגט, אַז דער קוילנמאַן שטייט ביי זיי איין און צאָלט אַ דאָלער אַ חודש.

— וואו־זשע שלאָפט ער? — פרעג איך.

— אויך דאָרטן אין בעט, — ענטפערט ער מיר אַ פריילעכער.

פיר מענטשן, טראַכט איך צו זיך, וועט שוין זיין אַביסל ענג אַפילו

אין אַזאַ גרויסן בעט. נו, מילא, וואָס קאָן מען זיך העלפן? דערווייל עפנט זיך די טיר און ס'קומט אריין אַן אוקראַינישער פּויער, יאַקאָב האָט ער געהייסן, און נחומקע זאָגט מיר, אַז יאַקאָב איז אַ לאַנדסמאַן זיינער, שטייט אויך איין ביי זיי און צאָלט אַ דאָלער אַ חודש.

— וואו וועט ער שלאָפן?

— אויך דאָרטן אין בעט, — ענטפערט ער מיר אין דעם זעלביקן טאָן ווי פריער.

וואונדער איך זיך שוין, ווי אַזוי וועלן פינף מענטשן קאָנען שלאָפן אין איין בעט. איך זאָג אָבער גאָרניט און וואַרט. זע איך, ווי איצי־לייביש טראָגט אַריין פון דער שטוב פינף הילצערנע קעסטלעך און שטעלט זיי אויס לענג־אויס דעם בעט. דער ערשטער האָט זיך אויס־געטאָן דער קוילנמאַן און זיך געלייגט אין בעט, אָבער ניט אין דער לענג, נאָר אין דער ברייט, אַזוי אַז זיינע פיס האָבן גערוט אויף איינעם פון די הילצערנע קעסטלעך, וואָס איצי־לייביש האָט פריער אַוועק־געשטעלט. דער צווייטער האָט זיך אויסגעטאָן יאַקאָב און זיך אויך אַנידערגעלייגט אין דער ברייט פון בעט, מיט די פיס אָנגעשפּאַרט אויף אַ קעסטל. דערנאָכדעם האָבן זיך אויך די צוויי ברידער אויסגעטאָן.

הכלל, פינף מענטשן זיינען מיר געשלאָפן אין איין בעט. און געשמאַק געשלאָפן אויך. הלוואי וואָלט איך איצטער, ווען איך ליג אַליין אין אַ גראַמען בעט, אַזוי געשמאַק געשלאָפן, ווי דעמאָלט צוזאַמען מיט פיר אַנדערע מענטשן. זומער האָט אַ ביסעלע געשטיקט, דערפאַר אָבער ווינטער איז געווען אַ מחיה וואַרעם, און די מעשיות, וואָס מיר האָבן זיך אָנדערציילט, מיט די וויצן... דער אוקראַינער פּויער יאַקאָב, האָט אויך געלאַכט פון די וויצן. ער האָט פאַרשטאַנען זייער גוט אידיש...

די צרה איז נאָר געווען — די קריכנדיקע. זיי זיינען אויך אַריבער־געקומען קיין אַמעריקע פון יענער זייט ים צוזאַמען מיט דעם דלות. און אפשר זיינען זיי געווען גאָר עכטע אַמעריקאַנער הונדערט־פּראָצענטיקע, וועמעס עלטער־עלטער־זיידעס זיינען נאָך אַריבערגעקומען מיט קאָלומ־בוסן, צי מיט דער „מעיפלאַוער".

אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך אַזוי געשמאַק געשלאָפן יענע יאָרן. מיט גרויס כוח איז מען געשלאָפן, און מיט גרויס בטחון....

אויף דער אַמאָליקער גרענד סטריט

— איז מיר געווען גוט ביי נחומקען און איצי־לייבישן. צורעכט גע־מאַכט שיך, געהאַט גוטע קעסט, געשלאָפן פינף־ביינאַנד אין גרויסן בעט. מיט די צוויי דאָלער אַ וואָך, וואָס מען האָט מיר צוגעזאָגט פאַר מיין אַרבעט, האָב איך זיך טאַקע קיינמאָל ניט אָנגעזען, אָבער איך האָב זיך ניט געזאָרגט, מחמת איצי־לייביש האָט מיר צוגעזאָגט באַצאָלן מיט־אַמאָל. עלעהיי איך זאָמל געלט אין אַ באַנק.

ס'איז געווען פריילעך אויף דער איסט־סייד יענע יאָרן. אַזוי פיל אידן פלעגן קומען טאָג־טעגלעך מיט די שיפן פון אומעטום, פון אַלע לענדער, און אויף גרענד סטריט אַלע פאַרנאַכט איז שטענדיק געווען אַ כמאַרע מענטשן.

אַ סך עלנטע מענטשן געווען דעמאָלט אויף דער איסט־סייד, ערשט אַריבערגעקומענע, פאַרלוירענע, דערשראָקענע. מען קאָן ניט די שפּראַך, מען פאַרשטייט ניט די היגע מנהגים און זיטן. דאָרטן, אויף גרענד סטריט, האָט מען זיך געפילט היימיש צווישן הונדערטער ערשט־אַריבערגעקומענע. איר וועט איצטער אויך דאָס באַמערקן אין די גרויסע שטעט אין אַמעריקע. אין די סקווערן, ווי אויף פּוירשינג־סקוועד אין לאָס אַנדזשעלעס, צי אויף יוניאָן־סקוועד אין ניו יאָרק, קומען זיך צונויף מענטשן, די עלנטסטע אויף דער וועלט, און מען שטייט צוזאַמען אין רעדלעך, און מען הערט ווי מענטשןריידן, און פון דעם שטיין צוזאַמען אין רעדלעך פילט מען זיך שוין ניט אַזוי עלנט.

אויף גרענד סטריט, אַז ס'איז געקומען דער פאַרנאַכט, האָבן זיך אַ סך גרינע אַהין געצויגן. ס'איז עפּעס דאָרטן אויסגעקומען, ווי אַ יאַריד ביינאַכט. אַזוינע מיני סטורקאַטשן האָבן געפלאַקערט לעבן די פּוש־קאַרטס. שורות און שורות מיט באַלויכטענע פּושקאַרטס, און פּעדלערס האָבן גערופן אויף אַלערליי קולות צו די קונים. איינער אַ פּעדלער, דאַכט זיך יעקב נתן האָט ער געהייסן, וואָס האָט פאַרקויפט כאַלוואַ, ניסלעך, באָקסערן און אַנדערע נאַשערייען, אַ מיטליאָריקער איד מיט אַ שיין קול,

האָט געזונגען לידלעך פון אידישן טעאַטער, און אַ סך פאַרבייגייענדיקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר זיין פּושקאַרט, הערן זיינע לידלעך. אויף די טראָטואַרן פאַרביי די ליכטיק־אָנגעצונדענע פענצטער פון די קראָמען האָבן אינגלעך און מיידלעך שפּאַצירט אַהין און צוריק, גערעדט הויך אויף אַ קול און געלאַכט הויך אויף אַ קול, אַז מען האָט גאָרניט געקאָנט דערקענען אויף זיי, אַז זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן שווערן טאָג אַרבעט אין די פינצטערע פאַרשטיקטע שעפּער. (און אין יענע יאָרן די שעפּער, ווייסט איר דאָך, וואָס פאַר אַ לעכער זיי זיינען געווען. און אין יענע יאָרן די אַרבעטס־שעהען, ווייסט איר דאָך, ווי ס׳איז גאָרניט געווען קיין שיעור צו זיי). ניט איין באַקאַנטשאַפט צווישן אינגל און מיידל האָט זיך דאָרטן אויף גרענד סטריט אָנגעהייבן, וואָס האָט געפירט צו אַ שידוך. און ניט איין גרינער איז דאָרטן געהאָלפן געוואָרן, אַנ־טרעפנדיק דאָרטן פּלוצלונג זיינעם אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז שוין לענגער אין אַמעריקע, און אים אַרויפגענומען צו זיך אין שאַפּ אַרבעטן. אַ סך אימיגראַנטן פון יענע יאָרן, ווען זיי וועלן אָנהייבן דערציילן ווי אַזוי זייער לעבן אין אַמעריקע האָט זיך אויסגעלייגט צום גוטן אָדער צום שלעכטן, וועלן זיי מוזן דערמאָנען אָט־די דאָזיקע גאַס, וואו זיי האָבן באַגעגנט דעם און דעם, און ס׳האָט שוין אינגאַנצן געענדערט זייער לאַגע.

אויך איך האָב אָנגעטראָפן אויף גרענד סטריט אַ לאַנדסמאַן, וואָס האָט אַ קערעווע געטאָן מיין לעבן אין אַ נייער ריכטונג, אויף וועלכער איך גיי נאָך היינט־צו־טאָג.

ס׳איז געווען אַ שבת אָונט. קיין חברים מיין גלייכן האָב איך נאָך ניט געהאַט. יונה דער הויכער, מיין שיפס־ברודער, מיט וועמען איך האָב זיך געחברט די ערשטע פּאָר חדשים, איז פאַרשוואונדן געוואָרן און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואוהין ער איז אַהינגעקומען. מיט קיין מיידל בין איך אויך נאָך דעמאָלט ניט אַרויסגעגאַנגען, כאָטשבי די נאַטור אין מיר האָט שוין זייער שטאַרק געצויגן צו דעם מין, וואָס ס׳איז ניט גוט אָן אים און ס׳איז ניט גוט מיט אים. פאַרשטייט זיך, אַז איך שפּאַס. ווען איך זאָג „ניט גוט מיט אים״, ווייל אויף מיין גאָלדען האָב איך זיך שוין גאָרניט וואָס צו באַקלאָגן, אָבער מענער האָבן שוין ליב אַזוי צו רעדן וועגן פרויען.

יאָ, שפּאַציר איך מיר אַזוי איבער גרענד סטריט אַ שבת אָונט, ווי

פלוצלונג דערזע איך אַ בחור, און איך קאָן שווערן, אַז דאָס איז דודי באַראָף, געווען באַקאַנט אין אונזער שטעטל פאַר אַן אַפּיקורס.

— דודי, אַ רוח דיר אין דיין טאַטן אַריין, ווי קומסט אַהער?!

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס שעלטן אין טאַטן אַריין איז מחמת גרויס פרייד.

האָבן מיר שוין ביידע אַרומגעשפּאַצירט איבער גרענד סטריט, און ער האָט מיך אויסגעפרעגט פון דער היים, מחמת ער איז שוין געווען צוויי יאָר אין לאַנד.

— דודי, אַ קרענק אויף דיר, — מאַך איך צו אים גוט־ברודעריש.

— ביזט נאָך אַלץ אַזאַ אַפּיקורס, ווי דו ביזט געווען אינדערהיים?

— נאָך אַן ערגערער, — לאַכט ער צו מיר מיט זיינע זייער ווייסע ציין.

זייער שיינע, ווייסע ציין האָט ער פאַרמאָגט. ער איז בכלל געווען אַ שיינער בחור, מיט פייערדיקע, שוואַרצע אויגן און מיט אַ געדיכטער שעוועליורע האָר. אינדערהיים האָב איך אים אויסגעמיטן, ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין גוטן נאָמען. ער האָט געלייענט טריפהנע ביכער, יום־כיפור ניט געפאַסט און מען האָט אויך געשמועסט, אַז ער רויכערט פאַפּיראָסן אום שבת. און ווי איר קוקט מיך איצט אָן, בין איך דעמאָלט געגען דאָס אמתע פרומע נאַרעלע. אַ יאָלד אין אַ קאַפּעליוש. דעם דאָזיקן שטרויענעם קאַפּעליוש, מיט וועלכן איך בין געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך געטראָגן אַפילו ביי דער אַרבעט. אין דעם שאַפּ, וואו איך האָב זיך פריער געלערנט שניידעריי, פלעגט דאָס אייזערנע שטעקעלע אויפן קעפל פון דער זינגער־מאַשין, וואָס גייט אַרויף און אַראָפּ, אַלעמאָל מיר אַ שטורכע טאָן אין קאַפּעליוש. אַז דער באַלעבאָס האָט מיר געזאָגט: „משוגענער זלמן, טו אויס דעם קאַפּעליוש, וועט דאָס דיר ניט שטורכען", — האָב איך אים געענטפערט:

— וואָס ווילט איר, איך זאָל זיצן אָן אַ היטל, ווי אַ גוי?

דערווייל, אַזוי ווי מיר שמועסן, רופט זיך אָן צו מיר דודי, אַז ס'הונגערט אים, און מיר גייען אַראָפּ אין אַ מילכיקן רעסטאָראַנטל, וואָס איז געווען אין אַ קעלער. דאָרטן זיינען געזעסן ביי די טישלעך אידן מיט בערד און געגעסן וועטשערע. דערלאַנגט מען אים אַ טעלער

באָרשטש, און דודי נעמט זיך גלייך עסן. רופט זיך בייז אָן אַ איד, וואָס איז געזעסןביים צווייטן טיש:

— משומד, אַ ברכה?

— אַ ברכה? — ענטפערט דודי אויך בייז. — ווער האָט געאַרבעט אויף מיין געלט, איך צי דער רבונו של עולם?!

— זאָלסט נאָר דערשטיקט ווערן, דו טריפהנער ביין! — מאַכט דער זעלביקער איד.

— אדרבה, — רופט זיך אָן דודי מיט אַ שמייכל, — לאָמיך טאַקע זען, ווי דער רבונו של עולם דערשטיקט. מיך איצט גלייך אויפן אָרט, דערפאַר ווייל איך האָב ניט געמאַכט קיין ברכה!

דערהערט אַזאַ זאַך, איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ גרויסער פחד און איך בין אַרויסגעלאָפן אינדרויסן. ביי מיר איז קיין שום ספק ניט געווען, אַז גאָט וועט אים דערשטיקן גלייך אויפן אָרט.

דודי איז ניט דערשטיקט געוואָרן, מיך צוריק אַריינגערופן, געלאַכט און געזאָגט צו מיר:

— אוי, כניאָקעלע, כניאָקעלע! מיינסט טאַקע אויף אָן אמת, אַז אויב ס׳איז דאָ אַ רבונו של עולם, גייט אים שטאַרק אָן צי איך מאַך אַ ברכה, צי ניט?

ער האָט מיט מיר גערעדט זייער אַ סך יענע נאַכט אויף גרענד סטריט וועגן גאָט און וועגן רעליגיע, און וועגן קאַפּיטאַל. און גערעדט האָט ער זייער שיין, און איך בין אַוועקגעגאַנגען פון אים אַ צעמישטער, אַ גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט שלאָפן...

און דער דאָזיקער דודי האָט מיך שוין ניט אָפּגעלאָזט. געקומען צו מיר יעדן טאָג, מיר געגעבן דעם „אבענד־בלאַט" צו לייענען, און דער־נאָכדעם אויך ביכלעך וועגן אַרבעטער און וועגן קאַפּיטאַל.

און דערנאָכדעם האָט ער מיך אויך געפירט צו מיטינגען. און צו די מיטינגען האָב איך זייער ליב געהאַט צו קומען. מען האָט דאָרטן געטראָפן אַזוי פיל מיידלעך און בחורים און ס׳איז געווען פריילעך.

אויף די דאָזיקע מיטינגען האָבן אַרויסגעטראָטן: אייב קאַהאַן, זאַמיעטקין, מאָריס ווינטשעווסקי, פייגענבוים, און נאָך און נאָך גרויסע סאָציאַליסטישע רעדנער. און די סאָציאַליסטישע רעדנער האָבן מיט אונז,

בחורים און מיידלעך פון שאַפּ, ניט לאַנג געדאַרפט איינקנעלן, אַז דער סאָציאַליזם איז גוט פאַר אונז; און מיר האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, אַזש די הענט האָבן אונז ווי געטאָן; און געשריען הורא פאַרן סאָציאַליזם, אַזש די סטעליע האָט זיך געהויבן.

זיי ניט קיין גרינער און פּאַטש בראַוואָ!

ווען ס'האָט זיך שטאַרק געבענקט אַהיים און ס'האָט זיך געוואָלט וויינען, איז די בעסטע זאַך געווען צו גיין אין אידישן טעאַטער. דאָרטן האָט מען געקאָנט זיך גוט אָנוויינען און אויך גוט אָנלאַכן, און אי פון וויינען און אי פון לאַכן איז געוואָרן עפּעס לויטער אויפן האַרצן און ליכטיק אין די אויגן.

פאַר צוואַנציק סענט האָט מען דעמאָלט געקאָנט גיין אין אידישן טעאַטער. אָבער ווי האָב איך געהאַט צוואַנציק סענט? ס'האָט זיך דעמאָלט געגרעשט אויף דער איסט־סייד מיט זיגמונד מאָגולעסקאָ. איי, דער מאָגולעסקאָ, אַזוינס און אַזוינס! מען האָט געזאָגט, אַז ווי באַלד נאָר ער באַווייזט זיך פאַרן פּובליקום, אַזוי גלייך הייבט מען אָן צו לאַכן. און איך, פאַר די עטלעכע חדשים וואָס איך בין געווען אין אַמעריקע, האָב זייער ווייניק געלאַכט, און איך האָב אויך געוואָלט זיך עפּעס גוט אָנלאַכן.

מען האָט אויך דערציילט פון איינעם אַ באָריס טאָמאַשעווסקי, וואָס איז אַ בילד פון אַ מאַנספּאַרשוין, און מאַכט מענטשן זיך צעגיין אין טרערן, און מיר האָט זיך אויך געוואָלט זיך אַביסל גוט אויסוויינען. אָבער ווי נעמט אַ בחור און צעוויינט זיך אינמיטן דרינען? ס'איז גאָר אַ בזיון פאַר זיך אַליין. אָבער ווען אַלע וויינען, גייט מען שוין אויך מיט.

איז קיין געלט צו גיין אין טעאַטער האָב איך טאַקע ניט געהאַט, אָבער דערפאַר בין איך געשטאַנען זייער אָפט לעבן טעאַטער אויף דער באַוערי און קאַנאַל סטריט און געקוקט ווי אַנדערע מענטשן גייען. דעם באָריס טאָמאַשעווסקי האָב איך איינמאָל געזען, טאַקע לעבן דעם דאָזיקן

טעאַטער. עפּעס ווי אַ קייסער איז ער געגאַנגען. אַן עולם בחורים און מיידלעך זיינען אים נאָכגעלאָפן, און ער האָט אַפילו קיין איין שמייכל ניט געטאָן צו זיי, נאָר געגאַנגען, אַ הויכער מאָנספּאַרשוין מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ, זייער אַ שטאָלצער. אַ שוואַרצע פּעלערינע מיט אַ רויטן אונטערשלאַק איז אים געהאַנגען איבער די אַקסלען, אין דער האַנט געהאַלטן אַ טייערן שטעקן מיט אַ גראָבער זילבערנער גאַלקע, און געשפּאַנט זיך טאַקע, ווי ער וואָלט געווען אַ קייסער. אויף מיר, מיט זיין גאַנצער שיינקייט און וואַזשנעקייט, האָט ער קיין גרויסן איינדרוק ניט געמאַכט. איך האָב פּיינט מענטשן, וואָס מאַכן אַן אָנשטעל. אַ חוץ דעם בין איך שוין געווען אַביסל אָנגעשטעקט מיט סאָציאַליסטישע אידייען, און לויטן סאָציאַליזם האָט קיין שום מענטש ניט קיין רעכט זיך האַלטן גרעסער איבערן צווייטן.

און ווי איך שטיי אַמאָל אַ פאַרנאַכט אַזוי לעבן טעאַטער און קוק אויפן יום־טובדיקן עולם, וואָס האַלט אין איין שטראָמען, ווי פּלוצלונג שטעלט זיך אָפּ לעבן מיר אַ בחור און שרייט אויס:

— אוי, זלמן, ווי קומסטו אַהער? איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז דו ביזט אויך אין אַמעריקע!

— אוי, פישל, — שריי איך אויך אויס, — ווי קומסטו אַהער? און איך האָב אויך גאָרניט געוואוסט, אַז דו ביזט אין אַמעריקע!

דער דאָזיקער פישל איז געווען פון אַ דאָרף ביי אַ פּופּצן וויאָרסט פון מיין שטעטל. צו ימים נוראים פלעגט ער קומען מיט זיין טאַטן דאַווענען ביי אונז אין שול. די „יום־טובניקעס״ האָט מען זיי גערופן.

— וואָס־זשע טוסטו, זלמן?

— וואָס־זשע טוסטו, פישל?

הכלל, דער סוף איז געווען, אַז ער האָט מיך אַריינגענומען אין טעאַטער. ער האָט אויך ניט געהאַט קיין צוואַנציק סענט, אָבער דער וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר איז געווען זיינער אַ שטיקל קרוב. אויף אַזאַ גליק האָב איך זיך אַוודאי ניט געריכט. אָבער פּונקט אַזוי ווי איך האָב זיך ניט געריכט אויפן גרויסן גליק יענעם אָוונט, אַזוי האָב איך זיך אויך ניט געריכט אויף די גרויסע פייערדיקע פּעטש, וואָס איך האָב געכאַפּט טאַקע דעם זעלביקן אָוונט. אָבער וועגן דעם שפּעטער. איך האָב שטענדיק ליב צו הערן קלעזמער שפּילן, און דאָ אין

טעאַטער האָבן זיי געשפּילט אַזוינע שיינע ניגונימלעך, אַז ס׳איז מיר צעגאַנגען דאָס האַרץ פון מתיקות. דער פאָרהאַנג איז נאָך געווען אַראָפּ־געלאָזט,, און איך האָב אַפילו ניט געוואוסט אַז ער דאַרף זיך גאָר אינגאַנצן אויפהויבן. איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך זיץ מיט אַזויפיל מענטשן און מען רעדט צווישן זיך הויך אויף אַ קול און מען קייעט פּינאַטס און זון־קערלעך און מען שיילט מאַראַנצן, און קלעזמער שפּילן, און ס׳הערן זיך אַלע מאָל קלינגענדיקע מיידלשע געלעכטערס. פאַר דער לעצטער צייט האָב איך אָנגעהייבן צו באַמערקן, ווי מיין האַרץ הייבט אָן שטאַרק צו קלאַפּן, ווען איך דערהער אַ מיידלשן געלעכטער.

הכלל, ס׳איז מיר זייער גוט, און איך קיי אויך פּינאַטס, וואָס מיין חבר פישל האָט געקויפט טאָקע אינעווייניק אין טעאַטער, ביי איינעם וואָס איז אומגעגאַנגען צווישן די רייען מיט אַ קאָשעקל. פישל האָט מיך אויך באַקענט מיט אַנדערע בחורים, וואָס זיינען געזעסן אַלע איינ־איינעם און געשמועסט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן באָריס טאָמאַשעווסקי.

און ווען דער פאָרהאַנג האָט זיך פּלוצלונג אויפגעהויבן, האָב איך זיך באמת דערשראָקן. ס׳האַרץ איז מיר איינגעפאַלן. איך האָב זיך אויף דעם גאָרניט געריכט. איך האָב זיך אויך ניט געריכט אויף די מיידלעך מיט די נאַקעטע פיס, וואָס זיינען אַרויסגעלאָפן און אָנגעהייבן צו זינגען און צו טאַנצן. איך האָב געקוקט אויף פישלען, צו זען אויב ער חידושט זיך אויך. ניין, ער חידושט זיך גאָרניט. ס׳איז ביי אים עפּעס אַ נאַטירלעכע זאַך...

הכלל, די מיידלעך מיט די נאַקעטע פיס האָבן אָפּגעטאַנצט און אָפּ־געזונגען און דער עולם ווערט מיטאַמאָל אַזוי שטיל. דאָס דאַרף דער באָריס טאָמאַשעווסקי אַרויסקומען, און ווי באַלד ער איז אַרויסגעקומען, איז געוואָרן אַ גרויס פּאַטשעריי, באַזונדערס האָט געפּאַטשט פישל מיט די אַלע בחורים, וואָס זיינען געזעסן לעבן מיר.

— פאַרוואָס פּאַטשסטו ניט? — פרעגט מיר פישל אַביסל ברוגז.

— וואָס זאָל איך פּאַטשן? — ענטפער איך. — אַז איך ווייס נאָך ניט צוליב וואָס!

הכלל, דער דאָזיקער באָריס טאָמאַשעווסקי הייבט אָן צו שפּילן טעאַטער, און מיר איז ער גאָרניט געפעלן. עפּעס הייבט ער אָן צו רעדן

אַזאַ קוידער לשון, ניט אידיש, ניט טערקיש, און שרייט, און שרייט, און מאַכט געוואַלדן, און וואָס מערער ער שרייט און מאַכט געוואַלדן אַלץ מערער פּאַטשט אים פישל און אַלע אַנדערע בחורים און מאַכן איינער צום אַנדערן:

— איי, שפּילט ער! איי, שפּילט ער!

און איך קאָן אַמאָל זיין אַ גרויסער כעסן אויך, און גיב זיך אַ שטעל אויף און רוף זיך אָן בייז:

— וואָס פּאַטשט איר דאָ? ער מאַכט זיך דאָך משוגע!

נו, נו, זאָלט איר געוועזן זען ווי מען האָט אָנגעהייבן הוקען אויף מיר פון אַלע זייטן און מיך זידלען כאחד הריקים.

— אוי־ווי, זלמן, וואָס האָסטו דאָ געטאָן? — שושקעט מיר אַריין אין אויער מיין חבר פישל. — דאָס זיינען טאָמאַשעווסקיס פּאַטריאָטן!

— פּאַטריאָטן? — פאַרשטיי איך ניט.

— חסידים מיינט דאָס, — ענטפערט מיר פישל און איז זייער ניט צופרידן מיט מיר.

אָבער אַז טאָמאַשעווסקי איז מיר פּאָרט ניט געפעלן געוואָרן מיט אַלע זיינע קונצן! איך האָב אים ניט געקאָנט מוחל זיין וואָס ער רעדט קוידער־לשון, און נעמט זיך אַזוי איבער מיט זיין מאַנסבילשקייט, און בלויז ער שרייט און סטראַשעט די גענץ אויפן בוידעם. פון אַלע זיינע מאָנאָלאָגן געדענק איך נאָר איין וואָרט: „ראַכע". פישל האָט מיר דערקלערט, אַז „ראַכע" מיינט „נקמה".

— פאַרוואָס־זשע דאַרף ער רעדן פאַרקערט? — האָב איך צו פישלען אַ טענה.

— זיי ניט קיין גרינהאָרן און פּאַטש בראַוואָ! — האָט מיר געזאָגט אינדערשטיל פישל. — מען קוקט אויף דיר און מען איז אויף דיר זייער אין כעס.

— זאָל מען קוקן אויף מיר! — רוף איך זיך אָן צולהכעיסדיק. — און קיינער קאָן מיר ניט צווינגען צו פּאַטשן בראַוואָ, אויב איך וויל ניט.

הכלל, די שפּיל האָט זיך אָפּגעשפּילט, מענטשן זיינען זיך צעגאַנגען. איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין חבר פישלען און לאָז זיך מיר גיין אַהיים. ניט אָפּגעגאַנגען קיין צוויי בלאָק, ווי עפּעס בחורים לויפן הינטער מיינע פּלייצעס, און איידער וואָס איידער ווען, ווי איך כאַפּ אַ כמאַל

הינטערן אויער און אַ צווייטער גיט מיר אַ שטעל אונטער אַ פּיסל, און איך פאַל אויף די שטיינער.

— פאַרוואָס קומט דאָס מיר? — צעשריי איך זיך.

— ווײַסט וויסן ווי צו קרימען מיט דער נאָז פון אונזער גרויסן טאָמאַשעווסקין! — רופט זיך אָן דער וואָס האָט מיר געגעבן אַ כמאַל הינטערן אויער.

— באָריס טאָמאַשעווסקי איז דער גרעסטער שוישפּילער ביי אידן, געדענק דאָס! — רופט זיך אָן דער וואָס האָט מיר אונטערגעשטעלט אַ פּיסל.

האָב איך דאָס געדענקט, און אַלע מאָל נאָכדעם, ווען איך בין געווען אין טעאַטער, צי צווישן טאָמאַשעווסקיס פּאַטריאָטן, אָדער קעסלערס, אָדער דזשייקאָב אַדלערס, אָדער מאָגולעסקאָס פּאַטריאָטן, האָב איך שוין געפּאַטשט בראַוואָ העכער פון אַלעמען...

מאָגולעסקאָ און זיינע פּאַטריאָטן

כ׳געדענק, ווי איינמאָל אַ שבת פאַרנאַכט איז צו מיר געקומען מיין לאַנדסמאַן פּישל און מיך געפרעגט, צי איך וויל זען מאָגולעסקאָן, ווי ער עסט אין אַ רעסטאָראַן.

— ער עסט דען אַנדערש ווי אַלע מענטשן? — מאַך איך זיך כלומרשט טאָמעוואַטע.

— אַז דו פאַרשטייסט ניט, פאַרשטייסטו מיך, — ענטפערט ער מיר און מאַכט נאָך מאָגולעסקאָס קול, און איך צעלאַך זיך שטאַרק. דאָס דאָזיקע ווערטל, „אַז דו פאַרשטייסט ניט, פאַרשטייסטו מיך”, האָט מאָ־גולעסקאָ איינמאָל געזאָגט אין זיינער אַ ראָלע, און דאָס געזאָגט אַזוי חנעוודיק, אַז ס׳איז שוין געוואָרן אַ ווערטל צווישן די אידן אויף דער איסט־סייד.

— אַז דו פאַרשטייסט ניט, פאַרשטייסטו מיך, — מאַכט צו מיר

פישל און טוט אַ פאַרזשמורע די אויגן, מיינענדיק, אַז ער פאַרזשמורעט די אויגן פּונקט ווי מאַגולעסקאַ. — אַז דו ביזט אַ גרינהאָרן. ווען איך זאָג דאָס אַנדערע, וואָלטן זיי געלאָפן, און דו חכמהסט זיך נאָך.

הכלל, ער האָט מיך אַוועקגעפירט צום רעסטאָראַן אויף קאַנאַל סטריט, ניט ווייט פון דער באַוערי. דאָרטן ביים רעסטאָראַן זיינען שוין געשטאַנען אַ סך פון זיינע פּאַטריאָטן און געקוקט אין די פענצטער. האָב איך זיך אויך צוגעשטופּט צו אַ פענצטער און געזען ווי מאַגולעסקאַ עסט.

ער איז גאָרניט געווען קאָמיש ביים עסן. געגעסן, ווי יעדער איינער. אָבער פונדעסטוועגן האָבן מיר ביים פענצטער געלאַכט. אַזאַ כישוף האָט ער שוין געהאַט אויף מענטשן. אַפילו ווען ער האָט גאָרניט געטאָן, האָט מען סיי־ווי־סיי געלאַכט.

פון דעם רעסטאָראַן האָבן מיר, אַלע זיינע פּאַטריאָטן, אים געפירט, ווי מען פירט אַ גוטן אידן אין שול אַריין. ער איז געגאַנגען אינמיטן און מיר, זיינע חסידים, פון ביידע זייטן. מאַגולעסקאַ אַליין, וואָס איז געווען אַזאַ ברען אויף דער בינע, איז געגאַנגען צווישן אונז אַזאַ שטילינקער און אַ שעמעוודיקער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. כ׳האָב גע־פילט, אַז ער וואָלט אָפּגעאָטעמט פרייער, ווען מיר לאָזן אים צורו.

וואָס אַ בלאָק ווייטער, אַלץ אַ גרעסערער עולם איז געוואָרן. אַ סך פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און אַז מען האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז דער באַרימטער מאַגולעסקאַ, איז מען נאָכגעלאָפן קוקן אויף אים. אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ געלבלעך פּליושן רעקל מיט פּערלמוטערנע קנעפּ, אויפן זיין האַלז אַ קאָלירטע שאַרפע, אַרומגעוויקלט, כאָטשבי ס׳איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג. אויף זיין קאָפּ אַ געלב־לעכער פּילצענער הוט, זייער שיין אויסגעקנייטשט. כ׳געדענק שוין ניט, צי ער האָט אין דער האַנט געטראָגן אַ שטעקן. מסתמא יאָ... ביז צום „טאַליאַ״ טעאַטער אויף דער באַוערי האָבן מיר אים צוגעפירט. דאָרטן האָט ער געגעבן אַ מאַך צו אונז מיט דער האַנט „גוד־באַי״ און איז פאַרשוואונדן געוואָרן דורך דער טיר.

איך בין ניט געווען דער גאָר־פאַרקאָכטער פּאַטריאָט, ווי פישל, צו־ליב מיין סאָציאַליזם. מיך האָט גאָר געצויגן צו לויפן אויף מיטינגען און אויף לעקציעס, וואו טאַלאַנטפולע רעדנער און גרויסע געלערנטע האָבן גערעדט וועגן דעם אַרבעטער און וועגן קאַפּיטאַל. אַ חוץ דעם

האָט מיך מיין לאַנדסמאַן דודי באַראָף געלערנט ווי צו טאָן פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער זאַך.

איך האָב גענומען פּראָפּאַגאַנדירן מיין לאַנדסמאַן פּישלען, אָבער ווי מען רעדט צו דער וואַנט, אַז אים איז געלעגן אינזינען נאָר מאַגו־לעסקאָ. ער האָט אים נאָכגעמאַכט אין גאַנג, אין רעדן, אין פינטלען מיט די אויגן און אַפילו אין פאַרקעמען די האָר. און אַז מאַגולעסקאָ איז הייזעריק געוואָרן פאַר אַ שטיקל צייט, און דאָס פלעגט זיך ביי אים טרעפן גאַנץ אָפט, האָט מיין פּישל אויך אָנגעהייבן צו רעדן הייזעריקלעך.

גייען מיר איינמאָל ביידע אין טעאַטער צו זען מאַגולעסקאָן אין אַ שפּיל, וואָס מיר האָבן שוין געזען אפשר צען מאָל. מיר, זיינע פּאַטריאָטן זיינען גאָר קיינמאָל ניט מיד געוואָרן אים צו זען אין דער זעלביקער ראָלע נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל. מיך און פּישלען האָט קיינמאָל ניט געקאָסט קיין געלט. דער מאַן ביי דער טיר איז געווען פּישלס אַ שטיקל קרוב.

הכלל, די שפּיל הייבט זיך אָן און אַלצדינג גייט ווי ס׳דאַרף צו זיין. און אָט באַלד דאַרף זיך אַרויסיאַווען אויף דער בינע מאַגולעסקאָ, און מיר גרייטן זיך שוין אָן אונזערע הענט אויף צו קלאַפּן, ווי פּלוצלונג — אָנשטאָט מאַגולעסקאָן קומט גאָר אַרויס דוד קעסלער. איז גלייך געוואָרן אי אַ בוקעריי, אי אַ פּאַטשעריי. געבוקעט האָבן מיר, מאַגולעסקאָס פּאַטריאָטן, און מיר זיינען דעמאָלט געווען אין טעאַטער זייער אין אַ גרויסער צאָל. און געפּאַטשט האָבן, פאַרשטייט זיך, קעסלערס פּאַטריאָטן, און זיי זיינען אויך געווען דעמאָלט אין טעאַטער זייער אַ סך.

— מיר ווילן מאַגולעסקאָן, מיר ווילן מאַגולעסקאָן! — הייבן מיר אָן צו שרייען און צו טופּען מיט די פיס.

— מיר ווילן קעסלערן, מיר ווילן קעסלערן! — הייבן אָן אַנדערע צו שרייען און צו טופּען מיט די פיס.

אין אַזאַ טומל קאָן מען אַוודאי ניט שפּילן, און דער גרויסער קעסלער האָט געמוזט נעבעך אַראָפּגיין פון דער בינע, און דער פאָרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. אָבער באַלד איז אַרויף איינער, דער מענעדזשער, צי ווער ווייסט ער איז געווען דאָרטן. איז געוואָרן שטיל אויף אַ ווײַלע און ער האָט אויסגערופן, אַז מאַגולעסקאָ שפּילט שוין מערער ניט אין דעם טעאַטער, אַז ער האָט זיך צעקריגט און איז אַוועק שפּילן אין אַן אַנדער

טעאַטער. נו, נו, איז ערשט איצט געוואָרן אַ טומל, אַזש די ווענט האָבן זיך געטרייסלט. און אַז דער מענעדזשער האָט אַ זאָג געטאָן מיט כעס, אַז ווער ס'וויל ניט זען קעסלערן קאָן גיין צו דער קאַסע אָפּנעמען דאָס געלט פאַר זייערע בילעטן, איז גלייך געוואָרן אַ יציאת מצרים. מאַסן מענטשן האָבן זיך געלאָזט אַרויסגיין צו דער קאַסע, כדי אָפּצונעמען דאָס געלט פאַר די בילעטן. די קעסלער־פּאַטריאָטן האָבן אָבער אויך ניט געשוויגן. און כ'געדענק שוין ניט ווי אַזוי, ווי פּלוצלונג — מען שלאָגט זיך שוין, און וואָס הייסט שלאָגן? — בלוט גיסט זיך פון נעזער און פון מיילער. מיין פישל גראָד איז ניט געווען אַזאַ גרויסער גיבור. פאַרקערט, גאָר אַ שטיקל חלוש. נאָר איז זאָלט געווען זען, ווי ער האָט זיך ווי אַ לייב געוואָרפן אויף די קעסלער־פּאַטריאָטן. איבער מענטשנס קעפּ איז ער געשפּרונגען.

איך, פאַרשטייט זיך, האָב זיך אָפּגעטראָגן. זיך גלייך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן. פאַר מיר, אַ מענטש, וואָס האָט שוין געוואוסט וועגן סאָציאַליזם, האָט אַזאַ זאַך אויסגעקוקט זייער ווילד. אַ חוץ דעם, האָב איך טאַקע מורא געהאַט פאַר אַ קלאַפּ אויך. די קעסלער־פּאַטריאָטן זיינען, ווייזט אויס, געווען שטאַרקער און די מאַגולעסקאָ־פּאַטריאָטן האָבן אָנגעהייבן צו פליען אין דרויסן. מיין לאַנדסמאַן פישל איז אויך אַרויסגעפלויגן פון טעאַטער. מיט אַ גרויסן אויפגעלאָפּענעם בייל אויפן שטערן איז ער אַרויסגעפלויגן.

פישלס טאַטע, דער דאָרפס־איד, איז געווען אַ פאַרברענטער חסיד פון עפּעס אַ רבין און איז געגאַנגען ביז בלוט פאַר זיין כבוד. דער זון פישל אין אַמעריקע איז געווען אַ פאַרברענטער חסיד פון אַן אַנדער סאָרט רבין, און איז געגאַנגען ביז בלוט פאַר זיין כבוד. פישלס טאַטע איז געקומען צום רבין נאָך אַ ביסעלע יום־טוב, נאָך אַ ביסעלע פרייד. דער זון אין אַמעריקע איז אויך געקומען צו זיין רבין נאָך אַ ביסעלע יום־טוב, נאָך אַ ביסעלע פרייד.

אַי, דער מאַגולעסקאָ, דער מאַגולעסקאָ! מיר האָבן אים אַזוי ליב געהאַט. ווי מענטשן האָבן דערציילט, איז אים אין זיין אייגענעם לעבן ניט געגאַנגען אַזוי גוט, אָפּט געקרענקט, און אַ פּאַרוויטיקטער איז ער געקומען צו מענטשן און זיי געמאַכט פריילעך. ער דערמאָנט מיך אין מיין טאַטן. מיין טאַטע, דער אָרעמער שוסטער, דער קבצן אין זיבן

פּאָלעס, איז געווען דער פּריילעך־מאַכער אין שטעטל. אַז מען האָט אים נאָר דערזען, האָט מען זיך גלייך אַרומגעשטעלט אַרום אים. ער האָט געזאָגט ווערטלעך און מענטשן האָבן געלאַכט. געזאָגט ווערטלעך, בשעת אין דער היים איז קיין ברויט ניט געווען...

די לאַכנדיקע כלה

כ'האָב זייער שטאַרק געוואָלט חתונה האָבן, אָבער איך האָב גוט געוואוסט, אַ מיט מיין מלאכה, שוסטעריי, האָב איך גאָרניט אַזוינע גע־הויבענע שאַנסן דערצו. זעט איר, וואָלט איך געווען אַ קלאָוקמאַכער, וואָלט איך זיך שוין גאָרניט געזאָרגט. אַ קלאָוקמאַכער, דאָס איז געווען דעמאָלט דער אידעאַלער חתן. אַ קלאָוקמאַכער האָט מיט אָווערטיים פאַר־דינט אפשר זעכצן, אַכצן דאָלער אַ וואָך יענע יאָרן. האָט איר געזען אַ בחור שפּאַצירן אויף גרענד סטריט מיט צוויי מיידלעך פוןביידע זייטן, האָט איר שוין געמעגט זיין זיכער, אַז ער איז אַ קלאָוקמאַכער.

ס'איז נאָך געווען גוט, וואָס איך בין געווען אַזוי שטאַרק פאַרנומען אין מיין פרייער צייט מיט גיין אויף סאָציאַליסטישע מיטינגען, אויף לעקציעס, פּראָפּאַגאַנדירן, פאַרקויפן דאָס „אַבענד־בלאַט" און די „אַר־בעטער־צייטונג". אָבער אויף מיין געלעגער ביינאַכט, האָב איך געחלומט בחורשע הייסע חלומות סיי אויף דער וואָך און סיי אין שלאָף.

גראָד האָט מיין פעטער איטשע מיר געשדכנט אַ מיידל איינע זלאַטע, אַ פינישערין ביי קליידלעך, וואָס האָט געוואוינט די צווייטע טיר פון אים. אָבער זלאַטע איז געווען אַ היפּש ביסל עלטער פון מיר. וואָלט שוין דאָס אפשר אויך ניט אויסגעמאַכט, מחמת יענע יאָרן זיינען חתנים געווען מער פון כלות אין אַמעריקע, און מען האָט אָפט ניט געהאַט קיין ברירה און חתונה געהאַט פאַר אַ מיידל, וואָס איז געווען עלטער מיט אַ פּאָר יאָר. איז אָבער די מעשה, וואָס די דאָזיקע זלאַטע איז געווען עפּעס אַן אומעטיקע און מיר האָט זיך זייער געוואָלט עפּעס אַ

פריילעכע כלה, אַ לאַכנדיקע כלה. אַז איך בין געגאַנגען אויף דער גאַס און געהערט אַ מיידל לאַכן, בין איך ממש פאַרציטערט געוואָרן.

און איינמאָל אַ פאַרנאַכט, דאָס האַרץ איז מיר עפּעס געווען פריילעך. פאַרוואָס, ווייס איך אַליין ניט. אָפּט אַזוי אין מיין לעבן ווערט מיר פריילעך אָן שום סיבה. און אפשר איז יענעם פאַרנאַכט יאָ געווען אַ סיבה. מיין לאַנדסמאַן פישל האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט גרויסע האָפענונגען און מיר וועלן היינט נאָך זען דעם „אידישן קעניג ליר".

און וועגן יעקב גאָרדינס נייער פּיעסע „דער אידישער קעניג ליר", און יעקב אַדלערס שפּילן, האָט זיך זייער גערעשט אויף דער איסט־סייד. וואו מען איז געשטאַנען און וואו מען איז געגאַנגען, האָט מען גערעדט וועגן „קעניג ליר".

אַ, יעקב גאָרדין! ער שטייט מיר פאַר די אויגן. יעקב אַדלער שטייט מיר אויך פאַר די אויגן. אַזוינע צוויי שיינע מאַנסבילשע געשטאַלטן, דיביידע יעקבס, איז זעלטן געווען צו זען. יעקב גאָרדינען האָב איך צום ערשטן מאָל געזען לעבן דער רעדאַקציע פון „אַבענד־בלאַט". די רעדאַקציע איז געווען אַ רויט־געמויערטע הויז פון איין שטאָק. ס'איז דאַכט זיך געווען אויף 9 ראַטגערס סטריט, און אפשר איז דאָס גאָר געווען אויף העגרי סטריט. ווער קאָן געדענקען דעם נאָמען פון דער גאַס? אָבער די הייזקע פון רויטע ציגל געדענק איך יאָ. האָב איך געזען יעקב גאָרדינען דאָרטן שטיין מיט אייב קאַהאַנען. יעקב גאָרדין איז ניט געווען העכער פון אייב קאַהאַנען, אָבער עפּעס האָט זיך אויס־געוויזן, אַז ער איז אפשר מיט צוויי קעפּ העכער פון יענעם. אייב קאַהאַן האָט זיך עפּעס שטאַרק געקאָכט, און יעקב גאָרדין איז געשטאַנען אַ רואיקער, אַ שמייכלענדיקער מיט זיין שיינער שוואַרצער באָרד, מיט זיינע ברענענדיקע אויגן, מיט זיינע גלייכע ברייטע פּלייצעס, מיט זיין שטעקן אין דער האַנט. אייב קאַהאַנען מיט די פאַרדרייטע וואָנצעס און מיטן געדיכטן קאָפּ שוואַרצע האָר האָב איך אָפּט געהערט רעדן אויף מיטינגען און לעקציעס. אַזוי, אַז ער איז ביי מיר ניט געווען קיין פּנים חדשות. אָבער גאָרדינען האָב איך ס'ערשטע מאָל געזען, און איך בין געשטאַנען פונדערוויטנס און באַוואונדערט זיין שיינע מאַנסבילשע געשטאַלט. אַ סך מענטשן זיינען דעמאָלט געשטאַנען און אים באַוואונדערט.

יעקב אַדלערן האָב איך געזען אויף דיוויזשאַן סטריט, צווישן די

פּושקאַרטס. ס׳האַרץ האָט מיר אַזש אָנגעהויבן צו קלאַפּן. ער האָט פאַר־שיינט די גאַנצע גאַס. ס׳איז אים נאָכגעגאַנגען זיינער אַ פּאַטריאָט, איציקל האָט מען אים גערופן, אַ ברייט־פּלייציקער יונג מיט אַ געזונטן קאַרק. דאָס דאָזיקע איציקל האָט אים נאָכגעטראָגן אַ קאָשעק און גע־שוויצט. אַדלער האָט געקויפט פון די פּושקאַרטס אַלצדינג וואָס ער האָט געזען: באַנאַנעס, ניס, כאַלוואַ, באַקסערן, טייטלען, שאָקאָלאַד, און נאָך און נאָך. ער האָט געדאַרפט זיין דער אמתער נאָשער, אָט דער אַדלער.

— באַצאָל! — האָט ער אַ זאָג געטאָן פריציש צו זיין פּאַטריאָט.

און איציקל האָט געצאָלט. פאַרשטייט זיך, ניט פון זיין געלט נאָר פון אַדלערס געלט, אָבער אַדלער האָט זיך ניט געוואָלט פּאַטשקען מיט דעם געלט. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין ווייסע הענטשקעס, אין אַ שוואַרצן פּראַק, אין לאַקירטע שיך, מיט אַ שוואַרצן קינסטלער־שניפּס אויף זיין זילבער־ווייסער מאַנישקע, און אין אַ צילינדער. ווען ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די פּעדלער, קליינטשינקע, דאַרינקע, פאַרחושכטע, האָט ער באמת אויסגעזען ווי אַ פּרינץ. כ׳געדענק זייער גוט, וואָס אַ פּעדלער פון קאַרטאָפליעס, אַ איד מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט זיך אָנגערופן צו זיין שכן, אַ צווייטן פּעדלער מיט אוגערקעס, אויך אַ איד מיט אַ לאַנגער באָרד:

— נאָר אַ ברכה צו מאַכן, ר׳ יאַנטל, ווי מען מאַכט אַ ברכה, אַז מען דערזעט אַ מלכות.

כ׳געדענק אויך, ווי צווישן גרויסן עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט כאַפּן אַ קוק אויפן גרויסן אַדלער, האָט אַ מיטליאָריקע פרוי, אַ דאַרע, אַ צעקנייטשטע, זיך אָנגערופן הויך אויף אַ קול:

— מאַמעלעך, מען קאָן דאָך אין זיין פּנים ניט קוקן. שיין, ווי די זון.

יאָ, זיינען מיר, הייסט דאָס, געגאַנגען זען יענעם אָוונט, ווען דאָס האַרץ איז מיר געווען פריילעך אָן שום סיבה, דעם „אידישן קעניג ליר". ס׳דאַכט זיך, געווען אין „ווינדזאָר" טעאַטער אויף דער באָוערי, און אפשר גאָר אין „פּולס" טעאַטער, אויף אַכטער גאַס.

און ווי אַזוי מען האָט געשפּילט דעמאָלט דעם „אידישן קעניג ליר", קאָן איך אייך ניט דערציילן, איך האָב פּשוט ניט געקוקט אויף דער בינע. איך האָב געקוקט אויף אַ מיידל, וואָס איז געזעסן הינטער מיר

מיט אַ געזונטן פעסטן בחור. „מסתמא אַ קלאָוקמאַכער”, האָב איך אַ טראַכט געטאָן מיט פאַרדראָס. איך האָב גאָרניט געקענט אָפּרייסן מיינע אויגן פון איר.

ווען שמאי, געשפּילט פון איינעם אַ בערנשטייך, אַ גרויסער ליץ, האָט אָנגעהייבן צו מאַכן זיינע קאָמישע שטיק, האָט זי זיך צעלאַכט מיט אַזאַ געזונטן פריילעכן געלעכטער, אַז ס'איז מיר געוואָרן ליכטיק איןביידע אויגן און פריילעך אין ביידע אויערן. בכלל איז זי געווען אַ לאַכנדיקע. אַ געפּאַקטע, אַ ראָזעווע, מיט אַ פאַרריסן נעזל, וואָס כסדר נאָך ס'לאַכט. די געלערנטע וועלן נאָך אַמאָל אויסגעפינען, אַז געלעכטער איז צוזאַמענגעשטעלט פון די זעלביקע וויטאַמינען, וואָס פּראָדוצירן וואַרעמקייט. מען וועט נאָך אויסגעפינען, אַז געלעכטער האָט אין זיך עפּעס אַזאַ שטאָף, וואָס האָט אַ נאָענטע שייכות מיט ליכט, מיט דער זון.

זי האָט, ווייזט אויס, דערפילט, אַז עמיצער קוקט אויף איר שטאַרק, און זי האָט אַ פּאָר מאָל אַ בליק געטאָן אויף מיר. אָבער ס'האָט איר, דאַכט זיך, ניט אַזוי געפרייט. מיידלעך, געוויינלעך, האָבן ליב, אַז בחורים קוקן אויף זיי, אַפילו ווען זיי האָבן שוין חתנים. דאָ אָבער האָט זי געזען קוקן אויף איר אַ דאַרער בחור מיט אַ גרויסן קנאָפּ אין גאָרגל, און אָנגעטאָן ניט אַזוי איי־איי. „עפּעס אַ שלאַק”, האָט זי מסתמא געטראַכט.

דער בחור אירער האָט אויך באַמערקט, ווי איך קוק שוין עפּעס צופיל אויף איר, און האָט אויסגעסטאַרטשעט אויף מיר אַ פּאָר אויגן, גאָרניט קיין ליבלעכע. אָבער ווער האָט מורא געהאַט פאַר אים? פאַר קוקן קומט דאָך גאָרניט. געוואָלט האָב איך, אַז די שפּיל זאָל זיך אייביק ציען, אָבער די שפּיל אויף דער בינע האָט זיך אייביק ניט געצויגן. ס'איז געקומען אַ סוף צו איר. דער עולם האָט זיך גוט אָנגעפּאַטשט, אַרויסגערופן יעקב אַדלערן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, און נאָך אַמאָל, מען האָט אים גאָרניט געוואָלט אָפּלאָזן.

דערנאָכדעם, אַז דער עולם איז ענדלעך אַרויס פון טעאַטער, בין איך נאָכגעגאַנגען דעם מיידל מיט איר בחור, זיי נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר בלאָק, וואו זיי האָבן זיך געזעצט אויף דער „קאָנקע”, אַ טראַמוויי

געשפּאַנט צו פּערד. זי האָט געוואוסט, אַז איך גיי איר נאָך. זי האָט אַ פּאָר מאָל אויסגעדרייט איר פּנים צו מיר.

איך דאַרף אייך שוין ניט דערציילן, ווי ס'איז מיר געווען אויפן האַרצן, ווען איך האָב זיך געלאָזט אַהיים. קיינמאָל נאָך ניט געווען אַזוי עלנט אין מיין לעבן. צי וועל איך זי נאָך אַמאָל באַגעגענען? אַזאַ גרויסע שטאָט און אַזוי פיל מענטשן...

אַכצן עסעקס סטריט

— איצטער איז מיר גוט, — לאַכט זלמן דער שוסטער מיט זיינע שפּילעוודיקע, עטוואָס־אַפּגעבליאַקעוועטע בלויע אויגן. — איך האָב מיר איצטער דאַנקען גאָט אַן אויסגעצאָלטע הויז, אַן אויסגעצאָלטע ווייב, און אין אַרום צוויי יאָר מיט פיר חדשים פּראַווע איך מיינע אַכציק־יאָריקע אימענינעס (געבורטסטאָג).

און אַז איך פרעג אים, וואָס ער מיינט מיט אַן אויסגעצאָלטער ווייב, ענטפערט ער מיר מיט אַ קלוג שמייכעלע, אַז דאָס מיינט ער, אויסגעצאָלט פאַר אַלע אירע אָפּעראַציעס, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט די לעצטע יאָרן. געבליבן שולדיק די דאָקטוירים און די שפּיטאָלן אַ סך געלט, האָט ער אויסגעצאָלט מאָנאַטלעך.

צו זיינע אַכציק־יאָריקע אימענינעס, וואָס פאַלן אויס אין צוויי יאָר מיט פיר חדשים שפּעטער, האַלט ער שוין אין איינלאַדן מענטשן און אויך צונויפשטעלן אַ פּראָגראַם. מיט די קינדער, וואָס קומען צו אים אין שוסטער־שאַפּ נאָך פעניס, האַלט ער אין איינשטודירן אַ כאָר, וואָס וועט זינגען צו זיינע אימענינעס. אויך האָט ער שוין באַשטעלט סאָלאָ־נומערן ביי איין מיידעלע פון אַ יאָר ניין, וואָס לערנט זיך אויף דער פּיאַנאָ, און ביי אַ אינגעלע פון אַ יאָר עלף, וואָס לערנט זיך אויף אַ פידל. ביי זיינע אייגענע קינדער און אייניקלעך, וואָס זיינען אַלע מוזיקאַליש, האָט ער שוין אַוודאי און אַוודאי באַשטעלט נומערן. דעם 75־יאָריקן

קלמן מרמר האָט ער אויך אָנגעזאָגט, ווען ער האָט אים איינמאָל באַגעגנט אויף דער גאַס, אַז ער זאָל למען השם ניט פאַרגעסן צו קומען דעם און דעם טאָג, מיט צוויי יאָר און פיר מאָנאַטן שפּעטער, אויף זיינע אַכציק־יאָריקע אימענינעס.

— יאָ, איצטער איז מיר גוט, אָבער דעמאָלט, אומגעפער מיט אַ זעקס־און־פופציק יאָר צוריק, איז מיר געווען זייער ביטער. אָפּגעשליסן, אָפּגעריסן, און דער עיקר — עלנט. געמיינט, אַז דאָס דאַזיק לאַכנדיק מיידל, וואָס איך האָב געזען אין טעאַטער, וועל איך שוין אויף מיין לעבן ניט אָנטרעפן. און זי האָט מיר גאָרניט געקאָנט אַרויס פון זינען. זי איז אַפילו איינמאָל געקומען מיר צו חלום. און אין חלום האָט זי געזאָגט, אַז זי וויל קיינעם ניט, נאָר מיך.

דערווייל איז אָנגעקומען ערב פּסח. ביי מיין מלאכה איז געווען שטיל, וואָס שטיל הייסט. אין שטוב האָט זיך אָנגעקליבן אַ גאַנצער באַרג מיט אויסגעלאָטעטע שיך, און ס׳זיינען ניט געווען קיין קונים. איך האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז די ביידע ברידער, איצי־לייביש און נחומקע, ביי וועלכע איך האָב געאַרבעט, האָבן אין איין שיינעם טאָג זיך אויפגעהויבן און זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, אויף דער אוקראַינע, צו זייערע פרויען און קינדער, נאָך וועלכע זיי האָבן אַזוי שטאַרק גע־בענקט. מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט די דירה אויף מאָנראָו סטריט מיטן „באַרימטן" בעט, און מיט דעם וואַרשטאַט, אַלס אַן אָפּצאָלונג פאַר מיינע שכירות פון גאַנצע זעקס חדשים. מיין קוואַרטיראַנט און לאַנדסמאַן פּישל, וואָס האָט געאַרבעט ביי מצות, האָט מיר געזאָגט, אַז מען זוכט איצט מענטשן צו באַקן מצות, ווי מיט ליכט, און אַז מען קאָן איצט מאַכן זעקס אָדער אַכט דאָלער אַ וואָך. און פּונקט אַזוי ווי אין קליינעם שטעטל, אַזוי אויך אויף דער איסט־סייד, האָט זיך אָנגעהייבן צו פילן דער ערב פּסח זייער שטאַרק. אויף יעדן בלאָק כמעט האָט מען געבאַקן מצות, און אויף יעדן בלאָק כמעט האָט מען געקאָנט זען פּסחדיקע פּושקאָרטס צוגעדעקט מיט זויבער־ווייסע ליילעכער, וואָס האָבן פאַר־קויפט מצות. איך האָט מען געקאָנט זען טרעגער מיט קוישן מצות.

איז פּישלס עצה געווען ניט קיין שלעכטע, אָבער ס׳איז ביי מיר געשטאַנען אַ פראַגע צי איך, אַ סאָציאַליסט מיט פרינציפּן, מעג גיין אַרבעטן ביי מצות. איך האָב געפרעגט ביי דודי באַראָף צי איך מעג,

האָט ער אָבער ניט געוואָלט נעמען אויף זיך צו פּסקענען, און ס'איז געבליבן מיר זאָלן גיין פרעגן ביי פייגענבוימען, וואָס האָט פּראָפּאַגאַנדירט קעגן רעליגיע, און איז געווען באַרימט אַלס זייער אַ גוטער רעדנער. הכלל, מיר קומען צו פייגענבוימען. זיין דירה איז געווען זייער אַן אָרעמע, בלויז פון צוויי צימערן. איין צימער אָנגעלייגט מיט ביכער אומעטום, און ער זיצט ביי אַ טיש און האַלט אין שרייבן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, גענאָסן? — גיט ער צו אונז אַ שיינעם שמייכל.

דערציילן מיר אים די גאַנצע מעשה און ער הערט זיך צו זייער ערנסט. צום סוף זאָגט ער:

— איך האַלט, אַז אַ סאָציאַליסט מעג אַרבעטן ביי באַקן מצות, ווייל דער יום־טוב פּסח איז דער סימבאָל פון באַפרייאונג פון שקלאַפעריי, און דעריבער זיינען די מצות אויך אַ סימבאָל פון באַפרייאונג פון שקלאַפעריי. איי, מען טוט אַריין רעליגיעזע כוונות, זיינט איר דאָך ניט שולדיק אין דעם.

געקראָגן דעם הכשר פון פייגענבוימען, איז מיר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. אין אַ קעלער, אויף אָרטשאַרד סטריט לעבן ברום, האָט פישל געאַרבעט און מיך אויך אַהין אַריינגענומען. און די דאָזיקע מצות, וואָס איך האָב געבאַקן אַרום אַ פיר וואָכן, זיינען שוין ניט געווען ביי מיר דער סימבאָל פון באַפרייאונג, נאָר דער סימבאָל פון דער ערגסטער פאַרשקלאַפונג. אַזאַ היץ דאָרטן געווען אין קעלער און אַזאַ דושנעקייט, און פון פאַרטאָג ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט, אַרום אַ צוועלף שעהען אַ טאָג, און געיאָגט פון זיך די נשמה טאַקע פונקט אַזוי ווי די אידן אין מצרים.

און אַז ס'איז געקומען דער פּסח, איז דאָס טאַקע ביי מיר געווען אַן אמתע באַפרייאונג און שוין גאָרניט קיין סימבאָלישע. איך האָב זיך געקויפט אַן איבערגעניצעוועטן גאַרניטור פאַר דריי דאָלער מיט פּופּציק, און אַ האַרטן קאַפּעליוש פאַר אַכצן סענט אויף אַ פּושקאַרט, זיך אויסגעפּוצט ווי אַ בן־מלך (אַ פּרינץ) און געגאַנגען שפּאַצירן אויף גרענד סטריט. און אויף גרענד סטריט נאָכן סדר, האָט זיך אַרויסגעלאָזט די גאַנצע יוגנט פון דער איסט־סייד. ס'איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי לעבעדיק דאָרטן, וויביידע נעכט פון פּסח.

און אַזוי ווי איך שפּאַציר מיר אַזוי אויף גרענד סטריט, באַגעגן איך ווידער דודי באַראַף. מיר צערײדן זיך וועגן דעם און יענעם, און ער טוט מיר אינמיטן דערינען אַ זאָג:

— ווייסט, זלמן, ווער ס'איז נאָר־וואָס געקומען פון אונזער שטעטל?

— ווער?

— מאיר חיה־שרהס.

— אַזוי, מאיר חיה־שרהס?! איך וויל אים אַזוי שטאַרק זען.

מאיר חיה־שרהס האָט געוואוינט דאָס צווייטע הויז פון אונזערע אין מיין שטעטל, און ער וועט מיר שוין קאָנען אָפּגעבן אַ פּאָדראָבנעם גרוס פון מיין מאַמען, פון מיינע שוועסטער און ברודער...

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווי איך לאָז זיך צום אַדרעס, וואו מאיר חיה־שרהס איז איינגעשטאַנען. דאָס איז געווען אויף אַכצן עסעקס סטריט.

אוי, ווי איך געדענק אַזוי קלאָר דאָס דאָזיק הויז אויף אַכצן עסעקס סטריט! אַ טענעמענט־הויז איז דאָס געווען, אַן אַלטע אָפּגעלישעטע געביידע, אָבער ס'איז געווען שיין צו זען, ווי פיל פענצטער זיינען געווען באַהאַנגען מיט שיינע געבלימלטע פאָרהענגלעך, און אויך זיינען געשטאַנען אין געוויסע פענצטער בלומען־טעפּ.

אונטן מיט טרעפּלעך אַראָפּ־צו־צו אין אַ קעלער איז געווען אַ בעקעריי. אויף אַ פענצטער לעבן סטופּ, פון דער רעכטער זייט, איז געווען אויסגעהאַנגען אַ שילד: „היער שרייבט מען בריף אויף זשאַרגאָן, לשון קודש און דייטש". ס'האָט דאָרטן געוואוינט די באַוואוסטע לאה־מלכה, די בריוו־שרייבערין. אַ אידענע פון אַ יאָר זעכציק איז זי געווען, אין אַ געלן פּאַרוק, אַ פּולבלעכע, אַ ווייס־הויטיקע מיט האַרציקע שיינע שוואַרצע אויגן. פינף סענט האָט זי גענומען פאַר אַ פשוטן בריוו צו עלטערן, אָדער צו ווייב און קינדער אין דער אַלטער היים. צען סענט, און אַמאָל אויך פופצן, האָט זי גענומען פון אַ חתן צו אַ כלה, אָדער פאַרקערט. אירע חתן־כלה בריוו האָבן געהאַט אַ שם אויף דער איסט־סייד. זי האָט אויך געגעבן אויף פּראָקאַט זשאַרגאָנישע ביכלעך צו לייענען, ווי שמ"רס ראָמאַנען און אַנדערע.

געדאַרפט האָב איך דעם נומער עלף אויפן דריטן שטאָק, וואו דאָרטן איז מאיר חיה'שרהס איינגעשטאַנען. קלאַפּ איך אין דער טיר, קלאַפּ און קלאַפּ, אָבער ס'איז טויט דאָרטן. טראַכט איך, איך וועל אַ קלאַפּ

טאָן אין נומער צוועלף און זיך נאָכפרעגן אויף די באַלעבאָטים פון נומער עלף. קלאַפּ איך אין נומער צוועלף און ס׳קומט אַרויס... איר וועט ניט טרעפן... און אפשר וועט איר יאָ טרעפן. ס׳קומט אַרויס אַט יענע מיידל, וואָס איך האָב געזען אין טעאַטער, ביים „אידישן קעניג ליר״, און אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער.

— וואָס לאַכט איר, — מאַך איך צעטומלט.

— איר זיינט דאָך יענער יונגערמאַן, — לאַכט זי נאָך שטאַרקער, — וואָס האָט געקוקט אויף מיר אין טעאַטער...

גאָלדע

אַז זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי הייסט גאָלדע, האָב איך זיך אָנגערופן:

— ווען איר זאָלט אַפילו ניט הייסן גאָלדע, וואָלט מען אייך אויך געדאַרפט רופן גאָלדע.

— פאַרוואָס וואָלט מען מיך געדאַרפט רופן גאָלדע? — פרעגט זי מיט אַ געלעכטער.

— ווייל איר זיינט אַ גאָלדענע מיידל.

אירע ראָזעווע פולע באַקן זיינען נאָך ראָזעווער געוואָרן און אירע פייערדיקע אויגן, ביר־ברוינע אויגן, זיינען געוואָרן נאָך פייערדיקער.

אַזוי ווי איר קוקט מיך איצט אָן, בין איך בחורווייז געווען ניט אַזאַ באַריידעוודיקער ווען ס׳איז געקומען צו מיידלעך. אָבער די דאָזיקע גאָלדע מיט איר גוטן געלעכטער האָט מיך געמאַכט פילן זייער היימיש.

אין הויז איז געווען נאָך אַ מיידל, בתיה האָט זי געהייסן, אַ יונגע, אַ דאַרע, גאָלדעס אַ קוזינע. זי איז אַרויסגעקומען פון צווייטן צימער, מיך אָנגעקוקט און אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז. איך בין איר אַפּנים ניט געפעלן געוואָרן. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך בין

טאַקע געווען גערעכט. זי האָט מיך ממש פּיינט געהאַט, די דאָזיקע בתיה. „דער דאַרער כראַנדזיק מיטן גאַרגל״, האָט זי מיך גערופן. וואָס אמת איז אמת, איך האָב טאַקע געהאַט אַ צו־גרויסן גאַרגל, מיט אַ היפּשן קנאָפּ, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אומיסטן צוגעקלעפּט צו מיין האַלז. גאָלדעס מאַמע, איר טאַטע, ווי איך וועל אייך שפּעטער דערציילן, האָבן מיך אויך ניט געוואָלדיק ליב געהאַט. ס׳איז מסתמא ניט געווען וואָס ליב צו האָבן.

ווען איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי גאָלדען אויף מיין לאַנדסמאַן פון דער צווייטער טיר, האָט זי געזאָגט, אַז ער איז אַוועק מיטן באַלעבאָס דאַוונען אין שול, און אויב איך וויל קאָן איך אויסוואַרטן אויף אים ביי זיי אין הויז.

האָב איך אויסגעוואַרט ביי זיי אין הויז און געזעסן דאָרטן איינער אַליין. גאָלדע און איר חברטע בתיה האָבן זיך פאַרשפּאַרט אין צווייטן צימער. זיי זיינען דאָרטן געווען פאַרנומען מיט אַ וויכטיקער מיידלשער מלאכה. און די דאָזיקע וויכטיקע מיידלשע מלאכה האָט געקאָנט געטאָן ווערן נאָר דעמאָלט, ווען די פרומע טאַטע און מאַמע זיינען געווען אין שול. דאָס האָבן זיי זיך „געקוירלט״ איינע דער אַנדערער די האָר. איר ווייסט מסתמא וואָס איך מיין. מען גליט אָן זייער אַ הייס שפּיזל און מען קרייזלט מיט דעם די האָר. און די מיידלעך רופן דאָס „קוירלן״. קיין ביוטי־פּאַרלאָרס זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען. און אַז ס׳איז געקומען אַ שבת אינדערפרי, ווען די פרומע עלטערן זיינען געגאַנגען אין שול, האָט מען אויסגענוצט דעם שעת־הכושר און זיך געמאַכט שיין. אומעטום אויף דער איסט־סייד האָט מען אין אַ שבת אינדערפרי געקאָנט טרעפן חברטעס זיך „קוירלן״ די האָר איינע דער אַנדערער, בשעת טאַטע און מאַמע זיינען געווען אין שול.

יאָ, בין איך געזעסן אין שטוב איינער אַליין און דערווייל זיך אַרומגעקוקט. אין הויז איז געווען אַזוי היימיש אויסגעשטעלט יעדע זאַך, און אַזוי ציכטיק און ריין יעדעס פּיצעלע, אַז ס׳האָט זיך מיר אַזש פאַרבענקט אַהיים. מיין מאַמע איז אויך געווען אַ גרויסע בריה. ווען איר וואָלט צו אונז געווען אַריינגעקומען אין אַ שבת צי אין אַ יום־טוב אין אונזער הויז, וואָלט איר גאַרניט געקאָנט זאָגן, אַז דאָ וואוינט אַן אָרעמער שוסטער מיט אַ סך קינדערלעך. ס׳האָט ממש געזונגען דאָס אינעווייניק פון אונזער

הויז. אַזוי ריין און ציכטיק איז געווען יעדעס ווינקעלע. דאָס שבתדיקע טישטוך האָט מיין מאַמע אַליין אויסגעהעפּט און באַפּוצט מיט קאָלירטע אויסנייעכצן.

דאָ אין הויז, ביי גאָלדען, האָט אויך יעדעס ווינקעלע אין הויז ממש געזונגען. די גאַנצע שטוב איז געווען אַזוי ריין אויסגעקערט און אויפֿגעראַמט. די פענצטער באַהאַנגען מיט ווייסע דורכזיכטיקע געשטריקטע פאַרהענגלעך, און דאָס שבתדיקע טישטוך, דאָרטן, וואָלט איך געקאָנט שווערן, איז דאָס זעלביקע ווי ביי מיין מאַמען אין הויז.

אָבער וואָס מיך האָט דאָ פאַרכאַפּט, איז געווען דער סאַמאָוואַר. פון זינט איך בין אַוועק פון דערהיים האָב איך איין־און־איינציק מאָל געזען אַ סאַמאָוואַר, און דאָס איז געווען אויף דיוויזשאָן סטריט אויף אַ פּושקאַרט. דער דאָזיקער סאַמאָוואַר האָט געקאָכט, און דער פּעדלער האָט פאַרקויפט גלעזער הייסע טיי — סאַמע אויף דער גאַס. ס'האָט געקאָסט אַ פּעני אַ גלאָז. ס'זיינען געווען אַ סך בעלנים. איך אַליין האָב מיר געקויפט אַ גלאָז טיי פאַר אַ פּעני. מען האָט דאָס געטרונקען שטייענדיק, און אַזוי ווי ס'איז געווען זייער אַ קאַלטער טאָג דעמאָלט, האָט דאָס באמת דערוואַרעמט סיי דאָס לייב, סיי דאָס האַרץ.

און דאָ, ביי גאָלדען אין הויז, פון דעם שטאַרק־אויסגעשייערטן, רויטן קופּערנעם סאַמאָוואַר, וואָס איז געשטאַנען אויף דער קאָמאָדע, איז מיר אויך געוואָרן וואַרעם אין אַלע אברים. ס'איז געווען ווי אַ גרוס פון דערהיים.

אַ צווייטע זאַך, וואָס האָט מיך שטאַרק פאַכאַפּט דאָ אין הויז, זיינען געווען די טעפּ מיט די פּאַפּירענע רויטע בלומען אויפן פענצטער, אַזוינע בלומען פלעגט אויך מיין שוועסטער מאַכן פון רויטן פּאַפּיר און באַצירן די פענצטער.

דאָס איינציקע שטיקל מעבל, וואָס האָט מיר אויסגעזען פרעמד, איז געווען אַ „ראַקינג־טשער", אַ הוידע־שטול.

און אַז איך האָב געטראַכט, אַז אין דער ריינקייט און דער זויבערקייט פון הויז האָט מסתמא אויך אַ גרויסן חלק גאָלדע, איז מיר געוואָרן זייער גוט אויפן האַרצן פון געדאַנק.

די צוויי מיידלעך אין צווייטן צימער האָבן געהאַלטן דאָרטן אין איין לאַכן הויך אויף אַ קול, און באַזונדער קלינגענדיק און פריידיק איז

געוועזן גאָלדעס געלעכטער. און ס'האָט זיך מיר שוין אַזוי שטאַרק געוואָלט פאַרבלייבן אין דער דאָזיקער וואוינונג, אויף שטענדיק פאַרבלייבן. און אַז איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין אייגענער וואוינונג אויף מאָנראָו סטריט, די צוויי צימערלעך דאָרטן מיט די אָפּגעשיילטע ווענט, מיט די פאַרלאָטעטע שיך אומעטום, מיט דעם חושכדיקן קעראָסין־אייוועלע, איז מיר געוואָרן זייער אומעטיק. נאָך אומעטיקער איז מיר געוואָרן, ווען גאָלדעס טאַטע און מאַמע זיינען אָנגעקומען פון דער שול און מען האָט מיך דערזען אין זייער הויז.

— ווער זיינט איר, און וואָס טוט איר דאָ ביי מיר אין הויז? — האָט זיך אָנגערופן פאַרדעכטיק גאָלדעס מאַמע, אַ געזונטע שיינע געפּאַקטע אידענע.

אָבער גלייך זיינען אַרויסגעלאָפן פון צוויטן צימערביידע מיידלעך, זייערע האָר שוין אויסגעקרייזלט, און גאָלדע האָט באַלד דערקלערט איר מאַמען מיין זיין דאָ אין הויז.

— אָ, — האָט שוין די מאַמע געמאַכט אַ פריינטלעכערע, — דאָס וואָרט איר אויף אייער לאַנדסמאַן. ער איז שוין אין דערהיים, כ'האָב אים געזען אַרויפגיין די טרעפּ.

איך האָב אַזוי ניט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס הויז. ס'איז געווען, ווי מיך אַרויסטרייבן פון גן־עדן...

איך בין אַריין צו מיין לאַנדסמאַן אין דער צווייטער וואוינונג, און ער האָט זיך אַוודאי מיט מיר אַרומגעכאַפּט. ער האָט מיר אויסדערציילט פון אונזער הויז, פון אַלע מיינע אייגענע, פון דעם שטעטל, פון די גאַסן, אַפילו פון דעם טייך און פון דער באָד.

ווען איך בין אַרויס פון מיין לאַנדסמאַנס וואוינונג, און איך האָב זיך געלאָזט מיט די טרעפּ אַראָפּ, איז אָנגעקומען יענער בחור, וואָס איך האָב געזען מיט גאָלדען אין טעאַטער. אַן אויסגעפּוצטער, אַ צעשיינטער, אַ צופרידענער האָט ער זיך געלאָזט מיט די טרעפּ אַרויף. ער האָט מיך גלייך דערקענט און מיך דורכגענומען מיט זייער אַ פאַרדעכטיקן און אומפריינטלעכן קוק. מיין קוק צו אים איז אויך געווען ניט איבעריק פריינטלעך. ס'האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט עפּעס טאָן צו אים אַ שלעכטסקייט, און איך רוף זיך אָן טאַמעוואַטע:

— איר גייט מסתמא צו גאָלדען, זי איז ניטאָ אינדערהיים.

— פונוואַנעט ווייסט איר? — האָט ער זיך אָנגערופן מיט חשד.
— ווייל איך בין ערשט געווען דאָרטן.
האָט ער מיר גאָרניט געזאָגט, נאָר מיר געשענקט אַ לאַנגן שטעכיקן בליק, זיך אַרויפגעשפּאַנט די טרעפּ און פאַרשוואונדן געוואָרן אין האָל...

אויף דער אַמאָליקער ברוקלין בריק

איך בין אָפּט געקומען אויף אַכצן עסעקס סטריט, כלומרשט צו מיין לאַנדסמאַן מאירן. איך פלעג זיצן מיט מאירן אויפן סטופּ און שמועסן און איך האָב דערוויל געוואַרט גאָלדע זאָל זיך אַרויסיאַווען. און אַז זי האָט זיך אַרויסגעיאַוועט, איז מיר געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן.
— אָ, מיסטער זלמן איז אויך דאָ! — פלעגט זי זיך צעלאַכן מיט איר קלינגענדיקן געלעכטער. — וואָס מאַכט איר, מיסטער זלמן? ווי אַזוי גייט דאָס אייך, מיסטער זלמן?
און אַז די עלטערן זיינען אויך געזעסן אויפן סטופּ, אָדער איר חתן,
— מעקס האָט ער געהייסן, — פלעגט זי צו מיר ניט רעדן, נאָר געקוקט אויף מיר זייטיק מיט איר פריילעכע אויגן און לאַכנדיק בעזל. איר האָט שוין אַמאָל געזען אַ לאַכנדיק בעזל? כאַפּט אַ קוק אויף מיין גאָלדען. שוין זיבעציק מיט אַ סמיטשיק און ס'לאַכט נאָך.
און אַז איר חתן האָט מיך פיינט געהאַט פון טיפן האַרצן, דאַרף איך אייך שוין ניט דערציילן. און ער איז טאַקע געווען אַ קלאָוקמאַכער, ווי איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, און גאָר פון די בריהשע קלאָוקמאַכער. און ער האָט זיך געשניטן אויף אַ באָס.
גאָלדעס מאַמע, אַ היפּשע אידענע, אַ געזונטע און אויך אַ לאַכנדיקע, האָט מיך ניט געקאָנט אָנקוקן פאַר רחמנות. איטע־בתיה האָט זי געהייסן.
— טרינקט לויזע אייער, — האָט זי מיר אָפּט געזאָגט, — איר זיינט צו־דאַר.

אָבער ס'איז ניט געווען מיין דאַרקייט. ס'איז געווען דאָס, וואָס איך בין אַ שוסטער. און אַ שוסטער פון דערהיים, ווייסט איר דאָך, איז דאָך דער נידעריקסטער שעבנידעריקסטער. און זי איז נאָך געווען אַ חזנס אַ טאָכטער. גאָלדעס חתן, מעקס, אַ שניידער פון דערהיים, איז אויך ניט געווען ביי איר אַזאַ וואַזשנער יחוס. אָבער דערפאַר איז ער דאָך געווען אַ גרויסער פאַרדינער און געריסן זיך אַליין צו ווערן אַ באַלעבאָס.

גאָלדעס טאַטע, ר' שלום, אַ הויכער איד מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד, איז געווען אַ חזן פון דערהיים. אָבער פאַרנדיק אויף דער שיף איז ער עפּעס הייזעריק געוואָרן און אַזוי שוין פאַרבליבן הייזעריק אַלע זיינע יאָרן אין אַמעריקע. ער האָט געפּעדלט מיט סידורים, מחזורים, ציצית און אַנדערע הייליקע זאַכן אויף דיוויזשאַן סטריט. ר' שלום האָט אויך געקוקט אויף מיר קרום. און ניט נאָר צוליב דעם וואָס איך בין אַ שוסטער און פון די קנאַפּע פאַרדינער, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ער האָט דערשמעקט, אַז איך בין פון יענע חברה, פון די, וואָס לייקענען אינגאַנצן דעם איינגעשטעלטן סדר פון דער וועלט.

דערפאַר אָבער האָבן די שכנים אויפן סטופּ מיך געהאַט זייער גערן. איך האָב זיי געמאַכט לאַכן מיט מיינע זאָגעכצן און ווערטלעך. זיי האָבן אַוודאי ניט געוואוסט, אַז דאָס מיין איך ניט אַזוי זיי, ווי גאָלדען. אָבער אָפטמאָל פלעגט אָנקומען איר חתן מעקס, און זי אַוועקגענומען פון סטופּ און אַוועקגעגאַנגען מיט איר ערגעץ שפּאַצירן, און מיך איבערגעלאָזן, ווי מען זאָגט, מיטן בייטשל.

איינמאָל אַ זונטיק בייטאָג, אַ הייסער זונטיק בייטאָג איז דאָס געווען, בין איך געקומען צו מאַירן, מיין לאַנדסמאַן, און זיך דערוואוסט, אַז גאָלדע איז אַוועקגעגאַנגען מיט מעקסן שפּאַצירן אויף דער ברוקלינער בריק. האָב איך, פאַרשטייט זיך, גלייך זיך אַוועקגעלאָזט אַהין.

אויף ניו־יאָרק איז דעמאָלט חל געווען די „בלויע זונטיקס". דאָס הייסט, אַז מען האָט ניט געטאָרט האַלטן אָפן די אַמוזירונגס־פּלעצער און די סאַלונען, און ניט געטאָרט פאַרקויפן קיין אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. איז אַז ס'איז געקומען דער זונטיק, איז געווען אַ צער צו קוקן אויף די דורשטיקע נאָכן ביסל אַלקאָהאָל, באַזונדערס אויף די דייטשן. זיי האָבן זיך ממש געעקט. איר ווייסט דאָך, אַז ביי זיי די גלאָז ביר, איז ווי ביי אַ פיש וואַסער.

האָבן מיר דאָך אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט, האָט ער געמאַכט אַזוי, אַז אין ברוקלין, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַ באַזונדערן מעיאָר און אַ באַזונדערע שטאָט־אַדמיניסטראַציע, זיינען ניט חל געווען די געזעצן פון ניו־יאָרק. איז אַז ס׳איז געקומען דער זונטיק, האָבן טויזנטער און טויזנטער עולה־רגל געווען קיין ברוקלין איבער דער ברוקלין־בריק. צוויי געדיכטע שטראָמען מענטשן האָבן זיך געצויגן איבער דער בריק: איינער פון ניו־יאָרק קיין ברוקלין, דער צווייטער פון ברוקלין אויף צוריק. דער קיין ברוקלין איז געווען אַן איילנדיקער, אַן אָנגעכמורעטער; דער אויף צוריק איז געווען אַ לאַנגזאַמער, אַ האָפערדיקער, מיט אַ מין הרחבת הדעת.

און די ברוקלינער בריק איז ביי מיר דעמאָלט געווען דער גרעסטער וואונדער אין דער וועלט. ווי אַזוי האָבן מענטשן גאָר געקאָנט איבער־לייגן איבערן טייך אַזאַ ריזיקע מאַכינע, וואָס וועגט אפשר מיליאָנען טאָן? פונדערווייטנס האָט דאָס אויסגעזען, ווי ס׳הענגט אינדערלופטן צווישן הימל און ערד, אויף גאָרניט אָנגעשפּאַרט. איך האָב אַראָפּגעקוקט צום טייך, און דאָרטן איז געווען אַ באַזונדערע וועלט, וואָס האָט עפּעס גאָרניט קיין שייכות מיט די גאַסן פון ניו־יאָרק. באַרזשעס האָבן זיך גערוקט און זעגל־שיפן האָבן זיך געטראָגן, און קליינע שיפלעך פון אַלערליי גרייס זיינען געווען צעשפּרייט אומעטום, און ס׳האָט פון דער פעט־באַפלעקטער וואַסער געצויגן אַ דעמפּקייט און אַ קילקייט און אַ מין מאָדנער ריח...

געפינען גאָלדען צווישן אַזוי פיל טויזנטער מענטשן, איז געווען כמעט אַן אוממעגלעכקייט, אָבער אַז דאָס האַרץ חלשט אַזוי נאָך איר, און ס׳ציט צו איר מיט אַזאַ געוואַלדיקער ציעניש, בין איך געגאַנגען אַהין און צוריק איבער דער ריזיקער בריק, און נאָך אַמאָל אַהין און צוריק, ביז איך האָב זי געפונען אויף אַ באַנק סאָמע לעבן ברוקלין. איינע אַליין איז זי געזעסן אויף דער באַנק.

— אָ, זלמן! — דערפרייט זי זיך איבער מיר. — וואָס מאַכט איר, זלמן? ווי גייט דאָס אייך, זלמן?

— וואו איז מעקס? — טו איך אַ פרעג.

— וואָס דאַרפט איר האָבן מעקסן? — מאַכט זי זיך טאַמעוואַטע.

— דאַרפן דאַרף איך אים האָבן ווי אַ לאָך אין קאָפּ, — ענטפער

איך, — אָבער מען האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר זיינט אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן מיט אים אויף ברוקלין בריק.

— ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ גלאָז ביר, — מאַכט זי אַביסל אומצופרידן, — איז ער צוגעגאַנגען דאָ ניט ווייט אין אַ סאַלון. ער וועט זיך באַלד אומקערן.

— פּראָ מיר, — ענטפער איך פריילעך, — דאַרף ער זיך אינגאַנצן ניט אומקערן. ער מעג זיצן און זשליאָקען ביר ביז מאָרגן פאַרטאָג...

איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן איר, מיט גרויס יום־טוב אין מיין האַרצן. איך האָב זיך צעלאָזט פאַר איר מיט מיינע שענסטע זאָגעכצן און ווערטלעך, און זי האָט געלאַכט, גאָרניט אויפגעהערט. און אַז מיר האָבן דערזען מעקסן אָנקומען פון דערווייטן, האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן אין דער גיך:

— ער קומט, איז שוין בעסער ער זאָל אייך ניט זען. אַ גרויסער „דזשעלאָסניק". אָבער איך וויל אייך זאָגן, מיסטער זלמן, אַז קיינמאָל אויף מיין לעבן איז מיר ניט געווען אַזוי פריילעך, ווי איצט מיט אייך...

איך האָב זיך געלאָזט צוריק מיטן שטראָם מענטשן, די פריילעכע, די בגילופינדיקע, און איך אַליין אויך אַ בגילופינדיקער. מיט אַ פּאַר־ריסענעם קאָפּ האָב איך געשפּאַנט, און דאָס האַרץ איז געווען זייער שטאַרק. דאָס האָט ניט געשפּאַנט דער דאַרער בחור, דער כראָנדזיע מיטן גאָרגל, נאָר עפּעס אַ גיבור אַ יונג, וואָס קאָן איינבנעמען די גאַנצע וועלט, ווען ער וויל נאָר...

איך גרינדע דעם „פאָרווערטס"

ווען איך בין איינמאָל אַ פאַרנאַכט צוגעקומען צו אַכצן עסעקס סטריט, האָב איך געטראָפן זיצן אויפן סטופּ גאָלדעס מאַמע.

— זעצט זיך צו, — האָט זי זיך אָנגערופן צו מיר דווקא אַ פּריינט־לעכע. — איך וויל מיט אייך עפּעס רעדן.

— וואָס, אַ שטייגער? — האָב איך אַ זאָג געטאָן כלומרשט אַ רואיקער, אָבער דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהייבן שטאַרק צו קלאַפּן.

— וויפיל, אַ שטייגער, מאַכט איר אַ וואָך? — טוט זי מיר גלייך אַ פרעג.

— זעקס מאָל אַזוי פיל, וויפיל איך מאַך אין איין טאָג, — ענטפער איך כלומרשט מיט אַ וויץ.

— וויפיל־זשע מאַכט איר אין איין טאָג? — לאָזט זי מיך ניט אָפּ.

— וויפיל ס׳לאָזט זיך, — ענטפער איך כלומרשט אַ פריילעכער.

— וויפיל, אַ שטייגער, לאָזט זיך? — מאַכט זי זייער שטרענג.

— איך וויים, — באַשליס איך איר צו זאָגן דעם אמת, — אַמאָל אַכציק סענט אַ טאָג, און אַמאָל אַ דאָלער אַ טאָג.

— צו־ווייניק, — מאַכט זי כלומרשט מיט מיטגעפיל.

— יאָ, צו־ווייניק, — בין איך מיט איר מסכים.

— איר פאַרשטייט, — הייבט זי אָן גראָד האַרציק, — אָרעמקייט איז טאַקע ניט קיין שאַנד, אָבער אויך ניט קיין גאָר וואָזשנער יחוס. און צוויי מתים גייען ניט טאַנצן. איז דעריבער... איר ווייסט שוין וואָס איך מיין.

— ניין. איך ווייס ניט, וואָס איר מיינט.

— איך מיין, אַז איר וואָלט ניט באַדאַרפט צו־אָפט קומען אַהער.

— צו וועמען קום איך דען אַהער, — מאַך איך זיך טאַמעוואַטע, — אויב ניט צו מיין לאַנדסמאַן מאירן?

— צו אייער לאַנדסמאַן מאירן? — ווערט זי שוין אַביסל אין כעס.

— איך בין ניט נעכטן געבוירן געוואָרן.

איז וואָס־זשע האָב איך איר שוין געקאָנט ענטפערן? בין איך נאָך געזעסן אַ ווייל, געשוויגן מיט האַרצווייטיק, דערנאָכדעם זיך אויפגעהויבן, איר געזאָגט אַ גוטע נאַכט און אַוועקגעגאַנגען.

גייענדיק אַהיים אַ פאַרצווייפלטער אַזוי, האָט מיך שיער אַ טראָק ניט איבערגעפאָרן אויף קאַנאַל סטריט. דעמאָלט אין יענע יאָרן, ווען וועגענער זיינען געשלעפּט געוואָרן בלויז דורך פערד, איז געווען נאָך אַ גרעסערע סכנה איבערצוגיין אויף אַ צווייטער זייט גאַס ווי איצט. איצטער זיינען כאָטש דאָ טרעפיק־ליכט, אָבער דעמאָלט איז געווען הפקר, באַזונדערס די יונגען מיט די לאַנגע בייטשן, אויף די גרויסע טראָקס. זיי האָבן גאָרניט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַרן פוס־גייער. זיי האָבן זיך געיאָגט גלייך אויף אייך, און נאָך מיט געשרייען אַזויגע ווילדע און קולות אַזויגע שרעקלעכע, און אָפטמאָל איך אויך מכבד געווען מיט דער בייטש. און אויף קאַנאַל סטריט צו ברוקלין בריק האָבן זיך געיאָגט, און גאָרניט אויפגעהערט, די שווערע טראָקס, געשפּאַנט צו ברייט־רוקנדיקע פערד מיט שווערע פיס, האָרעפּאַשניקעס־פערד, און פּאַטעטאַנדלעך און בריטשקעלעך פון אַלערליי פאָרמען, געשפּאַנט צו לייכטע, לאָווקע, דין־פוסיקע פערד. פייער האָט געשפּריצט אויף די שטיינער פון אונטער די פערדס פּאָדקאָוועס, און ס'האָט געקנאַקט און געבריאַזגעט, אַזוי אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איך האָב געשריבן אַ לאַנגן בריוו אַהיים צו מיין מאַמען און געקלאָגט זיך אויף מיין שווערן לעבן אין פרעמדן לאַנד. זי האָט מיר געענטפערט אויך אַ לאַנגן בריוו און מיך געטרייסט, אַז גאָט וועט מיך נאָך באַגליקן, און איך זאָל גאָרניט טראַכטן פון פאָרן אַהיים, ווייל אינדערהיים וועט מען מיך נאָך נעמען פאַר אַ סאָלדאַט, און אַחוץ דעם וואָלט זי זייער געוואָלט איך זאָל עפּעס געפינען אַ וועג אַריבערצונעמען קיין אַמעריקע מיינע צוויי שוועסטער, ביילקען און זלאַטען, ווייל וואָס וועט זיין דער תכלית מיט זיי דאָרטן אינדערהיים? טעכטער פון אַ שוסטער, און נאָך אָן נדן... אָבער אַזוי ווי מענטשן זאָגן, אַז אין אַמעריקע זיינען דאָ מערער בחורים, ווי מיידלעך, איז דעריבער...

און טאַקע, אַנדערע ברידער נאָך אַ פּאָר יאָר אין אַמעריקע ברענגען געפאַלן ביי זיך. און דודי באָראָפּס רייד וועגן דעם, אַז ס'איז ניט מיין אַריבער זייערע שוועסטער, און איך שלימזל... איך בין געווען זייער

שולד, נאָר ס'איז די שולד פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, האָט מיך ווינציק געטרייסט...

ביי מיין מלאכה האָב איך גאָרניט געמאַכט, טאַקע לחלוטין גאָרניט. מען האָט אויף בראָדווי געבויט אַ הויז פון פינף־און־צוואַנציק שטאָק, און מען האָט געדאַרפט האָבן שווערע אַרבעטער, און כאָטשבי איך בין געווען אַ דאַרער, פונדעסטוועגן האָט מען מיך צוגענומען. געצאָלט האָט מען מיר אַ דאָלער אַ טאָג. מיין אַרבעט איז געווען אָנצולאָדן דעם עלעוויטאָר מיט ציגל, שטיינער, ברעטער און אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אויף די אויבערשטע שטאָקן, האָבן באַדאַרפט. איז דאָס געווען אַ שווערע אַרבעט, ס'האָט מיר צעבראָכן אַלע ביינער. איך פלעג גאָרניט קאָנען אויפשטיין אינדערפרי.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע איז די העכסטע געביידע אין ניו־יאָרק געווען פון צוואַנציק שטאָק. איך געדענק שוין ניט אויף וועלכער גאַס זי האָט זיך געפונען. מיין פעטער איטשע האָט מיך אומיסטן גענומען אַהינצו און מיר געזאָגט:

— נאַ, קוק אָן, דאָס איז אַמעריקע.

און געזאָגט האָט ער דאָס מיט אַזאַ טאָן, אַקוראַט ווי ס'וואָלט געווען אינגאַנצן זיינס.

האָב איך אָנגעקוקט די אַמעריקע, און ס'האָט מיר גענומען שווינדלען אין די אויגן און זיך דרייען אין קאָפּ. גאָרניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי די אַרבעטער זיינען געקראָכן צום הימל מיט באַלקנס, מיט ציגל און מיט די אַלע בוי־מאַטעריאַלן. איצטער, ווען איך האָב אַליין גע־אַרבעט, און נאָך ביי אַ גרעסערן ריז, האָב איך שוין געזען ווי קלוג אַמעריקע איז. מיט אַן עלעוויטאָר, מיט גראָבע שטריק, און מיט נאָך אַזוינע זאַכן. איך האָב געאַרבעט זעקס טעג אַ וואָך, שבת אויך, און איך האָב זיך גאָרניט געקאָנט אָנעסן צו דער זאַט. וויפיל איך האָב ניט געררוקט אין זיך, איז ניט געווען גענוג; ממש — אַ וואָלף. איך האָב אויפגעגעסן כמעט אַלצדינג, וואָס איך האָב פאַרדינט. קוים געקאָנט אָפּשפּאָרן אַ פּאָר מטבעות אַ וואָך. איך האָב געזאַמלט אויף אַ שיפס־קאַרטע פאַר מיין עלטערער שוועסטער ביילקען.

אָפּגעאַרבעט אַזוי אַרום אַ ניינצן וואָכן, די שווערסטע אין מיין לעבן, און איך האָב שוין פאַרמאָגט דעם גרויסן קאַפּיטאַל פון גאַנצע צוואַנציק

דאָלער. מען האָט דעמאָלט געקאָנט נעמען אַ שיפסקאַרטע אויף אויס־צוצאָלן. דערווייל אָבער, איינמאָל אַ פאַרנאַכט, האָט מען גערופן אַ גרויסן מיטינג אין אַ זאַל, מיר דאַכט זיך אויף אָרטשאַרד סטריט. פון דעם דאָזיקן מיטינג איז געבוירן געוואָרן דער „פאָרווערטס״. אויף יענעם מיטינג האָבן גערעדט מאָריס ווינטשעווסקי און אייב קאַהאַן. זיי האָבןביידע גערעדט מיט אַזוי פיל פייער, מיט אַזוי פיל האַרציקייט, אַז אַ סך צווישן עולם האָבן געפילט, ממש זיך מקריב זיין, אַבי צו מאַכן מעגלעך די נייע צייטונג. און אַז מאָריס ווינטשעווסקי האָט געזאָגט אין זיין רעדע, אַז די נייע צייטונג וועט דינען בלויז די אינטערעסן פון די מאַסן, ניט פון אַ קליקע, אַז די נייע צייטונג וועט אונז העלפן אין אונזער שווער לעבן, און אַז זי וועט זיין פאַר אונז אַ וועג־ווייזערין, אַ ליכט־טורעם, האָבן מיר געפילט פונקט ווי די אידן אין דער מדבר, ווען משה רבינו האָט גערופן די אידן צו בויען דעם משכן...

אייב קאַהאַנס רעדע האָט אונז אויפגעשטורעמט דורך און דורך. ער האָט פאַר אונז געמאָלן, ווי די רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד גיבן אָפּ זייער לעבן פאַרן הייליקן אידעאַל, אָבער מיר, די אידישע אַרבעטער, דאַרפן נאָך ניט אָפּגעבן אונזערע לעבנס פאַר דעם הייליקן אידעאַל, בלויז אַביסל געלט.

און בשעת מען האָט דאָ געהאַלטן די פייערדיקע רעדעס, האָב איך געטראַכט וועגן מיינע צוואַנציק דאָלער, בלוטיק־אָפּגעשפּאָרטע, וואָס זיינען געלעגן אין דער קליינער קעשענע אין מיינע הויזן, גוט פאַר־שפּיליעט מיט אַ קנעפּל, און אויך מיט אַ סעקרעטנע שפּילקע. וואָלט איך געהאַט דאָס געלט אינדערהיים, וואָלט איך אפשר נאָך דאָס געקאָנט ראַטעווען, אָבער ווען די רעדעס האָבן אונז אַזוי אויפגערודערט, צע־פלאַמט, און מאָריס ווינטשעווסקי אַליין איז געגאַנגען צווישן עולם צו נעמען דיביישטייערונגען, האָב איך שוין קיין מינוט ניט געטראַכט, און פון די צוואַנציק דאָלער איז געבליבן בלויז אַ פאַריתומט פּינפערל.

און כאָטשבי די פופצן דאָלער זיינען דאָך געווען דריי פערטל פון מיין פאַרמעגן, פונדעסטוועגן בין איך בשעת מעשה ניט געווען איינגאַנצן חבר מיט זיך אַליין. ס׳האָט מיר געקאַראַבעט, וואָס דער יצר הרע האָט מיך אָנגערייצט איבערצולאָזן ביי זיך אַ פינפערל, און כ׳בין ניט געווען גענוג שטאַרק ווי אַנדערע. אַנדערע האָבן אָפּגעגעבן טאַקע לחלוטין

דאָס לעצטע. איינער אַ קראַנקער אַרבעטער און אַ טאַטע פון פיר קינדער־לעך האָט אָפּגעגעבן די רענט, וואָס ער האָט דעם צווייטן טאָג געדאַרפט אַוועקטראָגן דעם לענדלאָרד... און ס'איז געווען אַזאַ הייליקע שטימונג, אַ ברידערלעכע הייליקע שטימונג...

— אַך, אַך! — טוט זלמן דער שוסטער אַ זיפץ, ווערט אַנטשוויגן, פאַרטראַכט זיך און זיינע קלוגע אויגן קוקן מיט שטוינונג צו דעם אַמאָל, צו דעם צוריק מיט יאָרן...

קנישעס

ביי דעם הימל־קראַצער פון פינף־און־צוואַנציק שטאָק אויף בראָדוויי האָב איך נאָך געאַרבעט אַ פּאָר וואָכן. און געוואַקסן איז ער, ווי אויף הייוון. איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, און נאָך אַ שטאָק איז שוין אַרויפגעשטעלט געוואָרן.

שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך האָב שוין געוואוינט אין דער סאָוט און איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק אויף אַ וויזיט, האָט דאָס מיך געצויגן אָנצוקוקן „מיין" הימל־קראַצער.

און „מיין" הימל־קראַצער, וואָס איז געווען דער גרעסטער ריז צווישן אַלע הימל־קראַצער דעמאָלט אין ניו־יאָרק, איז שפּעטער מיט יאָרן, אויף מיין באַזוך, שוין געווען אַראָפּגעפּאַלן פון זיין גדולה, גאָר אויסגעקוקט ווי אַ קאַרליקל. אויף דעם זעלביקן בלאָק איז אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט אַ צווייטער ריז, וואָס איז געווען צוויי מאָל העכער פון „מיינעם".

און פּונקט אַזוי ווי אין חומש די מעשה וועגן דעם טורעם, וואָס מענטשן האָבן זיך גענומען בויען צו דערגרייכן דעם הימל, האָט מען זיך געקריגט צוליב דעם געמיש פון שפּראַכן, אַזוי אויך ווען איך האָב געהאָלפן בויען דעם טורעם אין ניו־יאָרק, האָבן מיר זיך געקריגט צווישן זיך, צוליב דעם געמיש פון שפּראַכן. ס'האָבן געאַרבעט איטאַ־ליענער, פּוילישע, אידישע, רוסישע, טשעכישע, סיריער, אייִרישע און

נאָך און נאָך פעלקערשאַפטן. און איין פעלקערשאַפט איז געווען אָנ־געשטויסן אויף דער צווייטער פעלקערשאַפט, און אַ סך מאָל איז געקומען ניט נאָר צו זידלערייען און באַליידיקונגען, נאָר אַפילו צו געשלעגן. אָבער לויט דער מעשה אין חומש האָט מען געמוזט אויפגעבן בויען דעם טורעם צוליב דעם געמיש פון שפּראַכן, און ביי אונז איז דאָס געווען פאַרקערט. מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט געקאָנט צונויפריידן צווישן זיך צו סטרייקן פאַר אַ בעסערער לוין, און די אַרבעט האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט.

אַרום אַ פיר חדשים האָב איך געאַרבעט ביים בויען און דערנאָך האָב איך זיך אָנגעדונגען אין אַ קעלער אויף צו באַקן קנישעס, ביי ר׳ חיים מייטיס אויף העסטער סטריט. און ר׳ חיים מייטיסעס קנישעס זיינען געווען אַ שם דבר אויף דער איסט־סייד. אַלע האָבן נאָר געוואָלט חיים מייטיסעס קנישעס.

— ר׳ חיים מייטיסעס קנישעס, די סאַמאַראָדנע קנישעס!... — האָבן די פּעדלער געשריען צו די פאַרבייגייער.

ס׳זיינען, פאַרשטייט זיך, אויך געווען נאָכגעמאַכטע קנישעס. אָבער די קונים האָבן געדאַרפט טאָן איין ביס און דערקענען דעם שווינדל. מחמת ר׳ חיים מייטיסעס אַ קניש פון פּאַסאָליעס, צי פון קאַשע, צי פון קאַרטאָפל האָט פאַרמאָגט אַזאַ מין באַזונדערן געשמאַקן טעם, וואָס קיין אַנדערער בעקער האָט דאָס ניט געקאָנט נאָכמאַכן.

ער אַליין, ר׳ חיים מייטיס, פון די משונהדיקע פרומע חסידים, איז געווען אַ ווילד־באַוואַקסענער איד, זייער אַ קרעפּקער. זיין פּנים איז געווען גאָלע באָרד. אויף די אָרעמס, אויף דער ברוסט, אויף די פיס האָט אויך געוואַקסן. אַ שוואַרץ־באַוואָקסענער. זיין אשה האָט ער איבער־געלאָזט אינדערהיים, אין טולטשין. און זיין אשה, האָבן זיינע לאַנדסלייט דערציילט, איז געווען אַ דאַרינקע, אַ קליינינקע, אָבער אַ גרויסע קינדלערין.

די קונסט פון קנישעס באַקן קומט צו אים פון זיין מאַמע מייטען, אַ באַרימטע סאַרווערין. אַ צייט געווען אַ קעכין ביים טולטשינער רבין. אויף די רייכסטע חתונות האָט מען זי געוואָלט, ניט נאָר אין טולטשין, נאָר אויך אין די דערבייאיקע שטעטלעך.

אין אַמעריקע איז ר׳ חיים מייטיס געוואָרן פּשוט רייך פון די קנישעס.

אַ חוץ מיר, האָבן געאַרבעט אין קעלער נאָך צוויי. אונז פּשוטע אַרבעטער האָט ר׳ חיים קיינמאָל ניט צוגעלאָזן צו דער ריכטיקער מלאכה פון באַקן. מיר זיינען געווען בלויז די דערלאַנגער, די מישער, די צע־פּאַקעווער, די פאַרפּאַקעווער, די הייצער, די טרעגער. איידער נאָך אַן אויוון קנישעס איז געוואָרן פאַרטיק, זיינען שוין געשטאַנען ביי דער טיר פּעדלער מיט די פּושקאַרטס און געוואַרט אויף דער סחורה.

יעדע אַכצן חדשים פלעגט ר׳ חיים מייטיס פאָרן צוריק אַהיים קיין טולטשין צו זיין דאַרינקער, קליינינקער אשה, אָפּזיין דאָרטן אַ חודש אָדער זעקס וואָכן און זיך אומקערן קיין אַמעריקע. און נאָך יעדעס מאָל פון זיין אָפּזיין אין דערהיים איז אים צוגעקומען צו זיין משפחה נאָך אַ בן אָדער אַ בת.

פאַרוואָס גאָר אַלע אַכצן חדשים? איז דאָ ערגעץ אַזאַ דין, צי אַזאַ תקנה, אַז אַ פרומער איד, וואָס פאָרט אַוועק אין די ווייטע מקומות, טאָר מערער פון אַכצן חדשים ניט זיין אַליין אָן זיין פרוי.

כ׳האָב חיים מייטיסן געפרעגט, פאַרוואָס ער ברענגט אינגאַנצן ניט אַריבער זיין משפחה אין אַמעריקע, וועט ער זיך ניט דאַרפן, נעבעך, שלעפּן אַהין און צוריק, האָט ער געענטפערט, אַז ער וויל ניט זיינע קינדער זאָלן אויפגעבראַכט ווערן אין אַ לאַנד, וואו מען היט ניט אָפּ אידישקייט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

ער איז שוין געווען צו־פאַנאַטיש, דער דאָזיקער חיים מייטיס, מחמת אויף דער איסט־סייד יענע יאָרן זיינען געווען אַ סך אידן, וואָס האָבן אָפּגעהיט אידישקייט פונקט ווי אין דערהיים, און אַפילו געשיקט זייערע אינגלעך אין די ישיבות אויף אַ גאַנצן טאָג. בחורימלעך מיט געדיכטע געקרייזלטע פּיאות און מיט לאַנגע טלית־קטנס האָט מען געזען אויף יעדן בלאָק.

און טשאָלנט האָט מען אויך געשטעלט שבת אין אַ סך הייזער. מען האָט דעמאָלט פאַרקויפט אויף דער איסט־סייד אַזאַ טשאָלענט־אויוון, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ בלעכן קעסטל, אינעווייניק אַריינגעשטעלט אַ לאָמפּ, און דער לאָמפּ האָט אָנגעהאַלטן די נויטיקע היץ.

די צייט, וואָס ר׳ חיים מייטיס פלעגט פאַרברענגען מיט ווייב און קינדער אין שטעטל, און זיין בעקעריי איז געשטאַנען ליידיק, האָבן אַ סך אַנדערע בעקער געפּרוּווט באַרימט מאַכן זייערע קנישעס אויף דער

איסט־סייד, אָבער ס'האָט זיי ניט געהאָלפן. ווי נאָר דער גרויסער מייסטער איז געקומען צוריק פון זיין מצווה־רייזע און האָט זיך צוריק גענומען צו דער מלאכה, איז ווידער געוואָרן אַ צעכאַפּעניש אויף זיינע קנישעס.

אָבער שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך בין שוין געווען אין דער סאָוט, האָב איך געהערט, אַז סוף־כל־סוף האָט זיך געפונען אַ גרעסערער מייסטער ווי ער, איינער אַ שימל, און איינגאַנצן פאַרשטעקט אין ווינקל חיים מייטיסן מיט זיינע קנישעס. און דער דאָזיקער שימל איז געוואָרן רייך ווי קורח, האָט מען געזאָגט.

איך האָב זיך אָבער פאַררעדט מיט ר' חיים מייטיסן און זיינע קנישעס, און דערציילן אייך האָב איך געוואָלט וועגן דעם ווי אַזוי איך האָב געסטראַדאַיעט נאָך גאָלדען און ווי אַזוי איך האָב זי איינמאָל אומגעריכט באַגעגנט אין צענטראַל פּאַרק.

איך באַגעגן גאָלדען אין צענטראַל פּאַרק

„אַ חלום, אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט, אַ חלום האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.“

אָט דאָס לידל פלעגט מען אַמאָל זינגען אויף דער איסט־סייד.

און וועגן גאָלדען איז טאַקע געווען: „אַ חלום, אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט, אַ חלום האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.“ ביי טאָג האָב איך געטראַכט און געבענקט נאָך איר און ביינאַכט איז זי מיר געקומען צו חלום. ביי טאָג האָב איך געטראַכט, אַז ס'איז פּוסטע מעשיות, און ביינאַכט אין חלום איז אויסגעקומען, אַז מיר זיינען שוין חתן און כלה, און מיר גייען שפּאַצירן אין צענטראַל פּאַרק, האַלטן זיך געאָרעמט, און זי לאַכט, און ל־אַ־כ־ט. און אַז איך פרעג זי וואָס זי לאַכט, זאָגט זי:

— גיי ווייס, אַ איך וועל זיך פאַרליבן אין אַ דאַרן כראָנדזיע, און נאָך אין אַ שוסטער דערצו!

און געזען האָב איך זי טאַקע איינמאָל אין צענטראַל פּאַרק, און ניט אין חלום, נאָר טאַקע אין דער ווירקלעכקייט, און געשפּאַצירט האָט זי געאָרעמט, און ניט מיט מיר נאָר מיט מעקסן. ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי מאָדנע אַ קוק געטאָן אויף מיר, און איך האָב געוואָלט אויס־טייטשן איר קוק, אַז ער האָט געמיינט: „וואָס זעט מען אייך מער ניט, מיסטער זלמן?”. איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי פאַרליבטע זיינען. ריידן זיך איין. דער חתן אירער, מעקס, האָט אויך אַ מאָדנע קוק געטאָן אויף מיר, און איך האָב זיך שוין ניט געדאַרפט איינריידן, וואָס אַזוינס ער האָט געמיינט.

און כדי מיר צו ווייזן אַ פייג, אַזוי צו זאָגן, האָט ער צוגערופן אַ שיינעם פאַעטאָן, מיט אַ קוטשער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם צילינדער, אין אַ גרין רעקל מיט מעשענע קנעפּ, און אין רויטע הויזן אַריינגעטאָן אין לאַקירטע שטיוועלעך. מעקס האָט זיך אַריינגעזעצט מיט מיין גאָלדען און אָוועקגעשמיסן מיט דעם שיינעם אויסגעפלאַסטערטן וועג וואָס איז געלאָפן דורכן פּאַרק. אַזאַ פאַרגעניגן האָט מסתמא גע־דאַרפט קאָסטן פינף־און־זיבעציק סענט, אָדער אפשר נאָך מער, אָבער יענער האָט זיך ווייזט אויס געקאָנט פאַרגינען. בין איך געשטאַנען און נאָכגעקוקט זייער פאַעטאָן, ביז ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, און זיך בשעת מעשה מיר געזונגען: „אַ חלום, אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט, אַ חלום האָט זיך מיר אויסגעדאַכט”...

און ערשט דאָרטן אין צענטראַל פּאַרק האָט מען געקאָנט קלאָר זען, ווי די גבירים פון ניו־יאָרק לעבן אַ משוגענעם טאָג. ס'איז געווען דעמאָלט אַ זומער פאַרנאַכט, ס'האָט געשמעקט מיט גוטע ריחות פון בלומען און פאַרשיידענע פלאַנצונגען. דאָס גרינע גראָז מיט די געדיכטע ביימער האָבן מחיה געווען דאָס אויג. און איבער די שיינע געפלאַסטערטע וועגן אין פּאַרק האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרבייטראָגן די רייכסטע פאַעטאָנען פון כלערליי מינים.

מען איז אַרומגעפאָרן אין צענטראַל פּאַרק אויך אויף די צוויי־רעדל־דיקע זאַכענישן, אויף די וועלאָסיפּעדן. אפשר טויזנטער וועלאָסיפּעדן פון אַלערליי גרייס. געווען אַזוינע וועלאָסיפּעדן, וואָס מען איז געפאָרן איינ־צווייען, געוויינלעך אַ פּאָרל, אַ אינגל און אַ מיידל. און די וואָס זיינען

געפּאָרן אויף די וועלאָסיפּעדן, זיינען געווען אָנגעטאָן אין אַזוינע געקעסטלטע קליידער. ס׳איז עפּעס אויסגעקומען דאָרטן אין צענטראַל פּאַרק, ווי די וועלט וואָלט גאָר פון קיין צרות ניט געוואוסט, נאָר גאָלע יום־טוב.

און אַזוינע שיינע יונגע פרויען אין די פּאַטאָנען. יעדע פרוי אַ יום־טוב אין איר קליין שטרויען היטעלע, אין איר אויפגעבלאָזן קליידל ווי אַ קרענאָלינע, מיט איר געשניצט קאָלירט זאָנטיקל און הנעוודיקן הענטל.

אויך די פערדלעך זיינען יום־טוב. גראַציעזע, גרינג־פוסיקע פערד אין די רייכע געשפּאַנען. און אַלע לויפן צום זעלביקן טאַקט און מאַכן קליק־קלאַק, קליק־קלאַק.

יאָ, ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער יום־טוב פאַר דער גבירישער מענטשהייט: בלומען, גראָזן, געדיכטעביימער אַרום און אַרום. שמעקנדיקע קילע ווינטעלעך און רייצנדיקע פריידיקע געלעכטערס פון שיינע פרויען.

איך האָב אַזש געוואָלט וויינען. און געוואָלט ווינען האָב איך אי פון דעם, וואָס די וועלט איז אַזוי שיין, און אי פון דעם, וואָס גאָלדע פאָרט אין פּאַטאָן מיט אַ צווייטן. און איך האָב זיך געטראַכט: אַוודאי קומט אַזאַ טייער מיידל, ווי גאָלדען, אַ בעסער לעבן, און איך, וואָס קאָן איר געבן.... און אָט האָט זייער פּאַטאָן זיך צוריקגעטראָגן, און גאָלדע פון אַכצן עסעקס סטריט איז געזעסן לעבן איר חתן מעקס, אַ פאַררויטלטע, אויך אין אַ קליין שטרויען היטעלע אויפן קאָפּ, אין אַ שמאָלער וועסט, אין אַן אויפגעבלאָזענעם קליידל, אין די הענט דאָס גרינע פּערלמוטערנע הענטל פון איר רויטן זאָנטיקל, און געלאַכט צו מעקסן מיט איר פריידיקן געזונטן געלעכטער.

איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים. ס׳איז שוין געווען נאַכט. אַ הייסע שטיקנדיקע נאַכט. אויף דער איסט־סייד זיינען כמעט אַלע מענטשן געווען אינדרויסן. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אינעווייניק אין די הייזער איז קיין איין לעבעדיקער נפש ניט פאַרבליבן. מען איז געזעסן אויף די סטופּס באָרוועסע און צעכראַסטעטע, מידע און פאַרמאַטערטע און געחלשט נאָך אַ קיל ווינטעלע. אַ סך זיינען אַרויפגעקראָכן אויף די דעכער, און זיך

צעלייגט אויף די מאַטראַצן, וואָס מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן, און געפּרואווט אַביסל איינדרעמלען.

און די קינדערלעך פון דער איסט־סייד, זאָלן לעבן — יאָ הייס, ניט הייס, זיי האָבן געווילדעוועט אויף די טראָטואַרן און געשריען אויף די העכסטע קולות...

צו ימים נוראים

דערווייל זיינען די זומער־חדשים פּאַוואָליע אַוועקגעגאַנגען, און ס'האָט אָנגעהייבן צו שמעקן מיט די ימים נוראים, מיט די פּאַרכטלעכע טעג. אַלע פּאַרטאָג האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף דאָס בלאָזן פון אַ שופר אין אַ דערבייאיקן שולכל אויף מאַנראָו סטריט. אויף די פּושקאַרטס האָבן זיך באַוויזן סליחות, מחזורים, לשנה־טובהס און טליתימלעך.

די אידישע אַנאַרכיסטן אויף דער איסט־סייד האָבן זיך אויך געגרייט צו די פּאַרכטלעכע טעג. מען האָט געדרוקט בלעטלעך מיט אַזאַ מין פּאַר־פּאַסונג, וואָס האָט זיך גערופן „תפילה זכה", וואו זיי האָבן געמאַכט צו־נישט אַלע הייליקע צערעמאָניעס. און כאָטשבי אין ענין רעליגיע האָב איך געהאַלטן דעמאָלט מיט זיי, מיט די אַנאַרכיסטן, אָבער פונדעסטוועגן פלעג איך זיך אַריינכאַפּן אין אַ שבת ראש־חודש, אָדער אין אַ יום־טוב, אין אַ שולכל, און ניט צוליבן דאַוונען, נאָר צוליב הנאה האָבן פון אַ שיין שטיקעלע נגינה.

אין בית־המדרש הגדול האָט דעמאָלט געדאַוונט אַ רומענישער חזן אַן אַנטיק. מיכאַלעסקאָ, דאַכט זיך, האָט ער געהייסן. מיט אפשר צוואַנציק משוררים האָט ער געדאַוונט. דער שמש פון דער שול איז געווען אַ קליין אידעלע, און די באָרד ביי אים איבער די קני, אַ ווייסע באָרד. און ער האָט געטראָגן אַ צילינדער, וואָס איז געווען גרעסער פון אים. ער, דער דאָזיקער שמש, פלעגט אָנקוועלן, ווען איך האָב זיך אַריינ־געיאָוועט אין בית־המדרש. ער האָט גוט געוואוסט, אַז איך בין פון

„יענע חברה״, און פלעגט אָנווייזן אויף מיר די אַנדערע אידן און זאָגן:

— איר זעט, אַפילו אַ סאָציאַליסט, אָבער דאָך שלאָגט אין אים אַן אָדער פון אידישקייט.

אָבער גיי דערצייל אים, אַז וואָס מיר גייט אָן איז די נגינה. פאַר אַ ריכטיק שטיקל נגינה, בין איך קאַפּאַבל אַפילו צו פאַרזעצן מיינע הויזן. אויף העסטער סטריט, אין יענע יאָרן, האָט מען פאַר אַ פּעני זיך געקאָנט צוהערן צו אַ גראַמאָפאָן. ס'איז געווען אַ גראַמאָפאָן אָן אַ טרובע, נאָר מיט צוויי רערלעך פון ביידע זייטן קעסטל. די רערלעך האָט מען אַריינגעשטעקט אין ביידע אויערן, אַזוי אַז נאָר דער וואָס האָט באַצאָלט אַ פּעני האָט געקאָנט זיך צוהערן, קיין זייטיקע ניט. די זייטיקע האָבן נאָר געקאָנט זיך משער זיין לויט דער מתיקות אויפן פּנים פון דעם מיט די רערלעך אין די אויערן, אַז ער הערט עפּעס אַזוינס און אַזעלכס. ניט איין פּעני האָט מיך געקאָסט דער דאָזיקער גראַמאָפאָן אויף העסטער סטריט.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צוריק צו אונזער מעשה. יאָ, הייסט דאָס, אַז ס'קומט ראש השנה, און די אַנאַרכיסטן און אַפילו די סאָציאַליסטן רופן די אידן ניט גיין אין שול אַריין, אָבער איך בין גראָד יאָ געגאַנגען. און דאָס מאָל ניט צוליב מיין ליבשאַפט צו נגינה, נאָר צוליב אַן אַנדער ליבשאַפט. אין אָסטראָלענקער שולכל, וואָס איז געווען אויף נומער ביין עסעקס סטריט, האָט קיין גרויסער חזן ניט געדאַוונט, נאָר אַ פּשוטער בעל־תפילה, אָבער דערפאַר, האָב איך געוואוסט, האָט דאָרטן געדאַוונט דאָס גלוסטונג פון מיין האַרץ.

אין יענע יאָרן איז ניט געווען קיין זעלטנקייט צו זען אויף דער איסט־סייד פרומע מאַמעס אין די שייטלעך גייען מיט זייערע יונגע טעכטער אין שול אַריין דאַוונען, באַזונדערס נאָך אין אַ ראש השנה.

און אין דער אָסטראָלענקער שולכל אויף ביין עסעקס סטריט, וואו אונטן איז געווען אַ רעסטאָראַן און אויבן אַ טאַנץ־זאַל, האָב איך דעם ערשטן טאָג ראש השנה געטראָפן מיינעם אַ לאַנדסמאַן, וואָס צוליב אים בין איך באַרימט געוואָרן ביי מיינע גענאָסן די סאָציאַליסטן, און אויך געשטיגן גאָר אויף אַ הויכער מדרגה אין די אויגן פון מיין גאָלדען, די גאַרונג פון מיין נשמה...

דער דאָזיקער לאַנדסמאַן איז געווען שמואל לייב בוכנער, דער

גרעסטער גביר פון מיין שטעטל, מיט וועמען איך האָב געהאַט אַ באַ־זונדערע רעכענונג, ווייל ער האָט מיך אַמאָל גערופן גנב... אָבער אַזוי ווי איך בין שוין איצט אַ ביסעלע מיד, וועלן מיר אָפּלייגן אונזער מעשה אויף אַ צווייטן מאָל. דערוויל לאָמיר זיך מכבד זיין מיט אַ ביסעלע ווייַן, גאָלדעס ווייַן. מאַכט זי ווייַן — טעם גן־עדן! עפּעס ווי איך זע אַ גלאָז ווייַן, טו איך אַ לאַך, איידער נאָך איך פאַרזוך דאָס. ווייַן מאַכט לאַכן דעם מענטשן, און גאָלדעס ווייַן אַוודאי און אַוודאי...

ער האָט מיך גערופן „גנב"

יאָ, ער האָט מיך גערופן „גנב", משה לייב בוכנער. פאַרוואָס? צוליב עטלעכע שטיקלעך האָלץ דאַרטן.

איך האָב אים דאָס קיינמאָל ניט געקאָנט מוחל זיין. איך בין דעמאָלט געווען אַ בחורל פון אַ יאָר צוועלף. מיין ברודערל יאָסל איז געלעגן קראַנק אויף דער שקאַרלאַטינע. און קאַלט איז געווען ביי אונז אין הויז ווי אין אַ שטאַל. די נאַסע ווענט, אינעווייניק, האָבן געגלאַנצט מיט ווייסע פּערעלעך. און מיין ברודערל יאָסל האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך־המות. און מיין מאַמע, דאַרף איך אייך שוין ניט דערציילן — זי איז פאַרווירט. און מיין טאַטע, וואָס האָט אין דער גרעסטער צרה געקאָנט זאָגן אַ גלייכווערטל — ער שווייגט איצט. קוקט אַריין אין תהילימל, אָבער ער זעט ניט וואוהין ער קוקט. ער מישט אַפילו ניט איבער דאָס בלעטל. מיין טאַטע איז טאַקע געווען אַ שוסטער און בן־שוסטער, אָבער זייער אַ פרומער. איך האָב זיך ניט געגלייבט, אַז ער וועט קאָנען טאָן אַזאַ זאַך. אָבער ער האָט דאָס יאָ געטאָן. און דאָ קומט איצטער אַריין דער ר' משה לייב בוכנער.

ר' משה לייב בוכנער איז געווען, ווי איך האָב אייך געזאָגט, דער גרעסטער גביר אין שטעטל. געהאַנדלט מיט וועלדער און געהאַט אַ גרויסן סקלאַד פון האָלץ. ער איז אויך געווען זייער אַ באַגלייבטער,

און די אלמנות און יתומים פלעגן ביי אים איינלייגן געלט אויף פּראָ־צענט. ער האָט אויך געהאַט זייער אַ זיסן טענאָר און ער האָט געהאַט אַ חזקה פון יאָרן אויפן „הנני העני ממעש״, די תפילה, וואָס מען זאָגט ראש השנה ווען מען הייבט אָן מוסף דאַוונען. מענטשן זיינען זיך אָנגעלאָפן פון אַנדערע שולן הערן משה־לייבס „הנני העני ממעש״. איך, ווי איר ווייסט, וואָס האָב אַזוי ליב נגינה, בין אויך געלאָפן אַזש פון דעם שוסטערשן שולכל צו דער טאַלנער קלויז, וואו יענער האָט געדאַוונט.

ווי אַזוי וואָלט איר פאַרטייטשט אין אידיש „הנני העני ממעש, נרעש ונפחד״? „איך בין דער אָרעמאַן געמאַכט פון אַ שטאָף, אַ צעטומלטס, אַ דערשראָקנס״. דאָס איז, דאַכט זיך מיר, דער ריכטיקער טייטש. וואָלטן מיר אפשר די דאָזיקע ווערטער געפּעלן, אָבער אַז ס׳שטעלט זיך אַנידער אַזאַ גרויסער גביר, ווי ר׳ משה לייב בוכנער, און זאָגט, אַז ער איז דער אָרעמאַן, פאַרלירן שוין די ווערטער דעם אמת. אָבער די מעשה איז וואָס מען האָט אים געגלייבט. ער האָט דאָס געזאָגט אויף זיין האַרציקן טענאָר מיט אַזאַ ציטער, כמעט מיט אַ געוויין, אַז ס׳האָט געגומען די נשמה.

ער איז געווען אַ איד מיט אַ שיינער באָרד, מיט פינקלדיקע ברוינע אויגן און זיין גאַנג איז געווען אַ ניט־געאיילטער, אַ זיכערער, אַ נגידישער.

איצטער, אַז איר האָט זיך שוין אַביסל באַקענט מיט משה לייב בוכנער, וועלן מיר זיך אומקערן צו מיין טאַטן און צו מיין קראַנקן ברודערל יאָסעלע.

זיינען מיר אַלע אין שטוב ניט געשלאָפן יענע נאַכט, צוליב יאָסעלען, און אויך צוליב דער מוראדיקער קעלט. די מאַמע איז געזעסן לעבן קראַנקן ברודערל און געבלאָזן אויף זיין שטערן. וואָס האָט זי געבלאָזן? אפשר אַוועקטרייבן די קראַנקהייט.

ביידע שוועסטער, ביילקע און זלאַטע, זיינען געלעגן אין דער מאַמעס בעט, כמעט איינע אויף דער אַנדערער, ס׳זאָל זיי זיין וואַרעם. איך בין געלעגן אין טאַטנס בעט, צונויפגעדרייט ווי אַ בייגל, און געהאַט פאַר־דראָס אויפן טאַטן, הלמאי ער לייגט זיך ניט אין בעט אַריין, וואָלט מיר געוואָרן וואַרעמער. ער זאָגט דאָך ניט קיין תהילים סיי־ווי־סיי, נאָר קוקט אַריין אין ספרל און מישט אַפילו ניט איבער קיין בלעטל. פלוצלונג, ווי ער גיט זיך אַ שטעל־אויף, טוט אָן זיין פאַרלאַטעטן פּאַלטאָ, וואַרפט

אַרויף דער מאַמעס שאַל אויפֿן האַלז און לאָזט זיך אַרויס אין דער בייזער פֿינצטערער נאַכט.

ווי אַזוי אָבער האָט ער געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך? סיידן צוליב פּיקוח נפש, צוליב דעם, וואָס אַ לעבן שטייט אין קאָן. אין אַזאַ פֿאַל, האָב איך געלערנט אין חדר, מעג מען אַמאָל טאָן זאַכן, וואָס איז קעגן דעם דין.

הכלל, מיין טאַטע האָט יענע נאַכט געגנבעט האָלץ פֿון משה לייב בוכנערס סקלאַד. און נאָך וואָס פֿאַר אַ האָלץ! סאַמע דאָס בעסטע, יאַסינאָווע האָלץ, וואָס ברענט לאַנג און האַלט אָן די היץ אַ שטיק צייט. אין שטוב איז געוואָרן וואַרעם. דעם קראַנקן ברודערל איז געוואָרן בעסער און ער איז איינגעשלאָפֿן. מיר אַלע אין שטוב זיינען אויך איינגעשלאָפֿן.

אינדערפֿרי איז די מאַמע געלאָפֿן לייען געלט אויף צו רופֿן דעם דאָקטער. דער טאַטע איז אַוועק אין נאָענטן דאָרף אָפּנעמען אַ חוב ביי אַ פּויער, וועמען ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שטיוול. מיינע צוויי שוועסטער זיינען אַוועק אַרבעטן און איך בין געבליבן מיט מיין קראַנקן ברודערל.

די הרובע איז שוין געוואָרן קאַלט, האָב איך זי נאָכאַמאָל איינ־געהייצט מיט דעם ביסל וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון געגנבעטן האָלץ. ווי עס עפֿנט זיך די טיר און ס'יאָוועט זיך אַריין דער גביר משה לייב בוכנער.

— זע נאָר, ס'איז גאָר זייער וואַרעם ביי אייך אין הויז? — מאַכט ער כלומרשט מיט פֿריינטלעכקייט.

— אַוודאי, — ענטפֿער איך טאַמעוואַטע, — אַז מען הייצט־איין ווערט וואַרעם.

— וואו איז דיין טאַטע? — פֿרעגט ער מיך שטרענג.

— אַוועק נעכטן ביינאַכט אין דאָרף און דאָרטן געבליבן נעכטיקן, — באַק איך אים אָפּ אַ ליגן.

— הייסט דאָס, אַז ס'איז דיין אַרבעט? — קוקט ער מיך גלייך אין די אויגן.

— וואָס פֿאַר אַן אַרבעט? — מאַך איך זיך אַלץ טאַמעוואַטע.

— שליאַדן פֿירן אין שניי פֿון סקלאַד גלייך אַהערצו, — קוקט ער אויף מיר און זיינע פֿינקלדיקע אויגן נעמען מיך דורך און דורך. שווייג איך שוין. וואָס זאָל איך זאָגן? און איך האָב אַזוי מורא, אַז אפֿשר וועט ער נאָך רופֿן אַ סטראַזשניק.

— אַ אינגל טאָר ניט זיין קיין גנב! — ווערט ער שוין רעכט אין כעס און לויפט אַרויס.

כ'האָב מיין טאַטן קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן דעם, אַז משה לייב בוכנער איז געווען ביי אונז אין הויז. כ'האָב קיינעם ניט דערציילט. איך בין כאָטש געווען צופרידן, וואָס ער האָט געמיינט, אַז איך בין געווען דער וואָס האָט געגנבעט דאָס האָלץ, ניט מיין טאַטע.

אַז ס'איז געקומען דער ראש־השנה, בין איך שוין ניט געלאָפן אין טאַלנער קלויז הערן זיין „הנני העני ממעש". איך האָב פשוט ניט געקאָנט קוקן אויף אים.

און אָט אַזוי זיינען אַוועק יאָרן. איך בין מיר געפאָרן קיין אַמעריקע און שוין כמעט פאַרגעסן אָן אים. ערשט ס'הייבט זיך אָן רעשן צווישן מיינע לאַנדסלייט וועגן משה לייב בוכנער, וואָס האָט אָפּגעטאָן אין אונזער שטעטל זייער אַ מיאוסע זאַך. מאיר חיה־שרהס, דער וואָס האָט געוואוינט אויף אַכצן עסעקס סטריט, האָט מיר דערציילט וועגן אים מיט אַלע איינצל־הייטן. ער האָט מיר דערציילט, ווי משה לייב האָט אויסגעגעבן זיין עלטסטע טעכטערל אין גרויס יחוס און האָט געפּראַוועט זייער אַ רייכע חתונה און געגעבן דעם חתן זייער אַ גרויסן נדן, און אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט ער אָנגעזעצט און איז נעלם געוואָרן. ס'איז געווען תשעה־באב אין שטעטל. אַזוי פיל משפחות האָבן פאַרלוירן די בידנע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר גראָשן. דער גרעסטער צער איז געווען אויף כייקע פייקעס, אַ מיידל אַ יתומה, געווען אַ נייטאָרין און יעדן בלוטיקן גראָשן, וואָס זי האָט פאַרדינט, האָט זי געטראָגן צו משה לייבן, ס'זאָל זיך אָנקלייבן ביי אים גענוג געלט אויף נדן.

און איצטער, אַז איך האָב אייך שוין דערציילט די מעשה מיטן אָנזעצן און מיט משה־לייבס נעלם ווערן, ווילן מיר זיך אומקערן צום אַסטראָלענקער שולכל. יאָ, ס'איז געקומען דער ערשטער טאָג ראש־השנה. און ווילן ווילט זיך גראָד גיין אין בית־המדרש הגדול אויף סאָפאָלק סטריט. ס'האָט דאָרטן געדאַוונט אַ גרויסער חזן מיט אַ סך משוררים. אָבער ציען ציט מיך אין אַסטראָלענקער שולכל, וואו איך האָב געוואוסט איך וועל טרעפן גאָלדען.

און דאָס אַסטראָלענקער שולכל, אויף נייַן עסעקס סטריט, איז געווען געפּאַקט. אַ סך פון מיינע לאַנדסלייט דאָרטן אָנגעטראָפן, כאָטש זיי

זיינען ניט געווען פון אַסטראַלענקע. די ווייבערשע זייט איז געווען אָפּ־געצוימט מיט אַזאַ מין ווענטל, וואָס איז געווען ניט גענוג הויך צו פאַר־שטעלן די פנימער, און גלייך דערבליק איך גאָלדען, און זי מיך, און זי שמייכלט צו מיר אַזוי ליבלעך. ווערט מיר אַוודאי זייער גוט אויפן האַרצן. אָבער גלייך גייט צו מיר צו מיין לאַנדסמאַן מאיר חיה־שרהס און זאָגט: „קוק“. קוק איך, און וועמען דערזע איך? אַוודאי ר׳ משה לייב בוכנער. מיטן טלית איבערן קאָפּ, שאָקלט ער זיך אַזוי פרום איבער זיין מחזור!... און וואו זיצט ער? פון אויבנאָן, אויף דער מזרח־וואַנט...

איך האַלט אַ רעדע

...און דודי באַראַף, וואָס איז נאָך געווען פאַרשמט ביי אונז אין שטעטל פאַר אַ פאַרברענטן אַפּיקורס, אַ לייקענער פון גאָט און רעליגיע, איז אויך געקומען יענעם ראש־השנה אין אַסטראַלענקער שולכל. ער האָט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט, אַז ער איז געקומען זיך זען מיט לאַנדסלייט. אַזוי זיינען זיי צעזייט און צעשפרייט, האָט ער געזאָגט, איבער דער איסט־סייד, און ער ווייסט אַפילו ניט וואו די מערסטע פון זיי וואוינען, אָבער אין אַסטראַלענקער שולכל, האָט ער געוואוסט, וועט ער אַלעמען טרעפן.

און אמת, ס׳זיינען זיך צונויפגעקומען יענעם ראש־השנה אַ סך אידן פון אונזער שטעטל מאַלינעווקע אין אַסטראַלענקער שולכל. און פאַרוואָס האָבן זיך אונזערע לאַנדסלייט גראַד געצויגן צום אַסטראַלענקער שולכל, ווען אין דער אַלטער היים האָבן מיר אַפילו ניט געהערט וועגן אַזאַ שטעטל? דאָס איז אפשר דערפאַר, וואָס די סאַמע ערשטע מאַ־לינעווקער אידן, וואָס האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע, האָבן געוואוינט אויף עסעקס סטריט ניט ווייט פון אַסטראַלענקער שולכל, זיינען זיי שוין געגאַנגען דאַוונען אַהין. שפּעטער, דורך די יאָרן, זיינען די ניי־אָנגעקומענע מאַלינעווקער, וועלנדיק זיך טרעפן מיט לאַנדסלייט, שוין אויך געגאַנגען אַהין דאַוונען. און איך דאַרף אייך דען דערציילן, וואָס

עס מיינט פּאָר גרינגע זיך טרעפן מיט זייערע בני־עיר, וואָס זיינען שוין לענגער אין לאַנד? אויב איר געדענקט, האָב איך אויך אָפּגעזוכט מיין פּעטער איטשען אין אַסטראַלענקער שולכל.

און צוליב וואָס איז ר׳ משה לייב בוכנערן איינגעפאַלן גיין דאַווענען גראָד אין אַסטראַלענקער שולכל? קאַרג דאַוון־פּלעצער געווען אומעטום אויף דער איסט־סייד? באַזונדערס נאָך אין די ימים נוראים זיינען זיי אויסגעוואַקסן אומעטום, אויף יעדן בלאָק, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. אַך, ווי ס׳שטייט מיר נאָך דאָס בילד פון אַ ראש־השנה און יום־כיפּור יענע יאָרן אויף דער איסט־סייד! קיין קראָם איז ניט אָפן, קיין פּוש־קאַרט אויף אַ רפואה. אפילו די איירישע סאַלון־קיפּערס האָבן אויך געהאַלטן פאַרמאַכט זייערע טרינק־פּלעצער. יעדער בלאָק כמעט, וואָס אפילו אין אַ שבתדיקן טאָג איז געווען פול מיט קאָכעניש און האַוועניש פון מסחר, און מיט דעם טראַסקען און בריאַזגען פון וועגענער, איז געוואָרן שאַ שטיל. אויף די טראָטואַרן צווישן די חושכדיקע, צעשקראַבעטע, שטויביקע טענעמענט־הייזער — אידן, ווייבער און קינדער, גאַנצע משפּחותווייז אין יום־טובדיקע קליידער ציען זיך אין די שולן און שולכלעך, מיט די מחזורים.

אַרום און אַרום, אויף די אַנדערע גאַסן און קוואַרטאַלן, גייט אָן דאָס לעבן פון דער ריזיקער שטאָט אויף אַלע רעדער, פּונקט ווי אין יעדן וואָכעדיקן טאָג, מיט דעם גרויסן געפּילדער, מיט דעם געוואַלדיקן טאַראַראַם, מיט די אָפענע קראָמען, רעסטאָראַנען און סאַלונען, מיט דעם יאָגן פון וועגענער און טראָקס אַהין און צוריק, מיט דער האַנדלעניש און האַוועניש, מיט דער שווערער אַרבעט, און מיט דעם אַרויסיאָגן פון זיך די נשמה. און דאָ אויף דער איסט־סייד זיינען אַלע רעדער שטיל.

און טשיקאַווע, וואָס אַ סך אַפּיקורסים, ווי דודי באַראָף למשל, וואָס אין דער אַלטער היים, אַפילו אין אַ יום־כיפּור, האָבן זיי ניט אַרייבגעשמעקט אין קיין שול, — און דאָ אין אַמעריקע דווקא יאָ. מוזן מיר לערנען דערפון, אַז ניט די מורא פאַר גאָט האָט זיי געצויגן אַהין, נאָר גאָר די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים — זיין דאָרטן, וואו ס׳דערמאָנט עפּעס פון שטעטל. שפּעטער מיט יאָרן, ווען די בענקשאַפט האָט זיך אויסגעוועפּט, ווען מען האָט זיך געשאַפן נייע פריינט, אַ נייע סביבה און זיך אויך אַרויפגעאַרבעט, האָט שוין ניט געצויגן אַזוי אין קיין שול.

און דאָ מוז איך אויך דערמאָנען דעם ערשטן אויטאָמאָביל, וואָס איך האָב געזען אין אַמעריקע. ס'איז טאַקע געווען אויף עסעקס סטריט, און אויך אין אַ ראש־השנה. פאַר מיר, ווי פאַר אַ סך אידן פון דער איסט־סייד, איז דאָס געווען דער גרעסטער וואונדער פון דער וועלט. אַ קאַרעטע זאָל זיך פאָרן אָן פערד. אַ שיינע שוואַרץ־גלאַנציקע קאַרעטע איז דאָס געווען, מיט אַ גומענער רויטער טרובע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין טרובען, און מיט אַ יונגן מאַן און אַ יונגער פרוי אין לעדערנע רעקלעך, ביידע מיט משונהדיקע גרויסע ברילן אויף די שטערנס, זיינען געזעסן דאָרטן און האָבן געלאַכט, ווי מיר קוקן אויף זיי מיט אַזאַ וואונדער, כמעט מיט דערשרעק.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו ר' משה לייב בוכנער. פאַרוואָס טאַקע איז אים איינגעפאַלן גיין דאַווענען אין אָסטראָלענקער שולכל? אפשר האָט ער ניט געוואוסט, אַז ער וועט דאָרטן אָנטרעפן אַזוי פיל לאַנדסלייט. און אפשר האָט ער געמיינט, אַז מיר דאָ אין אַמעריקע ווייסן ניט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן דאָרטן אינדערהיים.

און מיר, די מאַליגעווקער, האָבן זיך שטאַרק געקאָכט. אים געוואָלט עפּעס אָפּטאָן אַ שלעכטס, און ניט געוואוסט וואָס. פישל, מאיר חיה־שרהס און אַנדערע, איך אויך, זיינען געווען דערפאַר, מען זאָל אים גוט אויספּאַטשן פאַר אַלע אידן אין די אויגן און אים אַרויסוואַרפן פון שול, אָבער דודי בּאַראַף האָט ניט דערלאָזט. ער האָט געזאָגט, אַז מיר וועלן גאָרניט דערגרייכן דערמיט. פאַרקערט, מיר וועלן זיך בלאַמירן ביי אַלעמען אין די אויגן. מען וועט זאָגן אויף אונז, אַז „כוליגאַנעס פאַטשן אַ אידן אום ראש־השנה אין שול". וואָס מיר דאַרפן יאָ טאָן, האָט ער געזאָגט, ווען מיר האָבן עפּעס אַ גוטע געלעגנהייט, איז זיך שטעלן פאַרן עולם דערציילן, וואָס דער דאָזיקער משה לייב בוכנער האָט געטאָן, און מיט דעם אַראָפּרייסן די פרומע צבועקעס.

און די געלעגנהייט איז אינגיכן געקומען. מיר האָט דאָס האַרץ די גאַנצע צייט געזאָגט, אַז אויך דאָ אין אָסטראָלענקער שולכל האָט ער שוין אָפּגעמאַכט מיט וועמען מען באַדאַרף צו זאָגן דעם „הנני העני ממעש" פאַרן עמוד. איך האָב אים שוין ניט אָפּגעלאָזט פון אויג. און גלייך נאָכן איבעררייס, ווען דער שמש האָט אַ פּאַטש געטאָן אין טיש און אַ זאָג געטאָן „צייט צו דאַווענען מוסף", ווי איך גיב אַ קוק, אונזער

משה לייב הויבט זיך אויף פון זיין אָרט, גלייכט זיך אויס דעם טלית אויף די פּלייצעס, און לאָזט זיך צום עמוד צו זאָגן דעם „הנני, איך בין דער אָרעמאַן״... און די מעשה איז, וואָס אַפילו אין אַמעריקע, האָבן מיינע לאַנדסלייט דערציילט, איז ער נאָך אַלץ ניט געווען קיין אָרעמאַן. ער מיט נאָך אַ שותּף האָט אויפגעעפנט אַ פאַבריק פון מעבל, מסתּמא מיטן אַנגעזעצטן געלט.

יאָ, גייט ער זיך משה לייב אַזוי פרום און חשוב ביי זיך, ווי אין דער קלויז אינדערהיים, גייט זיך צום עמוד, און וויל שוין זיך נעמען פּיעסטשען מיט זיין זיסער טענאָר־שטימע און אָפּנאַרן גאָט און מענטשן, אַז ער איז דער אָרעמאַן. ווי איך, זלמן דער שוסטער־יונג, דעם וואָס ער האָט גערופן גנבֿ, טו איך אַ פּאַטש אין טיש און אַ געשריי־אויס:

— אידן, מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז אַן עושק אלמנות ויתומים, דער רויבער פון יתומים און אלמנות, זאָל זיין אונזער שליח־ציבור!...

איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן גלייך אַ גרויסער טומל אין שול. דער שמש, וואָס האָט מסתּמא געקראָגן אַ פּאָר מטבעות פון משה לייבן, האָט מיך געוואָלט אָפּטרייבן. אַנדערע שיינע מזרח־אידן האָבן אויך געשריגן אויף מיר. דערפאַר אָבער האָבן אַ סך פון מיינע לאַנדסלייט זיך איינ־געשטעלט, אַז איך מוז דווקא יאָ ריידן, און איך האָב גערעדט. שטיל איז געווען אין שול, ווי אין אַן אויער. איך טו אַ בליק צו דער ווייבער־שער זייט, גאָלדע קוקט אויף מיר און איז זייער בלאַס. זיך אַוודאי געשראָקן פאַר מיר. אָבער זי האָט זיך ניט געדאַרפט שרעקן. ס׳איז טאַקע געווען מיין ערשטע רעדע פאַר אַ גרויסן עולם, אָבער איך האָב אין קורצע אָבער שטאַרקע ווערטער דערציילט די גאַנצע מעשה וועגן משה לייב בוכנער, און דער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ גרויסן צאָרן, און געשריגן צו אים:

— אַוועק פון עמוד! אַוועק, עושק יתומים ואלמנות!

משה לייב, זייער אַ פאַרשעמטער, איז אַוועק צו זיין פּלאַץ, זיך איינ־געאַנצן פאַרדעקט מיט זיין טלית, אַפילו ס׳פּנים, און איז שוין אַזוי געבליבן די גאַנצע צייט.

מיין גאָלדע, טו איך אַ בליק — זי שיינט אינגאַנצן, און קוקט אויף מיר מיט אַזאַ שטאָלץ, כמעט ווי אַ שוועסטער אָדער אַ מאַמע. מיינע

לאַנדסלייט זיינען צוגעקומען צו מיר נאָכן דאַווענען און מיר אָפּגעגעבן אַ יישר כוח, דודי באַראָף איז געווען גאָר צופרידן.

— דו ווייסט, זלמן, — האָט ער מיר געזאָגט, — האָסט דאָך געטאָן פּראָפּאַגאַנדע פאַרן סאָציאַליזם מיט דיין רעדע, האָסט אַראָפּגעריסן די מאַסקע פון רעליגיע.

אַפילו גאָלדעס מאַמע האָט מיך געלויבט, ווען איך בין צוגעגאַנגען אָפּגעבן איר און גאָלדען אַ גוט יום־טוב.

— יונגערמאַן, — האָט זי געזאָגט מיט גוטסקייט, — געטאָן די ריכטיקע זאַך. מען טוט אָפּ די ערגסטע זאַכן אין יוראָפּ, און דערנאָכדעם קומט מען קיין אַמעריקע און מען איז אַ שיינער איד.

גאָלדע האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר געקוקט אויף מיר מיט אַזוי פיל געטריישאַפט אין די אויגן, און מיט אַזוי פיל ליבשאַפט אין די ליפּן, גרייט מיך צו קושן. אָבער זי האָט מיך ניט געקושט. ניט אַזוי גיך האָבן מיר זיך געקושט. מיר האָבן זיך געדאַרפט גענוג אָנליידן ביז ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי...

שלייקעס און אַ ליבע

מיין לאַנדסמאַן פישל האָט געאַרבעט ביי שלייקעס (סוספּענדערס, בלע"ז). ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע קענטעניש צו זיי.

און שלייקעס, — דאָס איז געווען זייער אַ גייענדיקער אַרטיקל יענע יאָרן אויף דער איסט־סאַיד. ס'איז גאָרניט געווען קיין איד, וואָס זאָל ניט טראָגן קיין שלייקעס. די מערסטע אימיגראַנטן זיינען געקומען קיין אַמע־ריקע, איר זאָלט מיר מוחל זיין, מיט שטריקלעך אַרומגעבונדן איבער די הויזן. איך אַליין בין אויך אַזוי געקומען. און אַ דאַרער בין איך דאָך געווען, זיינען די הויזן מיר אַלעמאָל לויז געוואָרן און איך האָב זיי אַלע־מאָל געהאַלטן אין איין אַרויפציען. אַז איך האָב מיר אָנגעטאָן די ערשטע פּאָר שלייקעס אין אַמעריקע איז מיר עפּעס ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. איך האָב עפּעס דערפילט אַ נייעם כוח אין זיך.

נאָך אַ מעלה האָבן שלייקעס געהאַט, וואָס זיי זיינען געווען שיין פאַרן אויג, מיט זילבערנע אָדער באַגילדעטע ספּריאָזשקעס, און די סחורה פון אַלערליי פאַרביקע קאָלירן. ס'איז אַזש געווען אַ שאָד זיי צו טראָגן פאַרבאַהאַלטן אונטערן רעקל, האָבן אַ סך זיי געטראָגן, וואו נאָר זיי האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט, ניט פאַרבאַהאַלטענערהייט, ווי, למשל, אין שאַפּ ביי דער אַרבעט, אָדער נאָך דער אַרבעט זיצנדיק אויף די סטופּס, אָדער אַפילו זיך דורכשפּאַצירן איבערן בלאָק.

איינמאָל פאַלט פישלען איין צו געבן אַ מתנה זיין באַליבטן אַקטיאָר, זיגמונד מאָגולעסקאָ, אַ פּאָר שלייקעס, און דאָס זיינען געווען די אמתע שלייקעס. זיין גאַנצע קענטעניש האָט מיין לאַנדסמאַן אַריינגעלייגט אין זיי. און דער קלוגער מאָגולעסקאָ האָט פון די שלייקעס, וואָס פישל האָט אים געשענקט, געמאַכט אַ גאַנצע ראָלע אויף דער בינע. די דאָזיקע שלייקעס האָבן דעם עולם געמאַכט קאַטשען זיך פון געלעכטער. ער האָט געשפּילט אויף דער בינע אַן אָפּערעיטאָר אין אַ שאַפּ, וואָס איז בטבע אַ שוואַך מענטשל, אָבער זינט ער האָט זיך אָנגעטאָן די פּאָר שלייקעס, וואָס ער האָט באַר־וואָס געקויפט פון אַ פּעדלער, איז ער געוואָרן אַ גאַנ־צער יאַ־טיעבי־דאַם, אַלעמאָל געגעבן אַזוי חנעוודיק אַ לייג אַריין זיינע גראָבע פינגער צווישן די שלייקעס און געגעבן אַ גלייך אויס די פּלייצעס מיט אַזאַ קאָמישער גדלות, אַז ס'איז ווערט געווען אַלע געלטער. שפּע־טער ווען ער האָט געזונגען אַ לידל איז ביי יעדן סוף פון אַ קופּלעט, האָט ער אַלעמאָל אַ צי געטאָן די גומענע שלייקעס און זיי האָבן אַ קנאַק געטאָן, ווי אויסגעשאָסן.

און ס'איז גלייך געגאַנגען פון מויל צו מויל, צווישן מאָגולעסקאָס פּאַטריאָטן, אַז די שלייקעס האָט פישל געמאַכט און געגעבן מאָגולעסקאָן אַלס מתנה. האָט דאָך, פאַרשטייט זיך, יעדער פּאַטריאָט געוואָלט האָבן פּונקט אַזוינע שלייקעס ווי זיין באַליבטער „שטערן", און מען האָט מיין לאַנדסמאַן פאַרוואָרפן מיט באַשטעלונגען, און מיין לאַנדסמאַן איז געווען ניט קיין נאַר, זיך אויפגעעפנט זיין אייגענע שאַפּקע, צוגענומען אַ פּאָר אַרבעטער און ממש רייך געוואָרן.

יאָ, ס'איז געוואָרן אַ מאָדע אויף דער איסט־סאַיד די מאָגולעסקאָ־שלייקעס. און דערוויייל האָב איך פאַרלאָרן אַ גוטן קוואַרטיראַנט, ס'איז שוין ניט אָנגעשטאַנען דעם אַרויפגעאַרבעטן פישלען צו שלאָפן ביי מיר

אין דער דירה אויפן בעט אין דער ברייט, צוזאַמען מיט נאָך דריי שלאָ־פערס, די פיס אָנגעשפּאַרט אויף אַ קעסטל, און ער האָט זיך געדונגען אַ צימער פאַר זיך אַליין. און איצטער, אַז דער דאָלער איז ביי אים געוואָרן אַן אָפּטער גאַסט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער איז עלענט, און געחלומט וועגן ווערן אַ פאַמיליע־מאַן.

און דאָ קומט אַריין מיין שוועסטער ביילקע. מיין שוועסטער ביילקע האָט געקאָנט שרייבן זייער שיינע בריוו. למשל, אין איין בריוו האָט זי באַשריבן אַ זומער־ביינאַכט, ווי ס׳איז אַ מחיה קיל, ווי די לבנה שיינט אַזאַ קלאָרע, ווי די ווינטעלעך ברענגען שמעקנדיקע ריחות פון פריצס גאָרטן, ווי די זשאַבעס קוואַקען אין טייכל, וויל ס׳איז געווען זייער אַ הייסער טאָג, און ווי זי, ביילקע, קוקט אויף דער לבנה און טראַכט וועגן איר ברודער זלמן, און אפשר קוקט ער איצט, איר ברודער זלמן, דאָרטן אין אַמעריקע, אויך בשעת מעשה אויף דער לבנה. רעדט זי צו דער לבנה און באַשווערט זי, זי זאָל דאָרטן איבערגעבן אַ גרוס איר ברודער זלמנען דאָרטן אין אַמעריקע און אים דערציילן, אַז ס׳לעבן איז זייער שווער אין מאַלינעווקע, און אַז דאָס לעבן איז בכלל שווער אין רוסלאַנד פאַר אַלעמען.

פישלען זיינען זייער געפעלן געוואָרן אירע בריוו און איך האָב גע־וואוסט פאַרוואָס. אירע בריוו האָבן אים פשוט צוריקגעבראַכט קיין מאַ־לינעווקע, נאָך וועלכער ער האָט געבענקט. אַי, דאָס שטעטעלע, דאָס שטעטעלע! מען האָט דאָס גאַרניט אויפגעהערט צו דערמאָנען די ערשטע יאָרן פון זיין אין אַמעריקע, באַזונדערס אין די הייסע שטיקנדיקע זומער־פאַרנאַכטן, ווען מען איז געזעסן פאַרמאַטערט אויפן סטופּ. ס׳האָט זיך אַזוי געבענקט נאָכן טייך, נאָך די שמעקנדיקע פעלדער, נאָך די קילע ווינטעלעך און נאָך דער מאַלינעווקער לבנה.

און צוליב נאָך אַ טעם זיינען פישלען געפעלן די בריוו — וויל אַ מיידל האָט זיי געשריבן. און ער האָט געבענקט נאָך מיידלעך, און ניט נאָך אַבי אַ וועלכער מיידל, נאָר נאָך אַזוינער, וועלכע איז געבוירן גע־וואָרן אין זעלביקן שטעטל, וואו ער, און וואָס האָט געטראָטן אויף דער זעלביקער ערד, און וואָס האָט געזען דעם זעלביקן הימל מיט די זעלביקע שטערן און לבנה, און וואָס האָט געשמעקט די זעלביקע גוטע ריחות פון די מאַלינעווקער פעלדער און גערטנער.

ס׳האָט מיר שפּעטער מיט יאָרן אַ לערער פון פּסיכאָלאָגיע געזאָגט,

אַז דאָס וואָס געוויסע בחורים ווילן בלויז חתונה האָבן פּאַר אַ מיידל פון זייער געבורט־שטעטל, איז ווייל זי דערמאָנט זיי אין זייער מאַמען.

הכלל, ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן איבערשרייבעכץ צווישן ביילקען און פישלען. יעדער בריוו צו ביילקען האָט זיך אָנגעהויבן מיט: „האָכ־געשעצטע פריילין”, און יעדער בריוו צו פישלען האָט זיך אָנגעהויבן מיט „האָכגעשעצטער האר”. ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַ הויכגעשעצט אַהין, אַ הויכגעשעצט אַהער, מיט פאָטאָגראַפיעס, ביז ער האָט איר אַרויסגעשיקט אַ שיפסקאַרטע — און פישל איז געוואָרן מיין שוואָגער.

און איך ווייס ניט צי ביילקע האָט פישלען דערמאָנט אין זיין מאַמען, אָבער מיר האָט זי זייער שטאַרק דערמאָנט אָן מיין מאַמען. די גוטע טרויעריקע אויגן אירע, די שיינע מידות פון ריינלעכקייט, וואָס זי האָט איינגעפירט אין הויז, די היימישע געקעכצן, וואָס זי האָט געקאָכט, דאָס לשון וואָס זי האָט גערעדט מיט די קלוגע פאָלקס־ווערטלעך, די מאָראַל וואָס זי האָט אָפּגעהיט בנוגע אירע שכנות, די צנועהדיקע פרויענשע פּירונגען, דאָס מקריב זיך זיין פאַרן וואוילזיין פון איר משפחה...

און אַ דאַנק איר איז אַריבערגעקומען מיין מאַמע מיט מיין שוועס־טער זלאַטען און ברודערל יאָסלען. פון דעם ערשטן טריט, וואָס זי האָט געמאַכט אויף דער אַמעריקאַנער ערד, אַזוי גלייך האָט זי גענומען אַרבעטן מיר זאָלן אַריבערברענגען די איבעריקע פון אונזער משפחה. זי האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגינען קיין איין גוטע מינוט, ביז זי האָט זיי ניט אַריבערגעבראַכט.

און לאָמיר אייך זאָגן, אַז אין אַריבערברענגען די משפחות פון דער אַלטער היים קיין אַמעריקע האָבן די מיידלעך געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע ווי די אינגלעך. צי דאָס איז דערפאַר, ווייל פון קליינערהייט אָן האָבן זיי, די מיידלעך, שוין געטראָגן דעם עול אויף זיך פאַר דער גאַנצער הויז אין קאָכן, וואַשן, ראַמען, נייען, און דעריבער אַ גרויסע צוגעבונדנקייט צו דער משפחה? צי דאָס איז דערפאַר, ווייל פרעמדע מענטשן קוקן מיט מערער דרך ארץ אויפן מיידל, וואָס איז ניט אַליין אין אַמעריקע?

און לאָמיך אייך זאָגן, איך אַליין בין עפּעס דערהויבן געוואָרן ביי גאָלדען און ביי איר מאַמען אין די אויגן צוליב דעם, וואָס איך האָב אַראָפּגעבראַכט אַ שוועסטער קיין אַמעריקע. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט די גאַנצע מעשה מיט פישלען. גאָלדע און איר מאַמע האָבן

אונז איינמאָל אַ שבת פאַרנאַכט באַגעגנט אויף גרענד סטריט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, גערעדט אַזוי פרייַנטלעך, און גאָלדע איז גאָר צוגע־זאָטן געוואָרן צו מיין שוועסטער. שפעטער, ווען זיי זייַנען אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך ביילקע אָנגערופן צו מיר מיט פול באַגייסטערונג.

— אַך, איז דאָס אַ פאַרשוין, אַ גאָלד! זעסטו, אַזאַ מיידל וואָלט איך געוואָלט פאַר דיר, מיין ברודער.

און מיר איז פון אירע ווערטער געוואָרן אַ לאָך אין האַרצן, ווייל ס'האָט געהאַלטן אַזוי וייט, אַזוי וייט. מעקס האָט איר געגעבן אַ דימענט־רינג...

אַ פונט שוסטער — אַ פונט גאָלד

ס'איז מיר געגאַנגען זייער שלעכט אין דער פרנסה, און אויך האָב איך זיך מיאש געווען פון גאָלדען. בין איך אַוועק צום „רעמואוול אָפיס"... וואָס איז דאָס פאַר אַ פויגל, וועט איר פרעגן? ס'איז אַזאַ אינסטיטוציע, וואָס געהערט בלויז צו יענע יאָרן. „רעמואוול", ווייסט איר דאָך, איז די טייטש: באַזייטיקן. אָבער אין דעם פאַל מיינט דאָס, איבערציען ערגעץ אַנדערש, טראַנספערירן.

די פילאַנטראָפישע מאַכערס צווישן די יאַהודים האָבן זיך דער־טראַכט, אַז אַזוי ווי דורכן ניו־יאָרקער פּאָרט קומען די מערסטע אידישע אימיגראַנטן; און אַזוי ווי ס'רוב באַזעצט זיך טאַקע אין זעלביקן ניו־יאָרק. דעריבער די שווערע לאַגע, וואו אויף איין דזשאַב זייַנען דאָ הונדערטער בעלנים; און אַזוי ווי אַמעריקע איז זייער גרויס און זייער ברייט, זאָלן זיך די ניי־אָנגעקומענע צעשפרייטן איבערן לאַנד, וואו אַן אימיגראַנט קאָן געפינען בעסערע מעגלעכקייטן אויף צו מאַכן אַ לעבן.

איך האָב געקענט אַ שוסטער אויף דיוויזשאָן סטריט, וואָס פונקט ווי איך האָט ער זיך נעבעך געמוטשעט מיט מאַכן אַ לעבן. און ער האָט

נאָך געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קינדער. דער „רעמואוול אָפיס" האָט אים אַוועקגעשיקט ערגעץ אין נעבראַסקאַ. איך האָב געלייענט אַ בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זיין ווייב פון נעבראַסקאַ, האָט ער זיך גאָרניט געקאָנט אָפּלויבן פון דאָרטן. ער האָט געשריבן, אַז ער איז דער איינציקער שוסטער אין אַ שטעטל פון אַ פינף טויזנט משפחות, און אַרבעט איז דאָ אַזוי פיל, אַז ער קאָן זיך גאָרניט ספּראַווען. אָבער וואָס ס'געפעלט אים אָמבעסטן, וואָס ס'איז דאָרטן ניטאָ קיין וואַנצן, אַפילו איינע ניט אויף אַ רפואה, און ס'שלאָפט זיך אים אַ מחיה.

איז טאַקע געווען אָנגענעם צו הערן אַזוינע גוטע גרוסן, אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס האַרץ געווען אַזוי שווער, ווען איך האָב זיך געלאָזט צום „רעמואוול אָפיס" אויף צווייטער עווענױ, ערגעץ לעבן אַכטער אָדער זיבעטער גאַס. און נאָך שווערער איז מיר געוואָרן, ווען איך בין אַריינגעקומען אינעווייניק. ס'זיינען דאָרטן געזעסן אַרום אַכט אָדער צען מענטשן און האָבן אויסגעקוקט, אַקוראַט ווי מען גייט זיי באַלד פאַרשיקן קיין סיביר. און באַזונדערס האָט זיך מיר אָפּגעשטעלט אין זכרון איינער אַ יונגערמאַן מיט ברוינע גוטע אויגן, און מיט אַ גרויען פּאַס אויף זיין געדיכטן שוואַרצן קאָפּ האָר. שפּעטער מיט יאָרן האָב איך געזען אַ בילד אין אַ צייטונג, און איך האָב געקאָנט שווערן, אַז דאָס איז געווען ער. אונטער דער בילד איז געווען אַ באַמערקונג, אַז ס'איז ס'ערשטע מאָל, וואָס אַ איד זאָל אויסגעקליבן ווערן אַלס מעיאָר און מיט אַ גרויסער מערהייט אין דעם־אָ שטעטל (כ'געדענק שוין ניט דעם נאָמען) פון יוטאַ סטייט. ווייטער האָט זיך געזאָגט, אַז ער איז זייער באַליבט דאָרטן און אַלס אַגראָנאָם העלפט ער אַרויס די פאַרמערס אַרום.

דעמאָלט, זיצנדיק אין „רעמואוול אָפיס", האָט ער גאָרניט אויסגעקוקט ווי אַ צוקונפטיקער מעיאָר. אַזאַ אומעט אויף זיין פּנים, אַזאַ טרויער אין זיינע גוטע אויגן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ס'ווילט זיך אים אַזוי ניט אַוועקפאָרן אין דער ווייטער פרעמד. און כאָטשבי אין ניו־יאָרק האָט ער אויך קיינעם ניט פון זיין משפחה, אָבער פונדעסטוועגן צווישן אַזוי פיל אידן איז דאָס האַרץ גרינגער. ער שטאַמט פון אַ קאָלאָניע אין כערסאָנער גובערניע, וואו אידן האָבן באַאַרבעט די ערד. ציט אים צו דער ערד. ס'ציט אים אויך צו לערנען זיך וועגן אַגריקולטור. צו קיין מלאכה אין אַ שאָפּ קאָן ער זיך בשום אופן ניט צופּאַסן. איז

וואָס־זשע האָלט אים צו ניו־יאָרק? גאָרניט. אָבער פונדעסטוועגן פילט ער, אַקוראַט ווי מען וויל אים איצט פאַרשיקן מיט געוואַלד.

ס׳איז געווען דאָרטן נאָך איינער, וואָס האָט זיך מיר אָפּגעשטעלט אין זכרון און שפּעטער מיט יאָרן האָב איך זיך באַגעגנט מיט אים. דאָס איז געווען אַ שיינער בכבודיקער איד מיט בלויע ערלעכע אויגן. אים איז גראָד ניט געווען אַזוי שלעכט אין ניו־יאָרק. ער איז אַ שניידער פונדערהיים און האָט דאָ כמעט שטענדיק אַרבעט, אָבער צוליב זיינע קינדער וויל ער זיך אַרויסציען פון ניו־יאָרק. זיינע קינדער זיינען צו־בלאָס און קרענקען צו־אָפט. ער אַליין שטאַמט פון אַ דאָרף אין דער אוקראַינע, און דאָרטן איז געווען אַזאַ גוטע לופט, און דאָ אין טענעמענט־הייזער ווערט מען ממש דערשטיקט.

שפּעטער מיט יאָרן אויף אַ רייזע קיין ניו־יאָרק האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט אין סאַן־אַנטאָניאָ, טעקסאַס, אויף אַ שטונדע צייט. בין איך אַוועק זיך דורכשפּאַצירן דורך דער שטאָט. איך קוק אַריין דורך אַ פענצטער פון אַ שניידער־שאָפּ, און ס׳הייבט מיר אָן טיאָכקען דאָס האַרץ... הכלל, דער איד דאָרטן אינעווייניק, וואָס איז געזעסן איבערגעבויגן איבער דער מאַשין און געשטעפּט, איז טאַקע געווען יענער וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין „רעמואוול אָפּיס". ער איז שוין געווען גרוי ווי אַ טויב, און שטאַרק געענדערט, אָבער איך האָב אים פּעפּעס דערקענט. ער האָט מיך גראָד ניט דערקענט, אָבער ער האָט זיך סיי־ווי־סיי דער־פרייט איבער מיר. ער האָט זייער געוואָלט איך זאָל איבערשטיין איבער נאַכט ביי אים אין הויז. איך האָב זייער געוואָלט וויסן, ווי ס׳איז אים געגאַנגען אַלע יאָרן. אָבער ער האָט קיין סך ניט געהאַט צו דערציילן. אַרויפגעאַרבעט האָט ער זיך ניט, דער זעלביקער שניידער ווי פריער. זיינע קינדער האָבן טאַקע דאָ געהאַט מערער לופט און זיך פיזיש גוט אַנטוויקלט, אָבער ווי נאָר זיי זיינען עלטער געוואָרן, האָבן זיי אים פאַר־לאָזט. ס׳האָט זיי געצויגן צו דער גרויסער שטאָט, פון וועלכער ער איז אַנטלאָפן.

יאָ, זיך אומקערן צוריק צום „רעמואוול אָפּיס". בין איך דאָרטן געזעסן און געוואַרט אויף מיין ריי אַריינגערופן צו ווערן, און אויך מסתמא אויסגעקוקט, אַקוראַט ווי מען וויל מיך פאַרשיקן קיין סיביר. און ווען מען האָט מיך אַריינגערופן אינעווייניק אין אָפּיס, און איך האָב נאָך

ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל, ווי ס׳האָט זיך אויף מיר אַרויפגעוואָרפן מיט אַ זידלעריי דער מאַכער דאָרטן, אַ יונגערמאַן זייער שיין אויסגעפּוצט, אין גאָלדענע ברילן, מיט אַ פּליכעוואַטן ראַזעווען קאָפּ.

— ליידאַקעס, שנאָררערס! וואָס קומט איר אַהער מיט אַזוינע לאַנגע נעזער? — האָט ער געשריען אויף מיר. — איר דאַרפט זיין גליקלעך, וואָס מיר ראַטעווען אייך אַרויס פון דער שמוץ אויף דער איסט־סייד, פון דער פאַרדאַרבנקייט, פון דער נעסט פון קראַנקהייטן. ווי פליגן איבער אַ שטיקל צוקער, אַזוי האָט מען זיך אָנגעקלעפּט אין דער איסט־סייד, און די איסט־סייד איז אַפילו ניט קיין שטיקל צוקער, ס׳איז אַ שטיקל זויערקייט.

— אָבער וואָס שרייט איר, און וואָס רופט איר מיך שנאָרער? — פאַרדריסט מיך שוין.

— ווער שרייט, ווער? און ווער רופט אייך שנאָרער? — שרייט ער נאָך אַלץ.

זיין מויל פאַרמאַכט זיך ניט, און ער לייגט מיר אַוועק אַ פאַרציע מוסר, הלמאי איך בין אַריינגעקומען אַהער אַזאַ אומעטיקער, אַזאַ פאַרצווייפלטער. צום סוף האָט ער זיך באַרואיקט, אָנגעהייבן ריידן צו מיר מיט ווייכן. מיר געוויזן בריוו פון אַ סך אידן, וואָס זיי דאַנקען דעם אָפּיס פאַר זיין מי, און אַז ס׳איז זייער גוט דאָרטן וואוהין מען האָט זיי געשיקט.

און אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַ שוסטער, איז גאָר אַרויף אויף אים די גדולה, און ער האָט געזאָגט, אַז דאָרטן אין דער וועסט איז „אַ פונט גאָלד״ — אַ פונט שוסטער, און אַז מען וועט זיך מיט מיר גאָר מחיה זיין. ער האָט אָנגעהייבן צו זוכן צווישן די פּאַפּירן, און אַרויסגעשלעפּט אַ בריוו, וואָס ער האָט מיר פאַרגעלייענט אין דער הייך, אַז אַ שטעטל אין טעקסאַס, וואָס רופט זיך לאָס־ריאָס, פרעגט זיך אָן אין זייער אָפּיס, צי זיי קאָנען זיי צושיקן אַ גוטן שוסטער, און אַז ס׳וועט אים דאָרטן זיין זייער גוט. די שטאָט איז אַפילו גרייט אויסצולייגן פאַר אַ באַן־בילעט. זיי וואָלטן זייער געוואָלט, אַז דער שוסטער זאָל זיין אַ פאַרהייראַטער, אָבער אויב ס׳איז ניטאָ קיין פאַרהייראַטער, מאַכט אַ בחור אויך ניט אויס...

— איז, פֿאָלגט מיך, יונגערמאַן, לאָזט זיך אין דער וועסט. „אַ פונט שוסטער איז דאָרטן אַ פונט גאָלד"...

שפּעטער, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון זיין אָפיס, האָב איך זיך אומיסטן אָפּגעוואויגן צו זען וויפיל פונט גאָלד איך בין די ווערט. האָט די וואָג געוויזן הונדערט און צוויי־און־צוואַנציק...

אויף דאַטשע קיין בראַנזוויל

איך האָב שוין געהאַט אַ באַן־בילעט פֿאַר דער ווייטער וועסט. איך האָב שוין אויפגעגעבן מיין דירה אויף מאַנראָו סטריט און בין שוין געווען גרייט און פּאַרטיק זיך אַוועקלאָזן אין דער פרעמד, וואָס האָט מיך היפּש געשראָקן. איך האָב זיך נאָר געדאַרפט געזעגענען מיט מיין שוועסטער ביילקען און מיט מיין שוואָגער פישלען, און אפשר אויך מיט גאָלדען. זיי זיינען אָבער ניט געווען דעמאָלט אין ניו־יאָרק. זיי זיינען געהאַט אַוועקגעפאָרן אויף דאַטשע קיין בראַנזוויל. גאָלדע מיט איר מאַמען אויך.

יאָ, בראַנזוויל איז יענע יאָרן געווען פֿאַר די ניט־צו־פאַרמעגלעכע אויף דער איסט־סייד אַ זומער־פּלאַץ, אַזוי צו זאָגן. מען זאָגט, אַז בראַנזוויל איז איצט אַזוי געדיכט פאַרבויט, אַז ס׳איז שוין ניטאָ דאָרטן קיין איין פאַרם, וואוהין מען זאָל קאָנען אַרויספאָרן אויף דאַטשע. אָבער דעמאָלט זיינען דאָרטן געווען אַ סך פאַרמס, און צווישן איין פאַרם און דער אַנדערער זיינען געווען פעלדער און אַפילו וועלדלעך.

די נסיעה אַהין האָט דעמאָלט גענומען צוויי שעה, און אפשר מערער. איצטער, זאָגט מען, זעצט מען זיך אַריין אין אַן אונטערערדישער באַן אויף עסעקס סטריט און אין אַ צוואַנציק אָדער דרייסיק מינוט ברענגט זי אייך קיין בראַנזוויל. ס׳איז מיר אָבער געווען אָנגענעם די לאַנגע רייזע, פריער מיט דער פערי, און דערנאָך מיט אַ קאַר, און נאָכדעם מיט אַ צווייטער קאַר — איך האָב דערוויל געזען אַ וועלט. ס׳זיינען מיט מיר מיטגעפאָרן אַ סך אידן. אייניקע שוין בראַנזווילער תושבים,

און אייניקע וואָס האָבן דאָרטן געהאַט זייערע משפחות אויף דאַטשע, און אייניקע וואָס זיינען געפאָרן קויפן לאַטס. ס׳איז דעמאָלט געווען אַ בייז האַלאָווליע מיט לאַטס אין בראַנזוויל. מען האָט געזאָגט, אַז מענטשן זיינען רייך געוואָרן איבער נאַכט דורך לאַטס.

ס׳געדענקט זיך מיר פון דער דאָזיקער נסיעה איינער אַ איד מיט בייזע שוואַרצע ברעמען און מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד, וואָס האָט געהאַלטן אין איין הוסטן. ער איז געווען אַן אַסטמעניק און ער איז געפאָרן קיין בראַנזוויל קויפן אַ לאַט, ניט אויף ספּעקולאַציע, האָט ער מיר געזאָגט, נאָר זיך אויפשטעלן אַ הייזקע און וואוינען אין דער פרישער לופט. ער האָט אויך געהאַט אַ פּלאַן צו קויפן זיך אַ פּאָר ציגן, ווייל ציגענע מילך איז זייער גוט פאַר זיין הוסט, האָט ער געזאָגט. זיין טאַטע אין יוראָפּ, האָט ער מיר דערציילט, איז אויך געווען אַ יאַדישלעוועך, און ציגענע מילך פלעגט אים אַ סך העלפן.

— איר וועט מיר גלייבן, יונגערמאַן, — האָט ער מיר געזאָגט אַ בייזער און אַ טרויעריקער, — אַלע צען יאָר, וואָס איך בין אין אַמעריקע, בין איך נאָך קיין איין נאַכט ניט געשלאָפן ווי ס׳דאַרף צו זיין, אַפילו איין טאָג. אינעווייניק אין הויז, שמועסט מען שוין ניט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין לופט אַפילו אום ווינטער.

ווען די קאַר האָט זיך דערנעענטערט קיין בראַנזוויל און מיר זיינען שוין געפאָרן צווישן פעלדער, און קילע פרישע ווינטעלעך האָבן זיך אַריינגעכאַפּט דורך די אָפענע פענצטער אין קאַר, זיינען דעם אידנס אויגן געוואָרן אַזוינע קלאָרע און אויסגעוואַשענע, און ער רופט זיך אָן צו מיר אַ פריידיקער:

— איר האָט כאַטש באַמערקט, יונגערמאַן, ווי איך האָב אויפגעהערט צו הוסטן? נאָך ניט געקומען קיין בראַנזוויל, און שוין אויפגעהערט צו הוסטן. אַך, אַך, וואָס פאַר אַ טייערע זאַך פרישע לופט איז!

די דאַטשע, דאָס הייסט, די פאַרם, וואו מיין שוואָגער און מיין שוועסטער זיינען איינגעשטאַנען, איז געווען אויף דעם פּונקט, וואו ס׳געפינט זיך איצט סאַראַטאָגאַ עווענױ. ס׳איז געווען אַ דאַטשע מיט אַלע גוטע זאַכן: מיט פרוכט־ביימער, מיט אַ גאָרטן, מיט אַ ברונעם, מיט קי, מיט אַ פּאָר ציגן. און ס׳האָט געשמעקט דאָרטן אַ מחיה. דער פאַרמער איז געווען טאַקע אונזערער אַ לאַנדסמאַן, איינער אַ יעשיקע

דער מילכיקער. אין דערהיים האָט ער געהאַט קי און פּאַרקויפט מילך. דאָ אין אַמעריקע, האָט ער די ערשטע פּאָר יאָר געאַרבעט אין שאַפּ אַלס אַ פּרעסער, ביז ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף דער פאַרם אין בראַנזוויל.

די צרה מיט דער פאַרם איז אָבער געווען, וואָס זי האָט ניט געקאָנט בלייבן לאַנג קיין פאַרם. מען האָט געבויט אַרום איר פון אַלע זייטן הייזקעס.

יענער זומער איז טאַקע געווען דער לעצטער זומער פון דער פאַרם. ספּעקולאַנטן האָבן ביי יעשיקען אויסגעקויפט די פאַרם, אים באַצאָלט אַ געוואַלדיק־גרויסע סומע, און ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און ס׳איז געוואָרן אויסביימער, אויס גאָרטן, אויס קי, אויס ציגן, אויס ברונעם, נאָר אַ בלאָק מיט הייזקעס פון סאַראַטאָגאַ עוועניו.

אָנגעקומען בין איך אויף דער דאַטשע אַרום פיר אַזייגער נאָכמיטאָג. געטראָפן מיין שוועסטערביילקען אַליין. פישל איז געווען אין ניו־יאָרק. האָט זי מיך מכבד געווען מיט פרישער ציגענער מילך, מיט פרישן קעז, און אַפילו מיט פרישן ווייצענעם ברויט, וואָס יעשיקעס וויב האָט אָפּ־געבאַקן אין איר אויוון. נאָכדעם איז ביילקע מיר געגאַנגען ווייזן דעם לאָט, וואָס פישל האָט געקויפט אויף טשעסטער סטריט, ניט וויט פון פּיטקין עוועניו. און אומעטום וואו מיר זיינען געגאַנגען האָט מען רק געבויט. און אין די בלאָקס וואו די הייזקעס זיינען שוין געווען אויס־געבויט, האָט אויסגעקוקט עפּעס אַזוי היימיש, ווי אין אַ קליין שטעטל, מיט ווייסע גלעזערנע גאַניקעס, מיט קליינע גערטנדלעך.

און גאָלדען האָב איך געטראָפן אומגעריכט. אויף פּיטקין עוועניו זי געטראָפן. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט זיך גלייך פריילעך צעלאַכט, ווען זי האָט מיך דערזען. שפּעטער אָבער, אויפן וועג, אַפּפירנדיק זי אַהיים צו איר דאַטשע, האָט זי שוין ניט געלאַכט. ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך פאָר דעם צווייטן טאָג אָפּ אין דער וועסט, זיינען אירע שיינע ביר־אויגן געוואָרן טרויעריק. זי האָט מיר געגעבן איר וואַרעם הענטל און אַזוי זיינען מיר געגאַנגען איבער אַ וועג, פון ביידע זייטן פעלדער, שווייגנדיקע און אומעטיקע, זיך האַלטנדיק ביי די הענט.

ניט וויט פון איר דאַטשע, וואָס איז איצטער דאַכט זיך אַ גאַס, וואָס הייסט בערעט סטריט, האָבן מיר זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין

אונטער אַ בוים. ווי ס׳שטייט מיר פאַר די אויגן יענער בוים אין בראָנז־וויל, וואָס איז שוין מסתמא לאַנג אויסגעהאַקט, און יענער שטיין, וואָס איז שוין מסתמא לאַנג אויסגעגראָבן. ווי ס׳שטייט מיר פאַר די אויגן די יונגע גאָלדע מיט אַ פינף־און־פופציק יאָר צוריק, אַ ליבלעכע און אַ טרויעריקע, מיט אירע געדיכטע און געקרייזלטע ברוינע האָר, ליכטיק פון דער זון, און מיט אירע שיינע שטאָלטנע פיס. און איך, אַ שוסטער, בין דאָך אַ מבין אויף שיינע פיס.

די זון האָט זיך געזעצט און ס׳איז געווען פייערדיק־רויט דער הימל און איך בין געווען מיט אַזוי פיל טרויער.

זי האָט מיר געזאָגט:

— פאָרט געזונטערהייט, זלמן! וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל זען?

האָב איך געזאָגט:

— וואָס־זשע, איר ווילט מיר זאָלן זיך נאָך אַמאָל זען?

האָט זי געזאָגט:

— אַוודאי וויל איך מיר זאָלן זיך נאָך אַמאָל זען.

האָב איך געזאָגט:

— אויב מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען, וועט איר שוין זיין לאַנג אַ חתונה־געהאַטע.

— ווער ווייסט, אפשר ניט? — האָט זי זיך פאַרטראַכט.

— אָבער איר האָט דאָך שוין אַ חתן, און איך האָב געהערט, אַז אינגיכן וועט זיין די חתונה? — מאַך איך מיט ביטערניש.

— אפשר ניט אַזוי אינגיכן, — טוט זי צו מיר אַ ליבלעכן שמייכל.

איז אָט דער ליבלעכער שמייכל האָט מיר געגעבן עפּעס אַזאַ כוח און מוט, און איך האָב זי אַרומגענומען און איר געגעבן אַ קוש אין די ליפּן.

און אַז איך האָב איר געגעבן אַ קוש אין די ליפּן, האָט זי זיך פריער געלאָזט, דערנאָך אַ געשריי געטאָן צעשראָקן: „אוי!" און גע־נומען אַוועקלויפן. און אַז זי איז שוין אָפּגעלאָפן אַ שטיקל וועג, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט און אויסגערופן:

— איר וועט מיר כאָטש שרייבן אַ בריוו, זלמן?...

אויף אַ פערד

איך האָב זיך געפילט אין דעם דאָזיקן פאַרוואָרפענעם טעקסאַס־שטעטל, ווי יוסף אין מצרים. יוסף איז געווען דער איין־און־איינציקער איד אין מצרים, און איך, זלמן דער שוסטער, בין געווען דער איין־און־איינציקער איד אין דעם דאָזיקן טעקסאַס־שטעטל. און פּונקט ווי אין יוספן האָט זיך פאַרליבט אַ דאָרטיקע מצרימדיקע אשה, אַזוי האָט זיך אין מיר אויך פאַרליבט אַ דאָרטיקע. מילא, יוסף איז כאָטש געווען אַ צדיק און אַ גרויסער קראַסאַווען, לויט ווי ס'זאָגט זיך אין חומש. און איך, זלמן, בין געווען ווייט פון אַ צדיק און ווייט פון אַ גרויסן קראַסאַוועץ.

איך וועל זיך פאַר אייך מודה זיין, אַז איך האָב געוויינט מיט טרערן די ערשטע נאַכט אין דעם דאָזיקן שטעטל. איך האָב זיך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט דערפילט אַזוי עלנט, אָפּגעריסן פון מיינע וואָרצלען. אַז איך האָב אַפילו ניט געקאָנט זייער שפּראַך. דאָס ענגליש, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין ניו־יאָרק, האָט דאָ ניט געטויגט. זיי האָבן מיך ניט פאַרשטאַנען.

דער „רעמואוול אָפיס" האָט געקלאַפּט אַהער אַ טעלעגראַמע, אַז איך קום, האָט מיך אָפּגעוואַרט אויף דער באַן־סטאַנציע כמעט דאָס גאַנצע שטעטל.

משטיינס געזאָגט די גרייס פון גאַנצן שטעטל — אַ געניץ. ווען איך האָב אַראָפּגעשטיגן פון באַן, אַ פאַרשטויבטער, אַ צעקנייטשטער, אַ ניט־אויסגעשלאָפענער, האָבן מיך אויפגעכאַפּט עטלעכע הונדערט נייגעריקע אויגן. מען האָט מיר דערנאָך געזאָגט, אַז ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, וואָס זיי האָבן געזען אַ אידן. דעם באַגריף פון אידן, וואָס זיי האָבן געהאַט, איז געווען פון דער ביבל. איך בין ביי זיי געווען אַן איזראַעליט און צוליב דעם זייער חשוב ביי זיי אין די אויגן צוליב מיין שייכות מיט די איזראַעליטן פון דער ביבל. קיינער האָט מיך דאָ ניט גערופן זלמן, נאָר איזראַעליט. דער ערשטער, וואָס האָט מיך אַזוי אָנגעהייבן צו רופן, איז געווען דער שעריף, אַ הויכער מאַן מיט רויטע וואָר־

געס, הלוואי אויף מיר, דעם דאָרן ווי אַ לולב, געזאָגט געוואָרן אַביסל פון זיינע רויטע וואָרגעס. בכלל די מענטשן פון שטעטל און פון אומגעגנט זיינען געווען אַלע אַזוינע היפשע מיט רויטע וואָרגעס.

די ערשטע עטלעכע נעכט האָב איך ממש ניט געקאָנט שלאָפן צוליב דער שטילקייט. נאָך דעם רעש און טומל פון דער איסט־סייד איז דאָ, אַז ס׳איז געקומען נאַכט, געווען אַזוי ווי אויף אַ בית־עולם. ס׳גאַנצע שטעטל איז געווען איין גאַס, אַ ניט־ברוקירטע, אַ שטויביקע זומער, אַ בלאָטיקע אין ווינטער. לעבן דער באַן־סטאַנציע איז געווען דער קאָ־מערציעלער צענטער, אַזוי צו זאָגן, די פאַרשיידענע קראָמען, די סאַלונען, דער פּאָסט־אָפיס, דאָס געריכט, דעם שעריפס אָפיס. איר זעט אָפט אין די מואוויס אַזאַ גאַס, ווען מען שפּילט די וועסטערן פילמס מיט קאָו־באָיעס, מיט רוּיבער, מיט שיסערייען.

איך אַליין קאָן עדות זאָגן, אַז נאָך צוויי יאָר דאָרטן זיין, האָט מען קיין איין מענטשן ניט געשאָסן, און איך האָב ניט געזען קיין איין רויבער. אמת, איך האָב געזען אַ סך קאָו־באָיעס, ניט איינער האָט זיך צערעכט געמאַכט ביי מיר זיינע שטיוועלעך. און קיינער פון זיי האָט מיך ניט גע־וואָלט דערשיסן, און קיינער פון זיי האָט אַפילו דאָס קול ניט אויפ־געהויבן אויף מיר. פאַרקערט, שמייכלענדיקע, פריינטלעכע. בכלל די מענטשן, וואָס פאַרברענגען בלויז מיט בהמות, ווייט פון אַ ישוב, זיינען אַזוי גערן די געזעלשאַפט פון אַ מענטשן, אַז ווען זיי קומען אין שטעטל זיינען זיי גאָלע גוטסקייט.

בכלל זיינען דאָ די מענטשן געווען גוט צו מיר. דער איין־און־איינציקער שוסטער אויף צענדליקער מיילן אַרום, בין איך געווען ביי זיי אַ געוואַלדיק חשובער און וויכטיקער מיטגליד פון דער געמיינדע, און מען האָט מיר מוחל געווען אַפילו דאָס, וואָס איך בין ניט געגאַנגען זונטיק אין קלויסטער.

די דאָרטיקע, וואָס האָט זיך אין מיר פאַרליבט, איז געווען דעם גלחס אַ שוועסטער, אַ רויט־האָריקע, אַ בלאַסע און אַזאַ שטרענגע. איך שמייכל צו איר און זי קוקט אויף מיר אַזאַ שטרענגע. און מיך ציט, ווי איר ווייסט, צו מיידלעך וואָס לאַכן. איך האָב שפּעטער מיט יאָרן זיך צערעדט וועגן ענין לאַכן מיט דעם פּראָפעסאָר פון פּסיכאָלאָגיע, וואָס פלעגט מיך אָפט באַזוכן, ווען איך האָב געוואוינט אין נעשוויל, טענעסי,

און ער האָט מיר דערקלערט, אַז די בחורים, וואָס ס׳ציט זיי צו לאַכנדיקע מיידלעך, זיינען בטבע אַזוינע, וואָס זיינען עפּעס ניט זיכער ביי זיך און האָבן רק מורא, אַז דער צווייטער מין וועט זיי אָפּשטויסן, און אין דעם שמייכל אָדער געלעכטער איז דאָ אַ צוזאָג, אַז מען וועט זיי ניט אָפּשטויסן.

דינה האָט זי געהייסן, דעם גלחס שוועסטער. זי האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ אין קלויסטער, ווען איר ברודער האָט געזונגען מיט דער עדה דאָווענער רעליגיעזע לידלעך. און דאָס איז מיר גראָד געפעלן, ווייל ווי איר ווייסט, האָב איך אַ גרויסע תאווה צו מוזיק.

אין אַ זונטיק אינדערפרי פלעגט זיך דורכן אָפענעם פענצטער פון מיין שטיבל אַריינטראָגן איר שפּילן אויף דער פּיאַנאָ, און דאָס זינגען פון די לידער, און דאָס האָט מיך געמאַכט אַזוי שטאַרק בענקען נאָך גאַלדען.

דער גלח, אויך אַ רויט-האָריקער, אויך אַ בלאַסער און אויך אַ שטרענגער, האָט מיך אָפּט באַזוכט. ער האָט מיר געלערנט ענגליש און איך האָב אים באַדאַרפט לערנען העברעאיש. און אַזוי ווי קיין גוואַלדיקער העברייער בין איך אַליין ניט געווען און האָב אַפּילו ניט געהאַט קיין בוך אין העברעאיש, האָב איך אים געלערנט די ווערטער און פּסוקים, וואָס מיר געברויכן אין אידיש, ווי למשל: טאַקע „למשל", תושב, גר, חבר, כלה, חתן, גזלן, גנב, רוצח, רשע, צדיק און אַנדערע. קיין סך העב־רעאיש האָט ער זיך מסתמא ביי מיר ניט אויסגעלערנט, אָבער איך ביי אים ענגליש האָב זיך זייער אַ סך אויסגעלערנט. דעם אמת געזאָגט, האָט מיך יעדער איינער דאָרטן געלערנט ענגליש. די ערשטע צייט האָבן זיי געוויזן מיר מיט די הענט אויף קעגנשטאַנדן, און געזאָגט ווי אַזוי מען דאַרף דאָס אַרויסרעדן אין ענגליש. און כאָטש איך האָב אַ סך ווערטער געקאָנט פון ניו־יאָרק, אָבער איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך הער דאָס צום ערשטן מאָל, און געדאַנקט זיי ליבלעך פאַר זייער מי. און צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט אַ חלק, אַזוי צו זאָגן, אין מיך לערנען די שפּראַך, בין איך געוואָרן ביי זיי נאָך אָנגעלייגטער.

דער גלח האָט מיך זייער געוואָלט באַקערן צו דער קריסטלעכער רעליגיע. שטענדיק גערעדט צו מיר וועגן קריסטנטום. איך האָב אים אין דעם ביסל ענגליש, וואָס איך האָב געקענט, גערעדט צו אים

וועגן סאָציאַליזם. ער האָט זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט און גע־זאָגט, אַז דאָס איינגטלעך, וואָס איך רייד, איז פונקט דאָס זעלבע וואָס קריסטנטום, אַז יעזוס קריסטוס איז אויך געווען פאַרן אָרעמאַן און פאַר ערלעכער אַרבעט, און דעריבער זעט ער ניט איין פאַרוואָס איך ווער ניט קיין קריסט. ער האָט מיר אויך איינמאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז איך וואָלט געקאָנט חתונה־האָבן פאַר זיין שוועסטער, אויב איך וואָלט אָנגענומען איר רעליגיע.

— פון וואַנעט ווייסטו, — האָב איך אים געפרעגט, בלויז פון ניי־געריקייט וועגן, — אַז זי וואָלט געוואָלט חתונה־האָבן פאַר מיר?

— איך ווייס, — האָט ער געענטפערט מיסטעריעז. — ס'זיינען דאָ סימנים. זי רעדט אָפט פון דיר. זי זאָגט, אַז דו האָסט זייער אַ גוטן שמייכל, און לויט דיין גוטן שמייכל דענקט זי, אַז בכלל דאַרפסטו זיין אַ גוטער מענטש, אַ ראַפינירטער מענטש. זי קאָן ניט פאַרטראָגן די היגע בחורים. זיי זיינען אַלע אַזוינע מגושמדיקע.

די שיינע זאַך איז, וואָס גראַד מיר זיינען יאָ געפעלן געוואָרן די דאָזיקע מגושמדיקע בחורים. און איך האָב מקנא געווען, וואָס זיי זיינען אַזעלכע הויכע, געזונטע, ברייט־פּלייציקע און פאַרהאַרטעוועטע. באַ־זונדערס האָב איך זיי מקנא געווען, וואָס זיי רייטן אַזוי גוט אויף פערד. איך אַליין האָב אויך געקאָנט רייטן, נאָך פון די אינגלשע יאָרן. ניט איינמאָל געריטן אויף דער בלינדער קאָבילקע פון בערקעס דראַטש, ווען איך האָב זי געפירט אָנפּאָיען צום טייך. דאָס מתקנא זיין זיך אין זיי האָט געפירט דערצו, אַז איך האָב זיך אויך געקויפט אַ פערדל און זיך אויסגעלערנט רייטן. ניט חס וחלילה צוליב לוקסוס האָב איך זיך געקויפט דאָס פערד, נאָר פשוט צוליב נויטווענדיקייט. אָפטמאָל געדאַרפט אָפפירן אַרבעט אין די נאָענטע רענדזשעס.

איז שטעלט זיך אומיסטן פאַר. איך, זלמן דער שוסטער, אויף אַ לאָווקער רויטער קאָבילקע, וואָס איך האָב אַ נאָמען געגעבן „פּרעסערקע", מחמת זי איז געווען אַ געוואַלדיקע אכלערקע, און איך פלי אויף איר גאַלאָפּ באַרג־אַראָפּ, און ס'איז אַזאַ פרייד, אַ מין גדולה אויף מיר, אַז איך קאָן אייך גאָרניט באַשרייבן. ס'האָט זיך רק געוואָלט זינגען, ווען איך האָב געריטן אויף איר צווישן די פעלדער, און אַזוי ווי קיין ספּע־ציעלע פערד־לידער אין אידיש, ווי, למשל, די קאָו־באָיעס האָבן, האָב

איך ניט געוואוסט, האָב איך געזונגען „אדון עולם" מיט דעם ניגון וואָס מען זינגט ביי אונז אין שטעטל. און איך האָב אויסגעפונען, אַז דער דאָזיקער ניגון פּאַסט זיך אַזוי גוט ווען מען רייט אויף אַ פערד:

— אַדון עולם, אֲשר מלך, האָפּ־ליאָ...

גיי צוריק...

וואָס ווייסט איר ווי דער מענטש בענקט נאָכן מאַמע־לשון, ווען מען ווערט פאַרוואָרפן ערגעץ ווייט איינער אַליין צווישן מענטשן פון אַן אַנדער שפּראַך. כ'קאָן דאָס פאַרגלייכן אַביסל מיט מיין בענקען נאָך גאָלדען. אָט בין איך שוין איצט כמעט אַ בן־אַכציק, קאָן שוין רעדן גאַנץ גוט ענגליש, זיך אַפילו חכמהנען אין ענגליש, אָבער איך קאָן זיך קוים דער־וואַרטן אויף אַ מיטינג פון מיין לאַנדסמאַנשאַפט, וואו דאָרטן וועל איך הערן אַ אידיש וואָרט. דאָס אידיש וואָרט, משטיינס געזאָגט, וואָס מען רעדט איצט אויף די לאַנדסמאַנשאַפטן־מיטינגען! אָבער פונדעסטוועגן, אַפילו דאָס ביסעלע דערקוויקט. אויף אַ לאַנדסמאַנשאַפט־מיטינג קאָן איך אַמאָל דערהערן אַ באַזונדער־היימיש אידיש וואָרט, וואָס איך האָב דאָס שוין ניט געהערט פון זינט איך בין אַוועק פון מיין אַלטער היים, און דאָס מיינט מיט העכער זעכציק יאָר צוריק.

און אין מיין בענקען אין יענעם טעקסאַס־שטעטל נאָכן מאַמע־לשון איז געוואָרן ביי מיר אַזאַ חולאת פון רעדן צו זיך אַליין, און אויך צו מיין פערדל.

איינמאָל האָט אַריינגעוואַנדערט אַ איד אויף אַ פערד־און־וואָגן, וואָס האָט געפּעדלט מיט פאַרשיידענע סחורות, פון אַ האָר־נאָדל ביז אַ וועק־זייגער. אַ ליטווישער איד איז ער געווען, פון אַ יאָר דרייסיק. נחום לעווענטאַל האָט ער געהייסן. זייער אַ קרעפּטיקער, אַן ענערגישער, מיט אַ פאַרברענט פּנים, מיט זייער שיינענדיקע שוואַרצע אויגן. פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען מיין גאַסט, און איך האָב אים געגעבן עסן און

נאַכטלעגער, און געווען איבערגליקלעך. און כאַטשבי זיין אויסשפּראַך אין אידיש איז געווען אַביסל פרעמד צו מיינע אויערן, מיט דער „סין" און מיט נאָך אַזוינע אַנדערשקייטן, אָבער מיר האָבן זיך ביידע שטאַרק מחיה געווען. אויך ער, וואָס פלעגט אַרומפאָרן צווישן די רענדזשעס מיט זיין פערד־און־וואָגן סחורה, האָט שטאַרק געבענקט נאָך אַ אידן. פּונקט ווי אַ דורשטיקער אין דער מדבר, ווען ער געפינט ענדלעך וואַסער, כאַפּט ער זיך צו צו דעם און טרינקט און טרינקט, אַזוי האָבן מיר זיך צוגעכאַפּט און געטרונקען איינער פון אַנדערן אונזער מאַמע־שפּראַך. מיר האָבן זיך אויסגעפרעגט איינער דעם אַנדערן, און דערנאָכדעם, אַז ס'איז שוין ניט געווען וואָס אויסצופרעגן זיך, האָבן מיר גלאַט אַזוי גערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט און ניט געלאָזט איינער דעם אַנדערן אַנשלאָפן ווערן.

אָבער גיי ווייס, אַז דער דאָזיקער איד וועט מיר ברענגען אומ־אַנגענעמלעכקייטן. ווי איך האָב איך דערציילט פריער, זיינען די מענטשן אין שטעטל געווען צו מיר זייער גוט. איך בין געווען ביי זיי פון דער היסטאָריע, אַזוי צו זאָגן, איינער פון די בני ישראל, וואָס אין דער הייליקער ביבל, און אויך אַן ערלעכער באַלמעלאָכע דערצו, וואָס איז אַזוי נוצלעך צו זייער געמיינדע. דער דאָזיקער נחום לעווענטאַל איז אויף זיין אופן אויך געווען נוצלעך צו זייער געמיינדע, אָבער ער האָט שוין אַנגערירט די אינטערעסן פון דעם רייכסטן מאַן אין שטעטל.

נחום לעווענטאַל, וואָס איז אַרומגעפאָרן מיט זיין פערד־און־וואָגן סחורה איבער דער לענג און ברייט פון טעקסאַס, האָט באַשלאָסן אויפ־צושטעלן דאָ זיין געצעלט, אַזוי צו זאָגן. ער וויל שוין מערער ניט זיין פאַרוואָגלט, האָט ער מיר געזאָגט, און ניט טאָגן דאָרטן, וואו ער נעכטיקט. ס'געפעלט אים דאָס שטעטל, וואו איך וואוין. אַזוי ווי ס'זיינען דאָ אַ סך רענדזשעס אַרום אין דער דאָזיקער געגנט, און די פרויען דאָ, ווי אומעטום איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן ליב זיך צו פאַרפּוצן מיט אַ שיין קליידל, אַ שטיקל צירונג, אַן איידל שיכעלע. און אַזוי ווי זיי האָבן אויך ליב צו באַצירן זייער הויז מיט אויסגעשטריקטע זאַכן, וועט ער עפענען אַ קראָם דאָ, וואו די פרוי וועט קאָנען קריגן דאָרטן אַלץ וואָס איר האַרץ גלוסט און איר קעשענע קאָן איר דערלויבן. און אויב פון דעם אַלעם וועט ער נאָך ניט האָבן קיין גענוג פּרנסה, האָפט ער צו ווערן

אַן אַגענט פון דער „זינגער ניי־מאַשין". די פרויען דאָ וועלן זיכער אים בענטשן. וואָס פאַר אַ פרוי חלומט דען ניט פון פאַרמאָגן אַ ניי־מאַשין? און ער וועט זיי געבן אויף אויסצוצאָלן.

בין איך אַוודאי געווען צופרידן, וואָס נאָך אַ איד באַזעצט זיך אין שטעטל. ס'איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן, אַז מיסטער טאָם באַרנסדעיל וועט גאָרניט זיין אַזוי צופרידן. מיסטער טאָם באַרנסדעיל, וואָס איז געקומען אַהער פון קאָנעטיקוט סטייט, איז געווען דער באַלעבאָס פון דער „דזשענעראַל־סטאָר", אָדער פון דער כל־בו'ניצע, ווי איך פלעג דאָס רופן. די איינציקע קראָם אין געגנט. און איר האָט דאָרטן געקאָנט קריגן וואָס איר ווילט, פון שפּיז ביז אָנטאָן. און צווישן אָנטאָן, האָט ער אַוודאי אויך געהאַט פרויענשע זאַכן, אָבער ניט קיין זייער גרויסן אויסוואַל. אַחוץ דעם, ווי נחום לעווענטאַל האָט מיר געזאָגט, דאַרף דער קרעמער אַליין האָבן געשמאַק און פאַנטאַזיע צו פרויענשע זאַכן, און וויסן אַ וועלכע סחורות איינצוקויפן פאַר זיי. מיסטער טאָם בראַנסדעיל האָט ניט געהאַט ניט דעם געשמאַק און ניט די פאַנטאַזיע פאַר דעם.

און דער דאָזיקער טאָם באַרנסדעיל, אַ הויכער, אַ ביינערדיקער, וואָס האָט פאַרלוירן זיין לינקן פוס אין דעם בירגער־קריג, און געטראָגן אַ הילצערנעם, איז געווען די גאַנצע צייט פריינטלעך צו מיר, אָבער ווי באַלד נחום לעווענטאַל האָט אויפגעעפנט זיין קראָם פונקט אַנטקעגן אויף דער אַנדערער זייט, האָט ער שוין ניט געוואָלט קוקן אויף מיר. איי, וואָס בין איך שולדיק? אָבער אָט אַזוי הייבט זיך אָן ראַסן־האַס. און ניט נאָר ער, נאָר אַ סך מענטשן, פון צווישן די ליידיקגייערס, וואָס פלעגן איבערליגן ביי אים אין סטאָר, אויך דאָס זעלביקע. און איינמאָל, ווען נחום איז פאַרבייגעגאַנגען די קראָם, איז איינער מיטן נאָמען וואָרנער, אַ שטענדיקער ליידיקגייער, וואָס מען האָט אים רק געזען אויף די טרעפּ פון באַרנסדעילס קראָם, זיצן און אייביק שניצן אַ שטעקן מיט אַ שאַרף מעסערל, האָט נחומען נאָכגעשריען: „דזשו, גאָו בעק וועהער יו קעים פראָם!" ס'הייסט, ער זאָל גיין צוריק פונוואַנען ער איז געקומען.

און געשעפטן האָט ער אָנגעהייבן צו מאַכן זייער גוטע, דער נחום. פרויען אין געגנט האָבן פונקט אַזוי שווער געאַרבעט, ווי זייערע מענער, און אין די מאָגערע יאָרן האָבן זיי זיך ניט פאַרגונען קיין נייעם בגד. ווען אָבער איך בין אָנגעקומען אין שטעטל האָבן זיי שוין געהאַט גוטע

יאָרן, און נחום לעווענטאַל מיט זיין קראָם פון ווייבערשע זאַכן האָט זיי פונקט צוגעטראָפן און ער האָט גאַנץ נישקשהדיק געלייזט. אין דער געגנט האָט מען זיך אַממערסטנס פאַרנומען מיט כאָווען פּי און וואַקסן ווייץ. זייער אַ פּעטע ערד דאָרטן געווען.

נחום לעווענטאַל האָט גערעכנט מיט דער צייט אַריבערצוברענגען זיין פרוי און צוויי קינדער, וואָס האָבן געוואוינט אין פילאַדעלפיע, אָבער אין אַ פרימאָרגן, ער קומט עפענען די קראָם, ווי ס'איז אָנגעשריבן אויף דער טיר מיט קרייד: „גיי צוריק פונוואַנעט דו ביזט געקומען, איד!"

דער גלח האָט זיך פאַרענטפערט פאַר נחומען, געזאָגט מיט אַ משל, אַז אין אַ גרויסער טשערעדע שאָף געפינט מען שטענדיק אַ פאַרפאַר־שיוועט שעפעלע. דער שעריף אָבער האָט זיך שוין ניט פאַרענטפערט. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס מיינט, אַז מען וויל אים דאָ ניט אין שטעטל. און דער שעריף, האָב איך געוואוסט, וועט אַוודאי זיין געטריי דעם דאָזיקן באַרנסדעיל, דעם רייכסטן מאַן פון שטעטל.

דער גלח האָט זונטיק געהאַלטן אַ דרשה אין קלויסטער אויף דער טעמע: „אַלע מענטשן זיינען גאָטס קינדער", און האָט שאַרף קריטיקירט די עלעמענטן אין שטעטל, וואָס טשעפּען זיך צו נחומען. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. אין אַ פינצטערער שטורעמדיקער נאַכט האָט מען אויס־געזעצט אַ פענצטער אין נחום לעווענטאַלס קראָם, צוגעגנבעט אַ סך זאַכן, פיל זאַכן גלאַט אַזוי צעריסן, צעשעדיקט, צעטראָטן...

הכלל, נחום לעווענטאַל האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל און מיר איז געוואָרן נאָך אומעטיקער ווי פריער. און כאָטשבי נאָך נחום לעווענטאַלס אַוועקפאָרן איז דער דאָזיקער טאָם באַרנסדעיל און זיין גאַנצע קליקע געוואָרן צו מיר ווידער גוט, אָבער איך האָב שוין מורא געהאַט פאַר זיי. דערפילט זיך ניט זיכער מיט זיי...

גאָלדעס בריוו

און ס׳איז מיר אָנגעקומען אַ בריוו פון גאָלדען, מיט אַזאַ שיינער האַנטשריפט, אַז ס׳איז געווען אַזוי ווי געמאָלן. פאַר דער האַנטשריפט אַליין, האָט מען זיך געקאָנט פאַרליבן אין איר. יעדער אות אַזוי איידל און חשוב אַוועקגעשטעלט. אָבער וואָס מיך האָט געוואונדערט, וואָס אַ סך ווערטער זיינען געווען אין דייטש. איך האָב גאָרניט געוואוסט, אַז זי קאָן אַזוי גוט דייטש. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף מיין בריוו, צי זי האָט שוין חתונה געהאַט. האָט זי מיר דירעקט ניט געענטפערט אויף מיין פראַגע, נאָר אַזוי אין אַלגעמיין מיט אביסל פילאָסאָפיע וועגן ענין חתונה־האָבן: „הייראַט אין דעם לעבן פון אַ פּרויענצימער זייער אַ פאַר־אַנטוואָרטלעכער שריטע איזט״, האָט זי געשריבן. „דער מאַנסביל אויס דער נאַטור, אַ לייכטזיניק וועזן איזט״, און נאָך אַזוינע געדאַנקען האָט זי אַרויסגעזאָגט אין איר טיפן דייטש.

איבערגעשריבן מיט איר האָב איך זיך דורך מיין לאַנדסמאַן מאיר חיה־שרהס, וואָס האָט אויך געוואוינט אויף אַכצן עסעקס סטריט, ווי איר געדענקט. און פון אים האָב איך געקראָגן שוין פאַדראַבנע בריוו וועגן גאָלדען, געשריבן אין פשוטן מאַמע־לשון. ער האָט מיר דערציילט, אַז איר חתן מעקס קומט שוין ניט אַזוי אָפט צו גאָלדען. ער ווייסט ניט פאַרוואָס. און אַז ער האָט איינמאָל אונטערגעהערט אַ קריגעריי צווישן גאָלדען און איר מאַמען. איר מאַמע האָט געשריען אויף איר מיט די דאָזיקע ווערטער:

— „וועסט פאַרבלייבן אַן אַלטע מויד ביזן גראָען צאָפּ אַריין.״

און גאָלדע האָט געוויינט און געענטפערט:

— „אָבער וואָס זאָל איך טאָן, מאַמע, אַז מיין האַרץ וויל אים ניט.״

און איר מאַמע האָט זיך נאָך שטאַרקער צעשריען און געזאָגט:

— „אָ, כ׳ווייס שוין, וועמען דיין האַרץ וויל.״

האָט גאָלדע זיך שטאַרקער צעוויינט און גאָרניט געענטפערט.

איז וועמען־זשע וויל יאָ איר האַרץ, — האָב איך געהאַלטן אין איין

קלערן, — אפשר מיך? אָבער איך אַליין האָב עפּעס זייער ווייניק גע־האַלטן פון זיך, און איך האָב ניט געקאָנט גלייבן, אַז איך בין דאָס דער פּאַרשוין, וואָס קאָן מאַכן אַזאַ שיין מיידל אָפּקערן איר האַרץ פון אַזאַ גרויסן פּאַרדינער ווי מעקס, אַ געזונטער, שטאַלטנער בחור, און זיך פאַרליבן אין מיר, דעם דאַרן, מיטן גרויסן גאַרגל, וואָס דאַרף פאַרוואָרפן ווערן אַזוי ווייט, כדי צו קאָנען פאַרדינען אויפן לעבן.

איר חתן, מעקס, איז געווען פון די גאַר בריהשע קלאָוקמאַכער. ער פלעגט מאַכן מיט אָווערטיים פינף־און־דרייסיק אָדער פערציק דאָלער אַ וואָך. און ער האָט זיך געריבן אויף אַ „באָס” בשעת נאָך ער איז אַליין געווען אַן אַרבעטער. ער פלעגט אַרויפנעמען אין זיין שאַפּ מענטשן, זיי אויסלערנען די מלאכה, און פון זייערע שכירות אַראָפּנעמען פאַר זיך פערציק אָדער פופציק פּראָצענט. שפּעטער איז ער טאַקע אַליין געוואָרן אַ באָס, און איינער פון די גאָר־גרויסע, אָבער ער איז געשטאָרבן יונג. פון אַ פאַרדאָרבענעם מאָגן איז ער געשטאָרבן.

יאָ, די וואָס ווערן רייך זיינען מקריב זייערע לעבנס פאַרן קאַפּיטאַל, אָבער דערווייל פאַרלירן זיי אַן אומגעהויערן וויכטיקערן קאַפּיטאַל: אַ האַרץ, אַ ניר, די לעבער, דעם מאָגן. איך רייץ זיך אַמאָל מיט מיינער. „זעסט”, — זאָג איך צו איר, — „ווען דו זאָלסט געווען חתונה־האָבן פאַר מעקסן, וואָלסטו שוין פון לאַנג געווען אַן אלמנה.” מאַכט זי צו מיר: „ווען ער זאָל געווען חתונה־האָבן פאַר מיר, וואָלט ער ניט געהאַט קיין פאַרדאָרבענעם מאָגן.”

און איר מעגט איר גלייבן. זי וואָלט שוין געזען, ער זאָל עסן אין צייט. זי וואָלט אים געבראַכט אין שאַפּ אירע גוטע געקעכצן. און לאָמיך אייך זאָגן, אַז איך אַליין וואָלט שוין לאַנג געווען אַ קדוש, ווען ניט זי. זי האָט מיך געשטעלט אויף די פיס מיט אירע געקעכצן. און ווי איר קוקט מיך איצט אָן, בין איך אַן אויסגעפּאַשעטער, אַ פּאַפּראַוועטער. ביי איר — קאָכן פאַר איר מאַן, קינדער און אייניקלעך, איז עבודת הקודש, אַ הייליקע אַרבעט, און אויך אַ קונסט.

איז יאָ, וואו־זשע האַלטן מיר? ביי דעם, וואָס איך האָב ניט שטאַרק געהאַלטן פון מיין פּיזישער פּערזאָן. שפּעטער מיט יאָרן האָבן מיר אָפּט גערעדט וועגן דעם, און זי האָט מיר געזאָגט:

— ווײ, ווײ, ווען איך האָב ס׳ערשטע מאָל אַ קוק געטאָן אויף דיר,

האָב איך נאָר געמיינט אַז דו ביזט אַ קאָנסאָמפּשעניק. מיין מאַמע האָט צו מיר געזאָגט, אַז אַ שענערן פון דיר לייגט מען אין דער ערד אַריין.

— פּאַרוואָס־זשע, טאַקע, האָסטו... כ׳מיין? — האָב איך זי געפרעגט.

— כ׳ווייס ניט, — האָט זי זיך אָנגעהייבן רויטלען.

(איך האָב זיך אומיסטן צערעדט מיט גאָלדען, ווען זלמן איז ניט געווען דערביי. און איך האָב זי געפרעגט, וואָס אַזוינס האָט זי אין אים דערזען. האָט זי, די איבער זיבעציק־יאָריקע פרוי, זיך צערויטלט, ווי אַ יונג מיידל, און מיר געענטפערט, אַז זיין קול האָט זי צוגעצויגן, אַ מענעריש געדיכט קול און אַ וואַרעמס, און אַן אמתדיקס. אויך זיינע בלויע אויגן, גוטע מענטשלעכע אַזוינע. און דאָס וואָס ער איז געווען אַזאַ אויסגעדאַרטער, אַן אויסגעכליאָנעטער, איז איר אויסגעגאַנגען צו אים דאָס האַרץ. זי האָט אַזוי געוואָלט קאָכן פאַר אים און אים פּאַפּראַווען.)

איז דערהאַלט איך איינמאָל פון איר אַ בריוו, און שוין מיט ווייניקער דייטשישע ווערטער, אָבער מיט דער זעלביקער וואונדערלעכער שיינער האַנטשריפט, אַז זי האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך מיט מעקסן, און אַז זי וועט שוין אייביק אויף איר לעבן ניט וועלן חתונה־האָבן מיט קיינעם, ווייל די מענער זיינען גרויסע עגאָאיסטן און טראַכטן נאָר פון זיך. אַלע די דאָזיקע בריוו צו מיר מיט דער שיינער האַנטשריפט, האָב איך דער־נאָכדעם אויסגעפונען, זיינען געשריבן געוואָרן פון דער פרוי דער בריוו־שרייבערין, וואָס האָט געוואוינט אויפן ערשטן שטאָק אויף אַכצן עסעקס סטריט. זי אַליין, גאָלדע, קאָן נאָך עד היום ניט שרייבן. איך האָב זי אַ סך מאָל געלערנט, אָבער עפּעס נעמט זיך דאָס ניט צו איר. צען סענט פאַר אַ בריוו האָט זי דער פרוי געגעבן.

און וועגן דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט שוין אויף אייביק ניט חתונה־האָבן, האָב איך איר אָנגעשריבן אַ בריוו, ס׳זאָל זי מאַכן לאַכן. איך האָב איר געשריבן, אַז איך האַלט אויך אַזוי, אַז זי זאָל שוין אויף אייביק ניט חתונה־האָבן, סיידן אַז ס׳וועט זיך אונטערדרוקן עפּעס אַ לייטישער יונגערמאַן, ווי למשל, אַ זלמן דער שוסטער.

האָט זי מיר געענטפערט, האַלב ערנסט און האַלב שפּאַס, אַז זלמן דער שוסטער איז גאָרניט אַזאַ לייטישער יונגערמאַן, ווי ער שטעלט זיך אויס, ווייל ס׳אַרט אים אַפילו ניט, אַז איינע אַ מיידל אין ניו־יאָרק טראַכט פון אים אַזוי שטאַרק און איר לעבן איז איר נמאס אָן אים.

האָב איך גלייך געענטפערט, אַז פאַרקערט, אַז ס'אַרט אים שוין גאָר־גאָר, און איינגיכן וועט ער זיך אומקערן קיין ניו־יאָרק, איר לעבן זאָל ניט זיין אַזוי נמאס.

און אַז ס'זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן, און איך האָב אַזוי גיך ניט געקאָנט זיך לאָזן צוריק קיין ניו־יאָרק, צוליב די חובות, וואָס זיינען מיר געקומען פון געוויסע פאַרמערס, האָט זי מיר געשריבן אַ בריוו, אַז זי באַוואַשט איר קישן ביינאַכט מיט טרערן, בענקענדיק נאָך מיר. אָט דער דאָזיקער בריוו האָט מיך זייער שטאַרק גענומען. דאָס איז געווען דער פּשוטסטער בריוו, וואָס איך האָב פון איר באַקומען.

שפּעטער האָט זי מיר דערציילט, גאָלדע, אַז די פרוי די בריוו־שרייבערין האָט ניט געוואָלט אַריינשטעלן די דאָזיקע פּשוטע ווערטער: „איך באַוואַש מיט טרערן מיין קישן ביינאַכט, בענקענדיק נאָך דיר". זי האָט איר געזאָגט, אַז ס'איז ניט אינטעליגענט, האָט איר גאָלדע געזאָגט: „נעווער מאַינד ניט אינטעליגענט."

הכלל, אין איין שיינעם זומערדיקן פרימאָרגן האָב איך זיך געלאָזט מיט מיינע פּעקלעך צו דער באַן־סטאַנציע. ס'זיינען מיך געקומען באַ־גלייטן דער גלח מיט זיין שוועסטער, דער שעריף, און אַנדערע חשובע באַלעבאַטים. זיי האָבן זייער ניט געוואָלט איך זאָל זיי פאַרלאָזן. ביז אין דער לעצטער מינוט האָבן זיי מיך צוגערעדט איך זאָל פאַרבלייבן ביי זיי אין שטעטל.

אָבער די באַן איז אָנגעקומען, איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין וואַגאָן. די אויף דער פּלאַטפאָרמע האָבן געמאַכט צו מיר מיט די הענט, און איך בין געווען זייער גערירט, וואָס איך האָב זיך קונה געווען אַזאַ אמתע פריינטשאַפט ביי די מענטשן אין דעם דאָזיקן טעקסאַס־שטעטל...

אוי, מאַמע, איך חלש!...

כ׳בין געקומען פון דער וועסט אַ גרויסער גביר. גאַנצע צוויי הונ־דערט מיט אַכציק דאָלער דאָרטן אָפּגעשפּאָרט. האָב איך זיך שוין געקאָנט פאַרגינען. קודם כל, ווי נאָר כ׳בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, בין איך אַוועק נעמען אַ וואַנע ביים באַרבער אויף דעלענסי סטריט. פופצן סענט האָט מיך געקאָסט דער פאַרגעניגן.

אין דער אַלטער היים, ווער האָט געוואוסט פון אַ וואַנע? אויף מיין אַמאָליקער דירה אין מאַנראָו סטריט, האָב איך זיך געבאָדן אין בלעכענעם קעסל, וואו איך האָב געוואַשן מיינע וועש. אין טעקסאַס־שטעטעלע אויך דאָס זעלבע. איצטער אָבער בין איך מיר געלעגן ווי אַ גביר אין אַ פינקלדיק־ווייסער פאַרצעלייענער וואַנע ביים באַרבער אויף דעלענסי סטריט און ממש אויסגעגאַנגען פון מתיקות אין דער מחיהדיקער הייסער וואַסער.

הכלל, כ׳האָב זיך אָפּגעגאָלט, אָפּגעבאָדן, אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן אַן אָפּגעפרישטער, און איך בין אַוועק אויף עסעקס סטריט אין רעסטאָראַן, וואָס אין אַ קעלער. פאַר צוועלף סענט האָב איך מיר אָפּגעגעסן אַ באַ־טעמטן מאָלצייט, וואָס איז באַשטאַנען פון זעקס געריכטן. דאָס הייסט, פון אַ פאַרשפּייז, אַ שטיקל שמאַלץ־הערינג מיט ציבעלקעלעך, אַ טעלער יויך מיט הרעטשענער קאַשע, אַ היפּש שטיקל געדעמפּט ברוסט־פלייש מיט אַ מערל און מיט עטלעכע פּאַסאָלקעס, אַ טעלערל מיט געקאָכטע וויינשל, אַ גוט־פאַרברוינט קיכעלע מיט מאָן, און אַ גלאָז טיי מיט לימענע און מיט צוקער. און ערשט נאָכן עסן האָט דער באַלעבאָס אַליין מיר נאָך צוגעטראָגן אַ פּאַפּיראָס, און אַלץ, דאַרפט איר וויסן, פאַר צוועלף סענט.

דערנאָכדעם בין איך אַוועק אויף סטענטאָן סטריט צו מיינעם אַ באַ־קאַנטן, איינער אַ כאַימאָוויטש, פון מאָגולעסקאָס פּאַטריאָטן, וואָס האָט דאָרטן געהאַלטן אַ קליידער־געשעפט, זיך צו באַשטאַטן מיט נייע קליידער. כ׳האָב זיך געוואָלט אַריינאַוועקן צו גאָלדען אין הויז, אַ חתן אין גאַלע נייעם.

פאַר זעקס דאָלער מיט אַ קוואָדער האָב איך מיר איינגעהאַנדלט דעם אמתן שיינעם גאַרניטור פון דער סאַמע לעצטער מאָדע, און פאַר איין דאָלער מיט דרייסיק סענט — די זייטיקע זאַכן, וואָס דאַרפן גיין מיט אַ גאַרניטור. ווען איך בין דערנאָכדעם צוגעגאַנגען צום גרויסן שפּיגל אין קראָם, האָב איך זיך גאַרניט דערקענט. ס'איז געשטאַנען פאַר מיר עפּעס אַ שיינער יונגערמאַן אין אַ ווייסן שטייפן גומענעם קאָלנער, חנעוודיק פאַרבונדן מיט אַ שוואַרץ שלייפל; אין אַ העל־ברוינעם גע־קעסטלטן רעקל גוט־צוגעפּאַסט צו מיינע מאָגערע פּלייצעס; אין אַ ליכטיק־גרינעם פּליושענעם זשילעט מיט שיינע קעשענקעלעך, און אין וואונדערלעכע העל־ברוינע געקעסטלטע הויזן — שמאָלע, פאַרשטייט זיך, שמאָל ביז צום לייב, ווי די מאָדע איז דעמאָלט געווען.

וואָס ס'האָט מיר נאָך געפעלט איז אַ דורבי. אויך די דעמאָלטיקע מאָדע. צו קויפן אַ נייע האָב איך זיך שוין ניט פאַרגונען, בין איך אַוועק צו אַ פּושקאַרט אויף דיוויזשאַן סטריט, און פאַר פופציק סענט האָב איך מיר געקויפט אַ כמעט־נייע שוואַרצע דורבי, וואָס איז געזעסן זייער איידל און חשוב אויף מיין קאָפּ.

— וואָס איר דאַרפט נאָך איצט, מיסטער, — האָט מיר געזאָגט דער פּעדלער פון די דורביס, אַ הויכער שטאַרקער איד מיט אַ לאַנגער געלער באָרד און קלוגע גרויע אייגעלעך, — איז אַ „וואָטש און טשעין“, אַ זייגער און קייטל.

אָן אַ זייגער און קייטל, האָט ער מיך געשראָקן, טאָר איך גאָרניט אַרויסגיין אויף דער גאַס. אַלע מענטשן וועלן טייטלען אויף מיר מיט די פינגער. און אויב איך האָב אַ כלה, וועט זי זיך שעמען מיט מיר שפּאַצירן. און גראָד האָט ער ביי זיך אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ פיינער קייט, חצי ביליק.

אמת טאַקע, אַלע פיין־פאַרפּוצטע יונגעלייט האָבן דעמאָלט געטראָגן גאָלדענע זייגערס מיט גאָלדענע קייטעלעך, אָבער אויף אַזאַ אויס־ברענגערײַ האָב איך זיך ניט געקאָנט באַשליסן, און בין כמעט אַוועק־געלאָפן פון פּעדלער. אַז ניט, וואָלט ער מיך מיט זיין געשליפן צינגל געווען איבערגערעדט.

און כדי דער יצר הרע זאָל מערער ניט האָבן קיין שאַנס מיך אַריינצונאַרן אין עפּעס אַן אַנדערער הוצאה, בין איך גלייך אַוועק צו יאַר־

מאַלאָווסקיס באַנק. יאַרמאַלאָווסקיס באַנק האָט זיך געפונען דעמאָלט, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, אין ריווינגטאָן קאָרנער עסעקס. די אידן פון דער איסט־סייד האָבן קיין אַנדער באַנק ניט געטרויט זייערע שווער־אָפגעשפּאָרטע פּאַר פּעניס, נאָר יאַרמאַלאָווסקיס באַנק.

אינעווייניק, אין יאַרמאַלאָווסקיס באַנק, זיינען געווען פיר פענצטער־לעך, און פאַר יעדן פענצטערל איז שוין געשטאַנען אַ לאַנגע ריי פרויען און מענער.

יאַרמאַלאָווסקי אַליין, אַ שיינער בכבודיקער איד מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד און אין אַ סאַמעטענער שוואַרצער יאַרמולקע, איז זיך געזעסן באַזונדער פאַר אַ טיש און אויפגענומען אַזוינע קליענטן, וואָס האָבן ביי אים געוואָלט לייען געלט אויף וועקסלען. איך האָב ניט געוואָלט צוגיין צו איינעם פון די פענצטערלעך און אָוועקגעבן מיינע שווער־פאַרהאָרעוועטע געלטער אַבי וועמען. איך האָב נאָר געוואָלט, אַז יאַר־מאַלאָווסקי אַליין זאָל צונעמען ביי מיר דאָס געלט און מיט זיין אייגענער האַנט מיר אויסשרייבן אַ קוויטאַנציע מיט אַ באַנק־ביכעלע.

האָט יאַרמאַלאָווסקי זיך אַ גלעט געטאָן זיין לייטישע באָרד, אַ וואַרעם שמייכל געטאָן צו מיר און געזאָגט, אַז יעדער אָנגעשטעלטער ביי אים אין באַנק איז אַ פרומער איד און אַ גרויסער בטוח, נאָר אויב איך וויל גראָד, אַז ער זאָל מיר אויסשרייבן אַ קוויטאַנציע, וועט ער דאָס מיט פאַרגעניגן טאָן.

צוויי הונדערט און פינף־און־זעכציק דאָלער האָב איך אים איבער־געגעבן, און ער האָט זיי שנעל צוגענומען מיט זיינע איידעלע לאַנגע פינגער און נאָך שנעלער זיי איבערגעציילט און זיי אַריינגעשאַרט אין שופלאָד; אויסגעשריבן אַ קוויטאַנציע מיט אַ ביכעלע און מיר צו־געוואונטשן מיט אַ פרום קול, אַז די סומע אין מיין באַנק־ביכעלע זאָל וואַקסן און וואַקסן, בעזרת השם יתברך, מיט דער הילף פון דעם, וואָס זיין נאָמען זאָל זיין געבענטשט.

און איצטער, אַז איך האָב שוין דערליידיקט אַלע מיינע געשעפטן, האָב איך זיך געלאָזט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף אַכצן עסעקס סטריט. ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט, די „קאָנקעס" וואָס זיינען פאַרביי־געלאָפן זיינען געווען געפּאַקט מיט אַרבעטער. אָפענע „קאָנקעס" זיינען דאָס געווען, מיט לאַנגע בענק אין דער לענג, מען איז דאָרטן געשטאַנען

קאָפּ אויף קאָפּ. דאָס זיינען טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער געפּאָרן פון אַ שווערן טאָג אַרבעט, און אויף יעדן אָפּשטעל האָבן געוואַרט קינדערלעך אויף זייערע אייגענע און זיי אויפגענומען מיט פריידיקע אויסגעשרייען.

און אָט בין איך צוגעקומען צו אַכצן עסעקס סטריט. לאה די בריוו־שרייבערין, וואָס איז געזעסן לעבן אָפענעם פענצטער, האָט מיך דערזען און זיך האַרציק צעשמייכלט צו מיר. זי איז נאָך געווען אַ מיידל, לאה די בריוו־שרייבערין, אַ מיידל פון אַ יאָר זעכציק, אָדער גאָר פון פינף־און־זעכציק. פאַרוואָס זי האָט קיינמאָל ניט חתונה געהאַט האָט קיינער ניט געוואוסט. אָבער זי אַליין האָט דורך אירע שיינע ליבעס־בריוו ניט איין מיידל אויף דער איסט־סייד געהאָלפן חתונה־האָבן.

זי האָט מיך געפרעגט, מיט אַ ליבן שמייכל, ווי אַזוי זיינען מיר געפעלן גאָלדעס בריוו צו מיר, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי זיי געשריבן פאַר איר. ביי איר איז אפשר אויסגעקומען, אַז דאָס האָבן נאָר אירע בריוו מיך געבראַכט פון דעם טעקסאַס־שטעטעלע צו גאָלדען. זי האָט מיר געוויזן אויף די פּאַליצעס, וואו ס'זיינען געווען אַ סך אידישע ביכער, און מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך אינטערעסירן מיט די דאָזיקע ביכער און זיי אָנהייבן לייענען. דאָס זיינען אַלץ ראָמאַנען פון שמ"ר, בלאָשטיין, און נאָך אַזוינע, וואָס ס'איז גוט צו לייענען פאַר אַ חתן, מחמת ס'רעדט זיך דאָרטן אַלץ וועגן ליבע, און מען קאָן זיך אָפּ־לערנען אַ משל, פינף סענט פּראָקאָט פאַר אַ בוך איבערצולייענען נעמט זי.

הכלל, כ'האָב זיך מיט איר געזעגנט און אַרויפגעגאַנגען אויפן דריטן שטאָק, און אַז דאָס האַרץ האָט ביי מיר געטיאָכקעט ווי ביי אַ גזלן, דאַרף איך אייך שוין ניט זאָגן.

אָנגעקלאַפּט. ס'איז שטיל אַ סעקונדע, וואָס ציט זיך פאַר מיר ווי אַ יאָר. דערנאָכדעם — טריט, דערנאָכדעם עפנט זיך די טיר. גאָלדע דערקענט מיך גלייך, טוט אַ פּאַטש מיט די הענט, און טוט אַ געשריי:

— אוי, מאַמע, איך חלש! ס'איז דאָך זלמן!...

אויף די דעכער פון דער איסט־סייד

ווען די דעכער פון די גאָר־אַלטע טענעמענט־הייזער אויף דער איסט־סייד וואָלטן געקאָנט רעדן, וואָלטן זיי געהאַט צו דערציילן אַ סך מעשיות פון דעם לעבן פון די אידישע אימיגראַנטן אַמאָליקע יאָרן. אין די שטיקנדיקע פאַרנע זומער־נעכט זיינען די דעכער באַלייגט געווען פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן־קינדער יושבי־חושכדיקע אין וואַנצנדיקע טענעמענטס.

די אינדרויסנדיקע לופט איז ניט געווען באַזונדערס גוט פאַר די וואַנצן און זיי האָבן זיך פאַרטאַיעט לייטישינקע און שטילינקע אין זייערע באַהעלטענישן דאָרטן פון די מאַטראַצן, וואָס מען האָט אַרויסגעטראָגן אויפן דאַך.

דאָס טראָגן די מאַטראַצן האָט זיך אָנגעהייבן גלייך נאָך וועטשערע. מען האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אַ בעסערן פּלאַץ אויפן דאַך. און דאָס בעסערע פּלאַץ איז געווען אויף דער זייט, וואָס האָט געקוקט צום איסט־ריווער. פון דאָרטן האָבן דאָס געדאַרפט בלאָזן די קילע ווינטעלעך.

גאָלדעס טאַטע, דער חזן, וואָס האָט געכאַפּט אַ שווערע פאַרקילונג אויף דער שיף קיין אַמעריקע און איז אויף שטענדיק געוואָרן הייזעריק, פלעגט שלאָפן אויפן דאַך ניט נאָר אין די הייסע פאַרנע זומער־אָוונטן, נאָר אַפילו אין די קילערע נעכט. ער האָט שטאַרק געהוסט ביינאַכט אינעווייניק אין שטוב, כאָטש ער איז געשלאָפן אין פאָדערשטן צימער, וואו ס׳זיינען געווען צוויי פענצטער. אין מיטלסטן צימער איז אינגאַנצן ניט געווען קיין פענצטער, און קיין שום עפענונג. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ער דאַרף אַ סך לופט, און מוז פאָרן אין די בערג. און וואו איז נאָך דאָ אַזוי פיל לופט, ווי אויפן דאַך? איי, בערג? — איז אַ דאַך אויך כמעט אַ שטיקל באַרג. ביז העט נאָך די ימים טובים, ווען ס׳איז שוין געוואָרן רעכט קאַלט, איז ער געשלאָפן אויפן דאַך. סיידן, פאַרשטייט זיך, אַז ס׳האָט גערעגנט.

פאַר מיר און פאַר גאָלדען איז דער דאַך אויף אַכצן עסעקס סטריט

פון די גאָר שענסטע געדענקענישן. דאָרטן האָבן מיר אויסגעשפּילט אונזער ליבע ערב דער חתונה אויף דעם געהויבנסטן ראָמאַנטישסטן אופן.

כ׳געדענק איינעם אַן אָונט. די איסט־סייד איז דעמאָלט געווען, ווי אויף דער אויבערשטער באַנק אין אַ באָד. מען האָט ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. די ציגל פון די הייזער און די שטיינער אויף דער גאַס האָבן ממש געאָטעמט מיט פּאַרע. די גאַנצע איסט־סייד איז געווען אויף די דעכער. אָבער דאָרטן אויבן איז געווען פּונקט אַזוי פּאַרנע און שטיקנדיק ווי אונטן. דער הימל איז געווען קאַלעמוטנע־רויט פון דער היץ און פון דער פּאַרנעקייט אויסגעמישט מיט דעם פּאַרנעפּלטן אָפּשיין פון די גאַסן־לאָמפּן און די טויזנטער און טויזנטער ליכט פון דער שטאָט. די קליינע עופּהלעך זיינען געלעגן אויף זייערע געלעגערס וואָס זייערע מאַמעס האָבן זיי אויסגעבעט אויפן דאַך, פאַרטאַיעטע, פאַרחלשטע. אָבער גאָט איז דאָך אַ פאָטער, און אַרום צען אַזייגער האָבן אָנגעהייבן צו בלאָזן פון איסט ריווער קילע ווינטעלעך, און גלייך האָט זיך פריידיק דערהערט פון אומעטום:

— אַך, אַ מחיה! אַ מ־ח־י־ה!...

ס׳איז געוואָרן לעבעדיק. מען האָט אָנגעהייבן צו רעדן, פאַרפירן שמועסן. עמיצער האָט נאָכגעמאַכט מאָגולעסקאָן אין „פּיטל פּאַוואָליע״, און מען האָט פריילעך געלאַכט. מען האָט אויך געזונגען און דעקלאַמירט לידער.

יענע נאַכט האָב איך געהערט ס׳ערשטע מאָל מאָריס ראָזענפעלדס באַרימט ליד „איך האָב אַ שיין אינגעלע״. אַ מיידל האָט דאָס דע־קלאַמירט. איך האָב אַפילו ניט געזען איר פּנים. זי איז געזעסן ווייט ערגעץ אויפן דאַך. כ׳האָב נאָר געהערט איר קול. זייער אַ וואַרעם און שיין קול. ס׳איז געווען געוואַלדיק שטיל איבערן דאַך, ווען זי האָט דאָס דעקלאַמירט. דאָס רוב זיינען געווען שאָפּ־אַרבעטער, און זיי האָבן גוט באַנומען דאָס דאָזיקע ליד. ניט איין טאַטע אויפן דאַך האָט זיך פאַר־גליכן צום טאַטן פון דער ליד, וואָס די אַרבעט נעמט אים פרי אַוועק און ברענגט אים צוריק זייער שפּעט ביינאַכט, און ער קאָן זען זיין אינגעלע נאָר ווען ער שלאָפט.

מען האָט אויך יענעם אָונט אויפֿן דאַך פֿון אַכצן עסעקס סטריט שטאַרק אַרומגערעדט דעם ענין פֿון קאַפּיטאַן דרייפֿוס און זיין נייעם פּראָצעס, וואָס האָט זיך אינגיכן גערדאַרפֿט אָנהייבן אין פֿראַנקרייך. מען האָט געשאָלטן שערעהאַזי, אָדער ווי ער האָט דאָרטן געהייסן, פֿאַר אויסטראַכטן דעם בלבול אויפֿן ערלעכן אידישן קאַפּיטאַן דרייפֿוס. מען האָט געבענטשט איינעם אַן עמיל זאָלאַ, וואָס איז אַ גרויסער שרייבער און אַ גרויסער אוהב ישראל, פֿאַר אָננעמען זיך אַזוי שטאַרק די קריוודע פֿון דעם אומשולדיקן פֿאַרמשפּטן. מען האָט זיך דערציילט, אַז אין בית־המדרש הגדול האָט מען פֿאַריקן שבת געמאַכט אַ מי שבירך דעם דאָזיקן עמיל זאָלאַ.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך דער סאָציאַליזמוס און דער אַנאַרכיזמוס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, און מען האָט זיך שטאַרק געקאַכט און גע־אַמפּערט און ס׳איז שיער ניט געקומען צו קיין געשלעג. כ׳האָב גאָרניט געוואוסט, אַז לייב דער בעקער, וואָס האָט געהאַלטן אַ בעקעריי אונטן אין קעלער, איז אַזאַ פֿאַרברענטער אַנאַרכיסט.

איך און גאָלדע זיינען מיר געווען צעשיידט אויפֿן דאַך. גאָלדעס מאַמע האָט אונז צעשיידט. זי האָט אָוועקגעלייגט איר מאַטראַץ אינמיטן, דאָס הייסט, צווישן מיינעם און גאָלדעס. געווען זייער אַ שטרענגע, גאָלדעס מאַמע. צו מעקסן, דעם פֿריערדיקן חתן גאָלדעס, איז איר מאַמע גאָרניט געווען אַזוי שטרענג. זיי געלאָזט שפּאַצירן אַליין, אָדער גיין אין טעאַטער. מיר האָט זי גאָלדען ניט געוואָלט אָנפֿאַרטרויען אַפֿילו אַפֿילו אויף קיין מינוט אַליין, כאָטש איך בין שוין געווען דער אָפֿיציעלער חתן, אַזוי צו זאָגן. זי האָט אונז שטענדיק ביידן געהיט, ווי מען היט געפֿערלעכע גנבים. סיי אויפֿן סטופּ, ווען ס׳איז אויסגעקומען צו פֿאַרזעסן זיך שפּעט, סיי אין שטוב, און איצטער אויפֿן דאַך — אַוודאי און אַוודאי. אויפֿן דאַך זיינען דאָ אַ סך אויגן, וואָס קוקן, און איר טאָכטער קאָן נאָך אַריינפֿאַלן אין לייטישע מיילער. זי האָט אַפֿילו ניט געוואָלט ליידן, וואָס גאָלדע לאַכט אַזוי הויך אויפֿן קול, און ביי גאָלדען לאַכן דאַרף מען זיך קיין סך ניט בעטן, באַזונדערס נאָך דאָ אויפֿן דאַך, וואו געוויסע מענטשן אין שלאָף האָבן אַ טבע צו פֿייפֿן און טרומייטערן מיט זייערע נעזער.

לייב דער בעקער, דער פֿאַרברענטער אַנאַרכיסט, נעבעך אַ פֿאַר־מאַטערטער פֿון דער היץ און פֿון דער שטורמישער דעבאַטע, איז איינ־

געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער און זיין נאָז האָט געטרומייטערט אויף די העכסטע טענער, און גאָלדען איז געווען פריילעך.

די מוטער אירע, אויך נעבעך שטאַרק אויסגעמאַטערט פון דער היץ, האָט געחלשט שלאָפן, אָבער זי האָט זיך געווערט און געראַנגלט. זי האָט גוט געוואוסט, אַז איר טאָכטער מיט איר שיינעם חתן זלמן קוקן שוין אַרויס די אויגן זי זאָל נאָר אַ דרעמל טאָן. ס'האָט איר אָבער נעבעך גאָרניט געהאָלפן, סוף־כל־סוף האָט זי געמוזט נאָכגעבן און אַזוי לייטיש און פרום איינגעשלאָפן, אַז ס'איז געווען אַ מחיה צו קוקן אויף איר.

כמעט די מערסטע מענטשן אויפן דאַך זיינען איינגעשלאָפן, געגלעט פון די מחיהדיקע פרישע ווינטעלעך, וואָס האָבן איצט געבלאָזן ניט נאָר פון איסט־ריווער, נאָר אויך פון אַנדערע ריכטונגען. די קאַלעמוטנע רויטקייט אויפן הימל איז אויסגערונען ערגעץ און שטערנדלעך האָבן זיך באַוויזן. די עטלעכע וואָלקן־קראַצער אין דער ווייט האָבן אויסגעקוקט עפּעס ווי פאַרכישופטע שלעסער. איך האָב זיך צוגערוקט צו מיין גאָלדען, און מיר האָבן ביידע זיך פאַרטראָגן אין אַ וועלט פון גאָלע טוב.

דער דאַך אויף אַכצן עסעקס סטריט יענע נאַכט איז געווען דער עדות פון די הייסטע קושן און הייליקסטע שבועות. און דער טעם פון „יענע קושן" (פאַררויטלט זיך איצט עטוואָס זלמן דער שוסטער, דער כמעט־אַכציקער) געדענק איך נאָך ביז היינט־צו־טאָג. ס'איז געווען ווי אין שיר השירים: „ישקני מנשיקות פיהו", זאָל מיך גאָלדע קושן מיט די קושן פון איר זיסן מויל, ווייל איר ליבשאַפט איז צו מיר בעסער, ווי דער טייערסטער וויין...

דערנאָכדעם איז גאָלדע אויך איינגעשלאָפן. אַלע מענטשן אויפן דאַך זיינען שוין מסתמא דעמאָלט געווען איינגעשלאָפן. נאָר איך דער איינציקער בין געלעגן וואַך. און געטראַכט האָב איך דעמאָלט אַ וועלט מיט טראַכטונגען.

ס'האָט אָנגעהייבן צו טאָגן. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און פאַר מיר האָט זיך אַנטפּלעקט אַ בילד, וואָס האָט ביי מיר פאַרכאַפּט דעם אָטעם: אומעטום, וואו דאָס אויג האָט געקאָנט דערגרייכן — דעכער אָפּגעשאָטן מיט אידן. עפּעס אַזוי ווי אַ ריזיקער לאַגער פון אַ וואַנדערנדיקן פאָלק, וואָס שטעלט זיך אָפּ אין אָוונט אין די גרויסע שטעט און כאַפּט זיך אַרויף פאַר נאַכטלעגער אויף די דעכער...

צווייטער טייל

נעשוויל און קאַליפאָרניע

אויפן פידעלע

...און דערנאָכדעם בין איך פאַרוואָרפן געוואָרן אין נעשוויל, טענעסי. ווידער אַמאָל דערפּאַר, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז אַ פונט שוסטער דאָרטן איז אַ פונט גאָלד. מיין משפחה איז שוין באַשטאַנען דעמאָלט פון פיר נפשות: איך, מיין פרוי און צוויי טעכטערלעך, דבורהלע און חנהלע. אָבער ס'האָט זיך געקליבן אַ גאַסט צו אונזער משפחה, אַן אַנדער נפשל. מיין גאָלדע איז דעמאָלט טראָגעדיק געווען מיטן פידל־שפילער. אַז דאָס נייע נפשל זאָל זיין אַ זון, און אַ פידל־שפילער, האָב איך ממש געפלאַנעוועט אין פאָראויס.

כ'האָב אייך שוין דערציילט, אַז ביי מיר פאַר אַ גוט שטיקל נגינה, וואָלט איך פאַרקויפט דעם לעצטן בגד פון זיך. ווען איך זאָל דאַרפן צום צווייטן מאָל געבוירן ווערן, און דער מלאך דאָרטן זאָל מיך פרעגן: „זלמנקע, וואָס וואָלסטו געוואָלט זיין אויף דער ערד — אַ מעכטיקער מאָנאַרך, צי אַ פּרעזידענט פון אַ גרויס לאַנד, און זיך לעבן אין וואויל־טאָג, אָדער אַ פידל־שפילער, וואָס ליידט גרויסע ליידן און האַרצ־ברעכעניש, איידער ער דערגרייכט עפּעס?" — וואָלט איך גלייך אים געזאָגט: אַ פידל־שפילער.

און מיין זון דער פידל־שפילער, איידער ער האָט עפּעס דערגרייכט, איז דורכגעגאַנגען טויזנטער טעג פון שרעקלעכן האַרצווייטיק, און איך צוזאַמען מיט אים. ווען מיין זון שטייט איצט אויף דער בינע און טוט אַרויסציען פון די סטרונעס כּישוף פאַר די מענטשן, ווייסט גאָר קיינער ניט, אַ חוץ איך, וויפיל טעג פון שוויס און האָרעוואַניע ס'האָט אים גע־קאָסט, ביז ער האָט באַצוואונגען די סטרונעס, זיי זאָלן אַרויסגעבן דאָס וואָס ער האָט געוואָלט בלויז אין איין נומער פון דער פּראָגראַם.

שלום עליכם האָט אָנגעשריבן אַ טייערע מעשה פון אַ אינגל, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט אַ פידעלע. מיר דאַכט זיך, אַז טויזנטער און טויזנטער אינגלעך אין די קליינע שטעטלעך אין איראָפּע האָבן זיך אומ־

געטראָגן מיט דעם חלום, וואָס דאָס אינגל אין שלום עליכמס מעשה, מיך האָט אַ פערד שיער דעם בויך ניט אויסגעזעצט מיט זיינע פיס, ווען איך האָב געריסן פון זיין ווידל האָר פאַר סטרונעס. ביי מיר עליע דער קלעזמער פון אונזער שטעטעלע, מיט זיין פידעלע, איז געווען אַ גאָט.

און ווען מישאַ עלמאַן איז געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך זיך געזאָגט: די הויזן זיך פאַרזעצן און קויפן בילעטן פאַר מיר און גאָלדען, אים גיין הערן שפּילן אויפן פידל. איידער מישאַ עלמאַן איז נאָך אָנגעקומען, האָט זיך זייער גערעשט מיט אים איבער גאַנץ אַמעריקע.

איר ווייסט דאָך, ווי מען מאַכט דאָס די „פּובליסיטי" דאָ אין אַמעריקע. פון די אידישע צייטונגען שמועסט מען דאָך ניט. זיי זיינען דאָך געווען די גלאַוונע מחותנים.

און דער דאָזיקער מישאַ עלמאַן מיט זיין אָנקומען דעמאָלט קיין אַמעריקע האָט אויפגעטאָן אַ סך מער, ווי בלויז דאָס וואָס ער האָט אַזוי שיין געשפּילט פאַרן אַמעריקאַנער עולם אויף זיין פידל. ער האָט געגעבן אַ נייעם גרויסן חלום צו חלומען פאַר אַ סך אידישע טאַטעס און מאַמעס אין אַמעריקע. פריער האָט מען געחלומט צו מאַכן פון זייערע זין דאָקטוירים, אָדער לאָיערס, אָדער פּראָפעסאָרן, איצטער — אויך מישאַ עלמאַנס. נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע — וואו מען איז געגאַנגען, צי אויף דער איסט־סייד, צי אין בראָנזוויל, צו אין נייעם אידישן ישוב אין האַרלעם, האָט מען געקאָנט הערן פון די טענעמענטס אַרויס אייקעלעך, סעמעלעך און טשאַרלילעך מאַטערן זיך נעבעך אויף די פידלען.

וויפיל פון די אייקלעך, סעמעלעך און טשאַרלילעך עס זיינען געוואָרן מיט דער צייט מישאַ עלמאַנס קאָנט איר אַפילו ניט אָנציילן אויף די פינגער פון איין האַנט, אָבער דערפאַר האָבן טויזנטער און טויזנטער אידישע יונגעלייט גאַנץ פיין זיך אויסגעלערנט שפּילן אויף אַ פידל; און אויב זיי מאַכן פון דעם ניט קיין פּראָפעסיע, איז זייער לעבן אָבער באַרייכערט מיט דער פאַרשטענדעניש פאַר מוזיק.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'זיינען אויך געווען טויזנטער און טויזנטער אַזוינע אייקעלעך, סעמעלעך און טשאַרלילעך, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן דם־שונאים צום פידל, וואָס שוידערן אויף, אַז מען דערמאָנט זיי אַפילו דאָס וואָרט „פידל". צוליבן פידל זיינען זיי פאַרשפּאַרט געוואָרן אין הויז און געסקריפּעט און געסקריפּעט, בשעת זייערע חברים האָבן זיך אַזוי

פריי און לוסטיק געשפּילט אויף דער גאַס. צוליבן פידל האָבן זיי אויך געכאַפּט די אמתע קלעפּ פון זייערע טאַטעס און מאַמעס און אויך אפשר פון זייערע לערער.

זיך שוין פאַררעדט. געהאַלטן פריער אין דערציילן אייך, ווי אַזוי איך האָב געזאָגט צו זיך: ר׳ זלמן, די הויזן צו פאַרזעצן אַבי גיין הערן מיט גאָלדען מישאַ עלמאַן. איך געדענק שוין ניט וויפיל איך האָב באַצאָלט פאַר צוויי בילעטן דאָרטן אויף דער גאַליאָרקע, אָבער צו יענער צייט און וועדליק מיינע פאַרדינסטן דעמאָלט איז דאָס געווען ביי אונז כמעט אָפּגעריסן פון מויל. דערפאַר אָבער, אַז דער גרויס-געבענטשטער מישאַ עלמאַן האָט נאָר אַ פּיר געטאָן מיטן סמיטשיק איבער זיין פידעלע, האָט מען שוין ניט געטראַכט פון געלט און פון אַנדערע פּשוטע זאַכן אויף דער ערד. וואָס מען האָט געטראַכט איז פון ברודערשאַפט און פון חבר־שאַפט אויף דער וועלט, פון ליבן זיך דער מענטש איינער דעם אַנדערן. ניט יעדער איינער האָט מסתמא אַזוי געטראַכט, ווי איך, בשעת ער האָט געשפּילט. זייענדיק אַ קבצן, האָט זיך געטראַכט פון אַ וועלט, וואָס ווייסט ניט פון קיין נויט, וואָס ווייסט נאָר פון ברודערשאַפט און פון חברשאַפט.

און זיצנדיק אַזוי און הערנדיק מישאַ עלמאַן, האָב איך געטראַכט צו זיך: איי, איי, וואָס וואָלט איך שוין געדאַרפט פון לעבן, ווען מיין גאָלדע זאָל מיר געבוירן אַ זון און ער זאָל זיין געבענטשט מיט אַזאַ טאַלאַנט, ווי מישאַ עלמאַן. און פאַרוואָס זאָל אַזאַ זאַך ניט זיין מעגלעך — טראַכט איך צו זיך ווידער. — איז דען מישאַ עלמאַן ניט געבוירן געוואָרן פון אַ פּשוטער מאַמען? איך טו אַ קוק אויף גאָלדען, וואָס זיצט אַזאַ פּשוטע, אַן ערלעכע, אַ ליבלעכע, און עפּעס לויפט מיר דורך אַ פאַנטאַזיע און איך דערזע זי אין מיין פאַנטאַזיע, ווי זי זיצט שפּעטער מיט יאָרן אין אַ זאַל געפּאַקט מיט מענטשן, און אויף דער בינע שטייט איר זון, און שפּילט אַזוי ווי מישאַ עלמאַן און דערהויבט דעם מענטשן מיט די שענסטע געדאַנקען און געפילן.

איך האָב שפּעטער מיט יאָרן גערעדט וועגן דעם מיט מיין באַקאַנטן פּראָפעסאָר, אַ לערער פון פּסיכאָלאָגיע אין נעשווילער אוניווערסי־טעט, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווען אַ מענטש ווינטשעוועט זיך זייער שטאַרק און קאָנצענטרירט זיך אין זיין ווינטשעווען פאַר אַ באַשטימטער

זאַך, זעט ער אַליין ניט, ווי ער שאַפט דעם באָדן און די אַטמאָספערע, אַז די ווינטשעוואַניע זאָל זיך אָננעמען. ניט שטענדיק נעמט זיך אָן, פאַרשטייט זיך, מחמת דאָס שווערע לעבן צעברעכט אָפט. אָבער אייניקע מאָל, אַז דער ווינטשעווער האָט גענוג כוח און עקשנות אין זיך, קאָן אַמאָל עפּעס אַרויסקומען. און איך האָב אין זיך געהאַט גענוג כוח און עקשנות.

צוריק פון קאָנצערט זיינען מיר ביידע געגאַנגען אַהיים צופוס, איך און מיין גאָלדע, און געהאַלטן זיך ביי די הענט, און אַריינגעקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. זי זאָגט צו מיר: „וואויל איז דער מאַמען, וואָס האָט אויסגעטראָגן אַזאַ זון." זאָג איך צו איר: „פאַרוואָס נאָר דער מאַמען? ס'איז אויך גענוג וואויל דעם טאַטן." און אָט אַזוי גייען מיר און מיר זיינען ביידע געוואַלדיק דערהויבן.

אינדערהיים, איידער מיר גייען זיך לייגן שלאָפן, קוקן מיר דערווייל איבער אונזער פאַרמעגן. אין בעט ליגט פון איין זייט אונזער עלטער טעכטערל דבורהלע, די ערשטע געבוירענע, אַ מיידעלע פון אַ יאָר זיבן, און איר שיין פּנימל בליט אין שלאָף. פון דער צווייטער זייט ליגט אונזער חנהלע, אַ מיידעלע פון אַ יאָר דריי, און איר שיין פּנימל בליט אויך אין שלאָף. גייט אונז אויס אונזער האַרץ צו זיי און ס'איז אי פריילעך, אי טרויעריק. פריילעך, וואָס מען פאַרמאָגט אַזוינע געזונטע און שיינע קינדערלעך, און טרויעריק, וואָס מען דאַרף צו זיי האָבן אַ סך פּרנסה, און פּרנסה איז גאָר דאָ זייער ווייניק. און מיר וואָלטן געקאָנט האָבן נאָך מערער קינדערלעך אין די דאָזיקע אַכט יאָר, וואָס מיר זיינען געווען פאַרהייראַט, אָבער מען איז דאָך קבצנים, ווי טאָר מען זיך פאַרגינען?

אָבער יענע נאַכט איז, ווי ס'זאָגט זיך אין חומש: וידע זלמן את גאָלדע אשתו, און זלמן האָט געוואוסט זיין פרוי גאָלדען. איך האָב איר געזאָגט יענע נאַכט:

— אַ זון וועט דאָס זיין, גאָלדע־גאָלד, און אַ גרויסער פידל־שפּילער וועט ער זיין, פּונקט ווי מישאַ עלמאַן.

לאַכט זי און כאַפּט מיך אַרום, און קושט מיך, און קושט מיך. און אָט אַזוי שפּעטער מיט אַ פיר חדשים, ווען מיר האָבן איבערגעוואַנדערט קיין נעשוויל, טענעסי, זיינען מיר געווען אַ משפּחה פון פיר נפשות, און אַ פינפט נפשל, דער זון דער פידל־שפּילער, איז שוין געלעגן אין איר טראַכט און געוואַרט אויף זיין צייט אַרויסקומען אויף דער וועלט...

דער אידישער בוים

יאָ, זיינען מיר, הייסט דאָס, געקומען קיין נעשוויל, טענעסי, און זיינען אַריינגעפאַלן כמעט ווי גאָר אין אַ נייער מדינה, מיט אַנדערע מנהגים און זיטן.

נעשוויל איז די סאַוט, די טיפע סאַוט, ווי מען זאָגט. אַ לאַנד אַזאַ, וואָס אַפילו די בית־הכסאס אויף די עפנטלעכע פּלעצער זיינען אָפּגעטיילט פאַר שוואַרצע באַזונדער און פאַר ווייסע באַזונדער. איך האָב אַזש גע־לאַכט, גלייך ווי ווען ס'קומט צו טאָן די באַדערפעניש פון דער נאַטור, טוען דאָס די ווייסע אין דער סאַוט אַ ביסעלע איידעלער און שענער.

דער אידישער ישוב אין טענעסי איז דעמאָלט געווען אַ קליינער, וואָס איז באַשטאַנען מערסטנס פון פּעדלער, וואָס האָבן זיך שוין אַרויפ־געאַרבעט און זיי האָבן געהייסן „קאַסטימער־פּעדלער״, און אַזוינע וואָס האָבן זיך נאָך ניט אַרויפגעאַרבעט און זיי זיינען נאָך דערווייל געווען פּשוטע פּעדלער. אַנדערע האָבן געהאַט קראָמען, אייניקע — גרויסע אויף די הויפּט־גאַסן, און פאַרקויפט גאַלע נייע זאַכן; און אייניקע — קליינע, און פאַרקויפט אַלטע און געניצעוועטע זאַכן. אידישע אַרבעטער, ווי שוסטערס, שניידערס, סטאָליערס זיינען געווען זייער ווייניק, אפשר קוים אַ צוויי מנינים.

ס'איז דאָ אַזאַ זאָג אין דער גמרא, צי ערגעץ אַנדערש: אָדער חברותא, אָדער מיתותא. דאָס הייסט: אָדער חברשאַפט, אָדער טויט. ס'ציט אַזוי שטאַרק צו מענטשן, און צו זייער חברשאַפט, אַז מען קאָן אַזש קראַנק ווערן. און אַז מען איז אַ איד ציט דאָס אַוודאי צו אידן, און אַז מען איז אַ איד פון דעם באַלמעלאָכע־קלאַס, ציט דאָס אַוודאי צו איינעמס גלייכן.

ס'זיינען געווען אין נעשוויל, ווי איך האָב געזאָגט, אידישע הענדלער, קרעמער, פּעדלער, מיט צוויי שולן — אַן אונגאַרישע און אַ פּוילישע, וואָס האָבן מערסטנס געפּוסטעוועט, סיידן אַ שבת מיט אַ פּאָר מנינים,

און סיידן אַ יום־טוב מיט מערער ווי אַ פּאָר מנינים. זיי האָבן אויך דאָרטן געהאַט אַ צדקה־חברה, וואָס האָט אויך קיין צופּיל ביזנעס ניט געטאָן, סיידן אַז ס׳האָט פאַרבלאָנדזשעט פון ערגעץ אין שטאָט אַן אָרעמער איד.

כ׳בין דעם ערשטן שבת געגאַנגען אין דער פּוילישער שול. געוואָלט זיך טרעפן מיט אידן. אָבער קיין סך פריידן ניט געהאַט. ס׳איז ניט געווען ניט קיין נשמה און ניט קיין האַרץ אין דאַוונען.

אַ חזן, ווי איר ווייסט, רופט מען אויך „שליח ציבור", דאָס הייסט דער שליח פון דעם קאָלעקטיוו, פון דער עדה. און אַזוי ווי אין אַ שול אין דער אַלטער היים זיינען די מערסטע פון דעם ציבור גרויסע קבצנים און דער שליח אַליין נאָך אַ גרעסערער, טוט שוין דער בעל־תפילה אַריין אין זיין דאַוונען דעם געבעט און דעם וויי, אי פון זיין אייגן לעבן, אי פון דעם לעבן פון דער עדה אידן, וואָס האָט אים געשיקט צו גאָט אַלס פאָרשטייער, אַזוי צו זאָגן.

אין דער פּוילישער שול, אין נעשוויל, זיינען די מערסטע דאַוונער געווען ברוך־השם גוט־אָפּ. דער בעל־תפילה אַליין, וואָס איז אויך געווען דער שמש און דער היברו־טיטשער, און דאַכט זיך אויך דער מוהל, האָט אויך דאַנקען און לויבן געמאַכט אַ נישקשהדיק לעבן. איז שוין אין זיין דאַוונען ניט געווען אָט יענער „טאָטש", ווי מען וואָלט געזאָגט אין ענגליש, אָדער דאָס „פּינטעלע", ווי מען זאָגט אין אידיש. ס׳איז בלויז געווען דער סקאַרבאָווער נוסח, אויסגעטאָן פון נשמהדיקייט און האַרציקייט.

מיר איז געווען זייער אומעטיק די ערשטע צייט. ביסלעכווייז אָבער האָב איך זיך געפונען פון מיין גלייכן, אידן באַלמעלאָכעס, און אויך אייניקע פּעדלערס, געוועזענע באַלמעלאָכעס, און מיט דער צייט זיינען מיר געוואָרן אַן ענג־צונויפגעבונדענע משפחה. מיר האָבן געגרינדעט אַ בראַנטש פון „אַרבעטער־רינג", און דאָס האָט אונז נאָך שטאַרקער פאַר־קניפּט. מיר פלעגן פון צייט צו צייט אַראָפּברענגען אַ סאָציאַליסטישן רעדנער און פאַרבראַכט אין יום־טוב די פּאָר טעג וואָס ער איז געווען ביי אונז.

אָבער מיר האָבן ניט געוואַרט אויף אַ גדול פון ניו־יאָרק צי פון שיקאַגאָ, ער זאָל אונז ברענגען יום־טוב. מיר אַליין, אין נעשוויל, האָבן

זיך געמאַכט כמעט אַלע זונטיק יום־טוב. ווינטער — אָדער ביי מיר אין הויז, אָדער ביי אַן אַנדערן ברודער אין הויז; זומער־לעב — אין גלענדעיל פּאַרק אונטערן אידישן בוים.

וואָס פאַר אַ מין בוים איז געווען אָט דער אידישער בוים, און פאַר־וואָס האָט מען אים אַזוי גערופן?

דערמאָנט זיך מיר דאָ זייער אַ שיינע מעשה פון אברהם רייזען, אויך וועגן אַ בוים, וועגן אַן איין־און־איינציקן בוים אין אַ אידישן שטעטל, וואוהין אין די הייסע שבת בייטאָגן פלעגן אידן זיך פאַרזאַמלען, זיך אָפּקילן אונטער זיין שאָטן. אונזער בוים אין גלענדעיל פּאַרק איז ניט געווען דער איין־און־איינציקער. געווען זייער אַ סךביימער דאָרטן, און נאָך שענערע פון אים. נאָר ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, וואָס דאָס ערשטע מאָל, ווען מיר, דער „אַרבעטער־רינג״ ברענטש פון נעשוויל, זיינען גע־קומען אין גלענדעיל פּאַרק, האָבן מיר זיך גראָד געזעצט אונטער דעם דאָזיקן בוים. דעם צווייטן זונטיק — נאָך וואָס זאָלן מיר גיין זוכן אַן אַנדער בוים, אַז דער פאַראַכטאָגיקער איז שוין אונז באַקאַנט און היימיש.

דעם דריטן זונטיק האָבן מיר שוין אַפילו ניט געטראַכט פון קיין אַנדער אָרט, גלייך געגאַנגען צו אונזער אַלטן באַקאַנטן. און אָט אַזוי אין משך פון יאָרן, איז ער געוואָרן אונזער צוזאַמענקום־פּונקט. מענטשן פון אַנדערע פעלקערשאַפטן, וואָס פלעגן אויך קומען אין די זונטיקס אין גלענ־דעיל פּאַרק, האָבן שוין געוואוסט, אַז דאָס איז דער אידישער בוים, און קיינער האָט ניט פאַרכאַפּט אונזער טעריטאָריע.

ס׳איז געווען זייער אַ גראָטענער מאַגנאָליע־בוים, מיט אַ דיקן שטאַם, מיט אַ סך געדיכט־באַוואָקסענע צווייגן, וואָס האָבן געשפּרייט אַ וואוילן שאָטן אַרום זיך אויף אַ היפּשער שטרעקע. אונטער דעם דאָזיקן בוים האָבן מיר, דער נעשווילער פּראָלעטאַריאַט, זיך געמאַכט היימיש ווי ביים טאַטן אין ווייגאָרטן. אונזערע אַמעריקאַנער־געבוירענע קינדערלעך זיינען אַרומגעלאָפן ניט ווייט איבערן גרינעם גראָז און פאַרהילכט דעם פּאַרק מיט זייערע פריילעכע קולות, און מיר, זייערע עלטערן, איבער־געפּלאַנצטע פון פאַרשיידענע אייראָפּעאישע שטעטלעך, האָבן זיך גע־טוליעט איינער צום אַנדערן אין פריינטשאַפט און אין ברודערשאַפט. ווי זאָגט זיך ערגעץ, שבת אחים גם יחד, דאָס זיצן פון ברידער צוזאַמען.

איר וואונדערט זיך מסתמא, וואָס איך, אַ שוסטער בן שוסטער, קום פון צייט צו צייט מיט אַ זאָג פון די קליינע אותיותלעך, איז האָב איך דאַכט זיך שוין ערגעץ דערמאָנט, אַז מיין טאַטע איז געווען אַ לערנער און ער האָט מיך אויך געשיקט לערנען צו גוטע מלמדים.

איז יאָ, הייסט דאָס, זיינען מיר ברידער געזעסן צוזאַמען. אויך טאַקע גענומען צוביסלעך און געטאָן רעכט צו די געשמאַקע עסנווארגן, וואָס אונזערע פרויען האָבן צוזאַמענגעבראַכט אָט אויף די דאָזיקע צו־זאַמענקומען. נאָך אַ ריי שווערע פאַרמעסטן מיט די איבעריקע פרויען, איז מיין גאָלדע אַרויס די טשעמפּיאָנקע. יעדע איינע פרוי, אין צוגרייטן עסנוואַרגן פאַר אָט די פּיקניקס אונטערן בוים, האָט אַריינגעלייגט איר גאַנצע קענטעניש און בריהשאַפט, וואָס זי האָט געירשנט פון איר מאַמען, און אויך געלערנט פון איר אייגענער דערפאַרונג. און אַז מיר האָבן זיך גענומען צו דער סעודה, האָט יעדע פרוי, מיט האַרץ־קלאַפּעניש און מיט געשפּאַנטקייט, זיך צוגעקוקט ווי אַזוי דער עולם באַאַרבעט איר „מייסטער־ווערק". איז עפּעס אַ מאכל באַזונדערס געשמאַק, לאָמיר זאָגן אַ געראָיכערטע צונג, צי אַ קאַרטאָפליע־סאַלאַד, צי אַ קוגעלע, אַזוי שטרעקן זיך אַלע הענט צו דעם און מען פאַרטיליקט דאָס אין איין מינוט, און מען לאָזט וויסן בקול רם, אַז ס'איז אדרבא ואדרבא, און מען פרעגט ווער־נאָך דאָס איז, און די גליקלעכע באַלעבאָסטע, פאַרשטייט זיך, רויטלט זיך און שיינט. מיין גאָלדע האָט זיך ניט געדאַרפט רויטלען און שיינען, ווייל זי איז שטענדיק ביי מיר אַ רויטלענדיקע און אַ שיינענדיקע.

פון אָט די דאָזיקע פּיקניקס איז ביי מיין גאָלדען נאָך ביז היינט־צו־טאָג פאַרבליבן אָט די ליידנשאַפט צוגרייטן פּאָטראַוועס, זיי ברענגען אין גרויסע טעפּ צו די אונטערנעמונגען, און צוקוקן אין גרויס נחת ווי דער עולם פּאַסמאַקעוועט זיך מיט זיי.

און ווי זאָגט זיך אין פּרק, אַז ווען אידן זיצן ביי אַ מאָלצייט און זאָגן ניט צווישן זיך קיין רייד פון תורה, איז אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געגעסן פון די שעכטונגען פון די טויטע. און מיר דאַרטן אונטערן אידישן בוים האָבן אויך געזאָגט צווישן זיך רייד פון תורה, אָבער גאָר אַן אַנדער מין תורה. די תורה פון די סאָציאַליסטישע פירער און דענקער, און די רייד פון אונזערע מאָדערנע נביאים, ווי מאָריס ראָזענפעלד,

ווינטשעווסקי און עדעלשטאַט. מיר האָבן געזונגען לידער, דעקלאַמירט פּאָעמעס און גערעדט וועגן דער גליקלעכער צייט, וואָס וועט קומען...

וואָס איז געוואָרן פון יענעם בוים, ווייס איך ניט. צי שטייט ער נאָך? צי קומט מען צו אים?

פייגעלעך און קינדערלעך

צוליב דעם דאָזיקן געדיכטן בוים, וואָס האָט מיר ניט פאַרמיטן זיין שאָטן, צוליב אָט דעם גרינעם גראָז, וואָס האָט מיר ניט געקאַרגט זיין פרישקייט און שמעקעוודיקייט, צוליב די בלויע און קלאָרע הימלען, וואָס האָבן מיר ניט געזשאַלעוועט זייער רו און פרידלעכקייט, האָב איך ליב באַקומען אַמעריקע מיט אַ גרויסער ליבשאַפט.

זאָל מען אַרויסגיין אין די זונטיקס צו די פּאַרקס אָדער צו די ים־ברעגן און זען, ווי מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקערשאַפטן זיצן זיך פריי און זאָרגלאָז אויפן גרינעם גראָז אונטער שאָטנדיקע ביימער, אָדער אין דער וואַרעמער זאַמד אין די קילנדיקע ים־ווינטלעך, וועט זיך וועלן מאַכן אַ ברכה איבער דעם לאַנד, וואָס האָט אַריינגעלאָזט אַזוי פיל געיאָגטע און געפּלאָגטע מענטשן פון פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט און גיט זיי רו און פרידלעכקייט. אַך, אַך, טראַכט איך זיך, וואָס וויל דען דער מענטש? רו, פרידלעכקייט און די פּשוטע פרייד פון לעבן.

איך האָב אַנומלטן געלייענט וואָלט וויטמאַנס לידער אין ל. מילערס איבערזעצונג, און דאָרטן אין פאַרשיידענע ערטער באַזינגט ער מיט גרויס ליבשאַפט די אַמעריקאַנער פאָלקס־מאַסן און זייערע פּשוטע פריידן, און דאָס דעמאָקראַטישע לאַנד, וואָס האָלט ברייט צעעפנט זיינע טויערן פאַר אַלע וואָגלער, געפּלאָגטע פון אָרעמקייט און אומגערעכטיקייט. ער איז מיר פאַרבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן, דער דאָזיקער וואָלט וויטמאַן. ווען איך בין אַ וואָלט וויטמאַן, וואָלט איך געמאַכט אַ דיכטונג פון דעם פּסוק אין חומש, וואו ס׳רעדט זיך, אַז זעקס טעג אַ וואָך זאָל מען אַרבעטן

און דעם זיבעטן — זאָל מען רוען. דאָס איז די ערשטע סאָציאַליסטישע געזעצגעבונג אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. זעקס טעג אַ וואָך זאָלסטו אַרבעטן, אָבער דעם זיבעטן טאָג זאָלסטו ניט טאָן קיין שום מלאכה, דו און דיין זון, און דיין טאָכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט, און דיין בהמה. פאַרוואָס משה רבינו האָט אויסגעלאָזט „דיין ווייב“, פאַרשטיי איך ניט. אפשר דערפאַר, וואָס משה האָט מורא געהאַט, אַז מיר קאָנען נאָך שטאַרבן פון הונגער אין זיבעטן טאָג. זי וואָלט געזאָגט, די ווייב, היינט דאַרף איך רוען, ווי אין דער תורה שטייט, און איך וויל זיך ניט פּאָרען ביים טשאָלנט, און ניט דערלאַנגען צום טיש, ווייל דאָס איז דאָך אויך אַרבעט. און אפשר דערפאַר האָט משה ניט אַריינגעשטעלט „דיין ווייב“, ווייל ער האָט בלויז אַ שטיקל צייט געוואוינט מיט זיין ציפּורהן, און דערנאָך זי אַוועקגעשיקט, און בכלל קיין באַזונדערע ליבשאַפט פאַר קיין ווייב מסתמא ניט געהאַט.

נו, יאָ, איז קיין קנעכט, און קיין דינסטן, און קיין בהמות, ווי איר ווייסט, האָב איך גראָד ניט. אָבער אַ ווייב און קינדער — יאָ, און נאָך וואָס פאַר אַ ווייב! אַ גאָלדענע ווייב. און נאָך וואָס פאַר אַ קינדער! בריליאַנטענע קינדער. הכלל, איך און מיין ווייב און קינדער האָבן שטאַרק געהאַלטן פון רוען דעם זיבעטן טאָג אין דער וואָך. און ווי נאָר ס'איז געקומען זונטיק, און אויב ס'איז געווען אַ שיינער טאָג, האָבן מיר זיך גלייך אָפּגעפּעקלט אין גלענדעיל פּאַרק.

אונזער אידישער בוים אין גלענדעיל פּאַרק האָט צוגעצויגן אַלע פייגעלעך פון דער גאַנצער שטאָט. ניט נאָר זיי אַליין האָבן געוואַרט אויף די ברעקלעך, נאָר אויך הונגעריקע קינדערלעך, נעגערשע און ווייסע. זיי האָבן שוין געוואַרט אויף אונז.

די קינדערלעך זיינען געווען די אָרעמסטע שבאָרעמסטע, אין צעריסענע קליידער, בלאַסינקע, אַנעמישע. פון וועלכע גאַסן זיינען זיי געקומען? זיי זיינען געקומען פון יענע גאַסן, וואו די נעגערס און דער „וואַיט טרעש“, דער „ווייסער אָפּפאַל“, האָבן געוואוינט. זיי האָבן פּונקט ווי די פייגעלעך דערשמעקט, אַז אין פּאַרק אין די זונטיקס קומען פאַר פּיקניקס, זיינען זיי געקומען קוקן ווי מען עסט אַזוי פיל גוטע זאַכן, און געהאָפט, אַז אפשר וועט מען אויך זיי עפּעס צוטיילן.

ס'שטייט מיר פאַר די אויגן אַ נעגעריש מיידעלע מיט איר ברודערל.

זי האָט געדאַרפט זיין אַ יאָר זיבן, און דאָס ברודערל אַ יאָר פיר. זי האָט אים שטענדיק געהאַלטן ביים הענטל, ניט אַרויסגעלאָזט אויף קיין מינוט. מיר האָבן כמעט יעדן זונטיק זיי געטראָפן ניט ווייט פון בוים. ביידע זיינען געזעסן אין גראָז און געקוקט צו אונז. אַז מיר האָבן זיי עפּעס דערלאַנגט, האָט דאָס ברודערל עס גלייך אויפגעגעסן. זי, דאָס מיידעלע, האָט בלויז אַ שטיקעלע פאַרזוכט און דאָס איבעריקע אַריינגעטאָן אין אַ פּאַפּירן זעקעלע און דאָס באַהאַלטן.

דאָס ברודערל אירס האָט געשמייכלט צו אונז. זיך געוואָלט לאָזן לויפן צו אונז, ווען ער האָט אונז דערזען אָנקומען, אָבער דאָס שוועסטערל האָט אים ניט געלאָזט, אַפּנים מורא געהאַט פאַר אונז.

מיין גאָלדע זאָל לעבן פלעגט אָנבאַקן אירע גוטע קיכעלעך מיטצונעמען אין פּאַרק אומיסטן פאַר אָט די קינדערלעך. אונטער אַנדערע ביימער, וואו ס׳פלעגן זיך פאַרקלייבן פּיקניקערס פון אַנדערע פעלקערשאַפטן, האָבן די אָרעמע קינדערלעך זיך אויך אַרומגעשטעלט און געוואַרט מען זאָל זיי עפּעס געבן. אָבער אונזער בוים האָט זיי מערער געצויגן, צוליב מיין גאָלדעס קיכעלעך, אַפּנים. „דזשואיש קוקיס״ האָבן זיי דאָס גערופן.

מיר האָבן מסתמא אויסגעזען אין די אויגן פון די דאָזיקע אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע ווי גרויסע מאַגנאַטן, ברענגענדיק אַזוי פיל געשמאַקע עסנוואַרג, און אונזערע קינדערלעך פיין אָנגעטאָנענע. און מיר זיינען גאָר געווען, ווי איר ווייסט, גאָרניט פון רייכערן קלאַס. באַלמעלאָכעס, ווי איך האָב אייך פריער געזאָגט.

אָט די דאָזיקע פאַרשמאַכטע קינדערלעך האָבן אונז אָפּטמאָל ניט געלאָזט האָבן די פולע הנאה פון אונזער זיצן אונטערן בוים. די איינציקע זאַך, וואָס מיר האָבן געקאָנט טאָן צו פאַרשטילן אַביסל אונזער געוויסן, איז צו ברענגען מערער עסנוואַרג, ס׳זאָל זיין גענוג אויך פאַר די דאָזיקע קינדערלעך.

אונזערע אייגענע קינדערלעך, וועמען מיר האָבן געלערנט גיין אין אונזערע וועגן, האָבן זיך ניט געגרויסט קעגן זיי. פאַרקערט, זיי אַריינגענומען אין קאָן, און מען האָט זיך אַלע צוזאַמען געשפּילט.

מיר, די דערוואַקסענע, יונגע טאַטעס און מאַמעס, האָבן זיך אויך אָפט געשפּילט, פונקט ווי די קינדער, זיך פאַרוועט אין לויפענישן איבערן

גרינעם גראָז, ס׳הייסט ווער וועמען וועט אַריבעריאָגן. אין די דאָזיקע געוועטן האָב איך זיך כמעט שטענדיק אויסגעצייכנט אַלס דער פאַרלירער, און מיין גאָלדע האָט גע־לאַ־אַ־כט...

מיר האָבן זיך אויך געבאָרעט, דאָס הייסט געראַנגלט, ווער וועמען וועט דאָס צעלייגן, און אויך אין דעם דאָזיקן ספּאָרט האָב איך זיך שטענדיק אויסגעצייכנט אַלס דער פאַרלירער. איידער נאָך דער קעגנער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מיר, האָב איך זיך גלייך צעלייגט, און מיין גאָלדע האָט ווידער גע־לאַ־אַ־כט.

אַז ס׳איז געקומען דער אָסיען, דער האַרבסט, מיט די רעגנס, ווינטן און רויע וועטערן, זיינען מיר, פאַרשטייט זיך, מערער ניט געגאַנגען אין פּאַרק אַריין, נאָר זיך צונויפגעקליבן אין די זונטיקס דאָ ביי דעם אין הויז, דאָ ביי יענעם אין הויז, און דער אידישער בוים איז דאָרטן אין פּאַרק נעבעך געבליבן אַ פאַרלאָזענער. אויך די פייגעלעך און די אָרעמע קינדערלעך זיינען נעבעך געבליבן פאַרלאָזענע. מילא די פייגעלעך האָבן פליגל און זיינען זיך אַוועקגעפלויגן אין די וואַרעמע לענדער. דאָרטן אין די וואַרעמע לענדער האָבן די פייגעלעך זיכער געחלומט וועגן גלענדעיל פּאַרק אין נעשוויל, וועגן אידישן בוים און וועגן די אידן פון „אַרבעטער־רינג", וואָס זיינען געקומען אַלע זונטיק מיט עסנוואַרג. די קינדערלעך האָבן דאָך קיין פליגל ניט, און זיי זיינען אין די וואַרעמע לענדער ניט אַוועקגעפלויגן, אָבער חלומען האָבן זיי זיכער אויך געחלומט אין די רעגנדיקע און קאַלטע וועטערן וועגן גלענ־דעיל פּאַרק אום זומער, און וועגן „אידישן בוים", און וועגן מיין גאָלדעס געשמאַקע קיכעלעך, און וועגן דער פריילעכקייט דאָרטן...

באָרים טאָמאַשעווסקים מענעדזשער

איר געדענקט דאָך מסתמא דעם דאָרפס־אידן אין דער אַמאָליקער אַלטער היים, וואָס האָט רק געבענקט אין שטאָט אַריין. מיר, די אידן אין נעשוויל, האָבן אויך רק געבענקט אין שטאָט אַריין. און די שטאָט ביי אַ סך פון אונז איז געווען ניו־יאָרק, און ביי נאָך אַ סך איז דאָס געווען שיקאַגאָ.

די נשמה יתירה ביים דאָרפס־אידן אין דער אַלטער היים האָט גע־בענקט אין שטאָט אַריין צוליב דער שול דאָרטן. די נשמה יתירה פון אַ סך נעשווילער אידן האָט געבענקט אין שטאָט אַריין צוליבן אידישן טעאַטער דאָרטן. כ׳געדענק עטלעכע אידן אין נעשוויל, וואָס זיינען זיך דורכגעפאָרן אַ פּאָר מאָל קיין ניו־יאָרק אָדער שיקאַגאָ, כלומרשט צוליב געשעפט, אָבער אין אמתן כדי אַריינצוכאַפּן אַביסל אידיש טעאַטער. שאַ, וואָס דאַרפט איר מערער, איך אַליין ווען איך פלעג פאָרן קיין שיקאַגאָ צו קויפן אַ טראַנספּאָרט אַלטע שיך, בין איך אָנשטאָט דריי טעג פאַרבליבן דאָרט אַ גאַנצע וואָך, און אַלע נאַכט געגאַנגען אין אידישן טעאַטער.

ביים אידישן בוים האָבן מיר אַ סך גערעדט פון אידישן טעאַטער. יעדער איינער פון אונז האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט זיין אָפּגאָט, זיין באַליבטן אַקטיאָר, און מיר זיינען ניט מיד געוואָרן זיך דערציילן זייערע מעלות. ס׳זיינען געווען אייניקע צווישן אונז, וואָס האָבן גוט געדענקט לידלעך פון געוויסע אָפּערעטעס, אויך גאַנצע מאָנאָלאָגן פון געוויסע מעלאָדראַמעס, און זיי האָבן דאָס איבערגעשפּילט פאַר אונז. ס׳האָט שוין אויך געהאַלטן דערביי, אַז מיר אַליין האָבן שיער־שיער ניט געשפּילט טעאַטער. מיר האָבן געזאָלט אויפפירן יעקב גאָרדינס אַן איינאַקטער, „דער בעל־חוב״. שוין אַפילו געהאַט עטלעכע רעפּעטיציעס, אָבער ס׳איז גאָרניט געוואָרן.

איז שטעלט זיך פאָר, ווי די אידישע נעשוויל איז אויפגעלעבט גע־וואָרן, ווען מיר האָבן זיך פלוצלונג דערוואוסט, אַז אינגיכן קומט אַראָפּ

אַן אַקטיאָרן־טרופּע צו אונז, און מיט ניט קיין אַנדערן אין דער שפּיץ, ווי מיט דעם גרויסן באָריס טאָמאַשעווסקי!

די ידיעה האָט אונז געבראַכט טאָקע באָריס טאָמאַשעווסקיס מע־נעדזשער אַליין. ער האָט זיך באַוויזן אין נעשוויל אין שיינעם טאָג, אין אַ צילינדער־הוט, אין אַ פראַק, מיט לאַקירטע שיך, אין ווייסע הענטשקעס, און אַ ווייס בלימל אין לאַץ. דעם ערשטן באַזוך האָט ער געמאַכט אין כשרן רעסטאָראַן. אייגנטלעך איז דאָס געווען ניט אינגאַנצן קיין רעסטאָראַן, נאָר אויך אַ דעליקאַטעסן־סטאָר, און אויך אַ שטיקל בעקעריי. דאָס גאַנצע אידישקייט האָט מען דאָרטן געקאָנט קריגן. פון אַ שטיקעלע כשרע סאַלאַמי מיט פּאָמפּערניקל ברויט, ביז אַפילו אום חנוכה אַ דריידל און אום פּורים אַ גראַגער.

דער באַלעבאָס פון כשרן רעסטאָראַן האָט אָפּגעשיקט דעם גע־הויבענעם גאַסט צו מיר אין שוסטעריי. פאַרוואָס גראָד צו מיר? וואוהין דען וועט ער אים אָפּשיקן, צום רב? אָדער צו אַ רייכן קרעמער? דער באַלעבאָס פון כשרן רעסטאָראַן איז, ווייזט אויס, געווען אַ קלוגער איד, האָט ער געוואוסט, אַז די רעליגיעזע און די פאַרביזנעוועטע אידן, כאָטש זיי כאַפּן זיך אויך אַריין פון צייט צו צייט אין אידישן טעאַטער, וועלן זיי זיך אָבער ניט קווילען די קאַפּאָטע צוליב דעם. מיר אָבער, די וואָס אין „אַרבעטער־רינג" און די וואָס פלעגן קומען אין די זונטיקס צום אידישן בוים, האָט מען שוין געוואוסט אין שטאָט, אַז פאַרן אידישן טעאַטער וועלן מיר טאָן אייניקס.

האָב איך, פאַרשטייט זיך, אויפגענומען באָריס טאָמאַשעווסקיס מע־נעדזשער מיט גרויס כבוד, און ער האָט מיר דערציילט, אַז באָריס טאָמאַשעווסקי מיט אַ גרויסער טרופּע וויל קומען צו אונז און וועט שפּילן „דער ווילדער מענטש" פון יעקב גאָרדין, און אים האָט ער אַרויסגעשיקט אַפריער, ער זאָל דינגען אַ זאַל מיט אַ בינע, אויסקלעפּן אַפישן און צוגרייטן אַלץ מיט אַנאַנדער.

דער דאָזיקער מענעדזשער — זאַנענטאַל, האָט ער געזאָגט, הייסט ער — איז געווען פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס רופן ביי אייך אַרויס דרך־ארץ צו זיך פון דער ערשטער מינוט אָן. קודם כל זיין בכבודיקער צילינדער מיט די ווייסע הענטשקעס, און אויך די ווייסע בלום אין זיין לאַץ. אַ חוץ דעם זיין פאַרבויגן זיך פאַר אייך. עפּעס האָט ער דאָס

געטאָן מיט אַזאַ מין זשעסט, ווי איר וואָלט געווען זייער אַ געהויבענע פּערזאָן. גאָלדען האָט ער אַ קוש געטאָן אין דער האַנט ווען ער האָט זיך מיט איר געגריסט. זי האָט זיך געוואַלדיק צערויטלט פון דעם, און זיך אויך שטאַרק צעלאַכט. ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן, וואָס אַ פרעמדער מאַנספּאַרשוין האָט איר אַ קוש געטאָן אין דער האַנט. אייגנט־לעך גערעדט, האָט איר אייגענער מאַנספּאַרשוין, דאָס הייסט איר מאַן אַליין, זי אויך קיינמאָל ניט אַ קוש געטאָן אין דער האַנט. אויך האָט דער דאַזיקער זאַנענטאַל פאַרמאָגט אַ פּאָר פיינע שוואַרצע וואַרעמע אויגן. בכלל געווען אַ וואַרעמער מענטש. גלייך אייך גערופן „פריינט מיינער״, אייך געלאַשטשעט מיט זיין פיינער געדיכטער שטימע. ער איז געווען גראָד אַ פעטער מענטש, אַ היפּשער און אַ פעטער, אָבער פון די פעטע און היפּשע מענטשן, וואָס זיינען גוטמוטיקע פאַרשוינען.

אַן אַפּעטיט האָט ער געהאַט, אַזש אים מקנא צו זיין. וואָס מען האָט אים דערלאַנגט — האָט ער פאַרצערט ביזן לעצטן, און געגעסן מיט אַזאַ הנאה, ווי מען וואָלט אים געקיצלט. און מיין גאָלדע האָט ליב אַזאַ מין עסן. זי האָט בכלל ליב אַ מענטשן מיט אַ גוטן אַפּעטיט. ווען זי דער־לאַנגט עמיצן, און מען לאָזט איבער אין טעלער, פילט זי זיך אומעטיק. אָבער דער דאַזיקער זאַנענטאַל האָט זי שוין ניט געמאַכט פילן אומעטיק.

די פאָרשטעלונג האָט ער אַנאַנסירט אויף שבת אָוונט, אין אַ גרויסן זאַל מיט אַ שיינער בינע — אַ זאַל, וואָס האָט געקאָנט אַריינגעמען אפשר אַכט הונדערט מענטשן. באָריס טאָמאַשעווסקי האָט פון ניו־יאָרק געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע צו דעם זאַנענטאַל, אַז ער וועט קומען מיט זיין טרופּע פרייטיק פאַרנאַכט, מיט דער און דער באַן. פאַרשטייט זיך, אַז דער מענעדזשער האָט אים געדאַרפט אַרויסשיקן פריער אויף הוצאות, און דאָס האָט זיך געווענדעט פון דעם פאַרקויף פון בילעטן אין פאַראויס. מיר האָבן צוגעשטעלט צווישן זיך אַ קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער נעשוויל פאַרקויפן בילעטן. אַ דאָלער אַ בילעט האָט געקאָסט. און ס׳איז גאָרניט אָנגעקומען שווער. אידן זיינען שוין געווען שטאַרק אויסגעהונגערט נאָך אַביסל אידיש טעאַטער.

אַרום דאָנערשטיק האָבן מיר שוין פאַרשפּרייט אַן ערך פיר הונדערט בילעטן. זאַנענטאַל איז געווען זייער גליקלעך. באַזונדערס, ווען מיר האָבן אים נאָך פאַרזיכערט, אַז שבת וועט מען ערשט ביי דער קאַסע פאַרקויפן

אַ סך בילעטן, ווייל ס׳זיינען דאָ אַ סך אַזוינע, וואָס האָבן עפּעס ניט ליב צו קויפן אַפּריער, זיי — דערלאַנגט די סחורה גלייך אויפן טיש. אָבער זאַנענטאַל האָט שוין סיי־ווי־סיי געהאַט גענוג געלט ביי זיך אַרויסצושיקן טאָמאַשעווסקין טעלעגראַפיש אויף הוצאות פאַר זיך מיט זיין טרופּע. איז אָפּעסנדיק אַ פיינעם מאָלצייט ביי מיר אין הויז, האָט זיך טאַקע זאַנענטאַל אַוועקגעלאָזט צום פּאָסט־אָפיס אַרויסשיקן טעלעגראַפיש טאָמאַשעווסקין געלט אויף הוצאות...

און... איר שטויסט זיך שוין מסתמא אָן אַליין...

מיר האָבן דערנאָכדעם אומיסטן אָנגעפרעגט ביי טאָמאַשעווסקין דורך אַ בריוו, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ מענעדזשער, וואָס זיין נאָמען איז זאַנענטאַל, און ער האָט קיינעם בכלל ניט אַרויסגעשיקט פאַראויס קיין נעשוויל אַלס זיין פאַרטרעטער, און אַז מיר זיינען פּשוט געווען קרבנות פון אַ שווינדלער.

נו, מילא, האָט מען אידן אָפּגענאַרט דאָרטן צו דאָלער אָדער צו צוויי. אָבער מיך האָט דאָס אָפּגעקאָסט אַ סך מערער. איך רעכן ניט די פילע מאָלצייטן, וואָס יענער האָט ביי אונז געגעסן. איך האָב נאָך געדאַרפט דערצאָלן פון מיין אייגענער קעשענע דעם דרוקער און אויך פאַרן זאַל, מחמת איך האָב גאַראַנטירט פאַר אים.

— ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, — פאַרענדיקט מיר זלמן דער שוסטער די דאָזיקע מעשה מיט אַ קלוגן טרויעריקן שמייכל, — הלוואי וואָלטן מיר איצטער געהאַט אַזוינע שווינדלער. מחמת ווען יאָווען זיך שווינדלער און נאָכמאַכער? — ווען אַ געוויסע סחורה איז קוראַנט, דאָס הייסט, אַז זי האָט אין אָנגיין ביים עולם. איצטער לוינט זיך אַפילו ניט פאַר קיין שווינדלער דער עסק...

מאַגולעסקאָ און מאָטקע שער

פון שלעכטס איז גאָר אַרויסגעקומען אַ גוטס. צוליבן שווינדלער איז שוין איצטער געגאַנגען אין לעבן מען זאָל ביי אונז אין נעשוויל שפילן אידיש טעאַטער.

און דאָ מוז איך אייך פאָרשטעלן איינעם, אַ שניידער, אַ מיטגליד פון אונזער „אַרבעטער־רינג״, מאָטקע שער. אינדערהיים האָט מען אים גערופן שערקאָווסקי, האָט ער זיך אין אַמעריקע אָפּגעשוירן דעם „קאָווסקי״ און ס׳איז געבליבן „שער״. געווען איז ער דווקא אַ קליינינקער, אַ מאָגערער, אָבער אַ שטימע האָט ער געהאַט, ווי פון עפּעס אַ ריז. אַ שטאַרקע באַס־שטימע. געווען אַמאָל אַ כאָריסט אין אידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, אָבער אַזוי ווי פון דעם האָט ער קיין לעבן ניט געמאַכט, און אַזוי ווי זיין ווייב האָט געהאַט אַ פעטער אין נעשוויל, און אַזוי ווי דער פעטער האָט מסתמא געשריבן, אַז אַ פונט שניידער אין דער סאַוט איז אַ פונט גאָלד, איז ער מגולגל געוואָרן אַהער. ער איז אין ניו־יאָרק געווען זיגמונד מאָגולעסקאָס אַ פאַרברענטער פּאַטריאָט, און דאָ אין נעשוויל האָט ער גאָרניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך אים, און איבער־דערציילן זיינע מעלות און נאָכזאָגן זיינע שטיקלעך. איז אַז מיר האָבן אָנגעהייבן צו רעדן ביים אידישן בוים וועגן אַראָפּברענגען אַ אידישע טרופּע קיין נעשוויל, האָט ער זיך אונטערגענומען אויסצולייגן גאַנצע פופציק דאָלער, נאָר מיטן תנאי, אַז ס׳זאָל זיין מאָגולעסקאָס טרופּע.

הכלל, נעשוויל האָט זיך דערלעבט. ס׳איז אַראָפּגעקומען מאָגולעסקאָ מיט אַ טרופּע. דער דאַרינקער מאָטקע שער, דער שניידער, איז גאָר געוואָרן אַן אַנדערער מענטש, די שכינה האָט אויף אים גערוט. די גאַנצע צייט, וואָס די טרופּע איז אָפּגעווען ביי אונז אין שטאָט, האָט דער דאָזיקער מאָטקע זיך ניט צוגערירט צו דער נאָדל. ער האָט אינגאַנצן פאַרלאָזן זיין שניידער־וואַרשטאַט און איבערגעלעגן אין האָטעל, וואו מאָגולעסקאָ איז איינגעשטאַנען. ווען ער קאָן אים אויסלייגן קאַרפּעטס אונטער זיינע טריט, אַז מאָגולעסקאָ זאָל ניט שפּאַנען אויף דער פּשוטער ערד, וואָלט

ער דאָס געטאָן. ער איז געוואָרן זיין משרת, זיין שמש, זיין שומר. האָט זיך מאַגולעסקאָ צוגעלייגט בייטאָג כאַפּן אַ דרימל, איז ער געשטאַנען אין קאָרידאָר ביי דער פאַרמאַכטער טיר, ווי אַ סאָלדאַט אויף דער וואַך, וואָס היט דעם קייסער. האָט מאַגולעסקאָ געוואָלט עסן, האָט ער אים געבראַכט צו טראָגן פון אידישן רעסטאָראַן, וואָס איז געווען עטלעכע בלאָק אַוועק, אַ טאַץ מיט די בעסטע זאַכן. האָט מאַגולעסקאָ זיך גע־וואָלט דורכגיין אַביסל, איז ער אים נאָכגעגאַנגען הינטן, ווי אַ שומר.

דעם עולם אין נעשוויל איז אויסגעגאַנגען דאָס חיות צו זען מאַגולעסקאָן אַלס למך אין דער פּיעסע „דאָס אידישע האַרץ". אַ זאָגעלע האָט ער געהאַט אין דער דאָזיקער פּיעסע, אַז מען האָט געפּלאַצט פון געלעכטער. דאָס זאָגעלע איז געווען: „אוי, שלעכט!" אַ סך אידן פון נעשוויל, וואָס זיינען געווען אַריבערגעקומענע פון ניו־יאָרק צי פון שיקאַגאָ, האָבן די דאָזיקע פּיעסע ניט איינמאָל געזען, און טאַקע דעריבער איז מען געלאָפן נאָך אַמאָל זי זען און זיך אָנגעגרייט מיט זייטן אויף צו קאַטשען זיך פון געלעכטער...

ס'איז געווען אַ פּשוטער דאַנערשטיק פּאַרנאַכט, אָבער אַרום טעאַטער האָט זיך אויסגעוויזן ווי אַ יום־טוב. אויסגעפּוצטע מענער מיט זייערע ווייבער און קינדער האָבן זיך געצויגן פון אַלע זייטן, אויסגעוואַשענע, אויסגעקעמטע, מיט שיינענדיקע פּנימער, אַז ס'איז געווען אַ מחיה אויף זיי צו קוקן.

אָבער ווער ס'האָט ניט געזען מאַטקע שער, ווי ער איז געשטאַנען לעבן טעאַטער און געקוקט מיט אויגן פון גרויס גליק אויף דעם עולם, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטראָמען, דער האָט ניט געזען דעם אמתן אידישן טעאַטער־פּאַטריאָט...

דער אידישער פּאָליסמאַן פון נעשוויל, בערל לוקאַטש, איז דאָרטן אויך געווען. געקומען כלומרשט האַלטן אָרדענונג, אָבער מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז ער האָט געחלשט צו זען מאַגולעסקאָן שפּילן למך.

הכלל, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט, און איידער ס'האָט זיך אויפגעהויבן דער פּאָרהאַנג איז געווען אַ מחיה פריילעך. ווען איך בין געגאַנגען אין אידישן טעאַטער, האָב איך אויך ליב געהאַט די צווישנצייט, אַזוי צו זאָגן, דעמאָלט ווען דער פּאָרהאַנג איז נאָך פאַרמאַכט און דער עולם שמועסט צווישן זיך הויך אויף אַ קול,

און מען כאַפּט דערווייל איבער דאָס האַרץ מיט עפּעס אַ נאַשעריי, וואָס מען האָט מיטגענומען פון דערהיים.

יאָ, זיצט אַזוי דער עולם אין ליכטיקן טעאַטער, קנאַקט ניסלעך, כראָמטשעט עפּל און באַרן, שיילט באַנאַנעס און מען פאַרברענגט זיך זייער היימיש, פונקט ווי אין ניו־יאָרק אין „טאַליע"־טעאַטער. אָבער אָט לעשן זיך אויס די ליכט און ס'ווערט שטאַרק פינצטער, און די שפּיל הייבט זיך אָן. און אָט יאַוועט זיך אַריין למך, דאָס הייסט מאָגו־לעסקאָ דאַרף איך אייך שוין ניט דערציילן, וואָס פאַר אַ פּאַטשעריי ס'איז געוואָרן. מיין מאָטקע, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, פּאַטשט שטאַרקער פון אַלעמען. ביי אים איז דאָס אויסגעקומען, ווי מען קלאַפּט איין ברעט אין דער צווייטער, אַזוי הילכיק האָט דאָס אָפּגעקלונגען. אַזוי פּאַטשן, האָט ער מיר געזאָגט, האָט ער זיך אויסגעלערנט נאָך אין ניו־יאָרק צווישן די טעאַטער־פּאַטריאָטן. אָבער ער האָט זיך גאָרניט געכאַפּט, דער מאָטקע, אַז מיט זיין „גאָט" האָט געטראָפן ניט קיין פריילעכע זאַך. נאָך אין ניו־יאָרק, ווען איך בין געזעסן ביי מאָגולעסקאָס אַ פאָרשטעלונג, האָט זיך ניט איינמאָל געטראָפן, ווי ער איז מיטאַמאָל הייזעריק געוואָרן, אָבער ס'האָט ניט גענומען קיין מינוט און זיין קול איז געוואָרן צוריק קלאָר. איצטער איז זיין קול אינגאַנצן געווען פאַרשטאָפּט.

דער עולם האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום אומגעדולד צו אים, נאָר גאָר געלאַכט מיט גרויס הנאה, אַקוראַט ווי מאָגולעסקאָ איז גאָרניט הייזעריק, און ער מיט זיין גוט שפּילן מאַכט זיי אַזוי פריילעך לאַכן. דעם ערשטן לאַך האָט געטאָן מיין מאָטקע שער, און דאָס איז געווען עפּעס ווי אַ סיגנאַל צו די איבעריקע געשוואוירענע פּאַטריאָטן, און אַלע האָבן גלייך געכאַפּט דעם מיין און אויך אָנגעהייבן פריילעך צו לאַכן. אַלע אַכט הונדערט מענטשן, ניט צונויפגערעדט זיך, האָבן זיך פאַראייניקט מיט איין ציל, ניט געבן צו פילן מאָגולעסקאָן, אַז זיי באַמערקן ווי ער איז הייזעריק, אַז גאָר פאַרקערט, זיין קול איז אַזוי גוט פונקט ווי שטענדיק, און ער מאַכט זיי פריילעך לאַכן פונקט ווי שטענדיק.

מאָגולעסקאָ, האָב איך געפילט, איז ניט געווען אַזאַ נאַר, ניט צו פאַר־שטיין, אַז דער עולם, צוליב זיין גרויסער פאַרערונג צו אים, מאַכט זיך ווי ער באַמערקט ניט זיין הייזעריקייט. אָבער גראָד דאָס, אַפּנים, האָט אים זייער גערירט און אים געשטאַרקט, און אין אים אַרויסגערופן גרויסע

כוחות איבערצוקומען די הייזעריקייט. און אַט אַזוי צו־ביסלעכווייז, צו־ביסלעכווייז, איז זיין שטימע געוואָרן קלאָרער און קלאָרער, און וואָס קלאָרער זיין שטימע איז געוואָרן אַלץ גרעסער איז געוואַקסן די פרייד פון עולם און מען האָט אים אַפּלאָדירט יעדע מינוט.

און לאָמיך אייך זאָגן, איך האָב דאָך שוין געזען מאָגולעסקאָן ניט איין מאָל גוט שפּילן, נאָר אַזוי גוט ווי ער האָט געשפּילט יענעם אָוונט, איז גאָרניט צו באַשרייבן. אַ סך מאָל, דאָרטן וואו ער האָט ניט געקאָנט אויפטאָן מיט זיין קול, וואָס איז פון צייט צו צייט אַריינגעפאַלן צוריק אין אַ הייזעריקייט, האָט ער דערטאָן מיט זיינע אויגן, מיט זיין שמייכל, מיט זיינע הענט, מיט זיינע פּלייצעס, און דעם עולם האָט באמת ווי געטאָן די זייטן פון געלעכטער.

אונער מאָטקע שער האָט אַזוי געלאַכט, אַז איך האָב זיך ממש געוואונדערט, ווי אַזוי קאָנען דאָס זיינע קישקעס אויסהאַלטן. דאָס האָט ער געלאַכט ניט אַזוי צוליב זיין אייגענער הנאה וועגן, נאָר ווי עפּעס אַ „טשיר־לידער״, אַ מוט־געבער, אַזוי צו זאָגן...

ביים סוף האָט מען דעם פאָרהאַנג געמוזט ציען אפשר אַ צענדליק מאָל. מען האָט אים גאָרניט געוואָלט אָפּלאָזן, און יעדעס מאָל, ווען ער איז אַרויס זיך פאַרנייגן, האָט ער אַ זאָג געטאָן זיין באַרימטן זאָג: „אוי, שלעכט!״, און דער עולם האָט געשריגן בראַוואָ, אַזש ס׳האָט גע־הויבן די סטעליע. און גראַד מאָטקע שער, אפשר דער איינציקער צווישן עולם, האָט קיין בראַוואָ ניט געשריען. ער האָט פּשוט ניט געקאָנט שרייען. איר וועט לאַכן, ווען איך וועל אייך דערציילן, אַז מאָטקע איז יענע נאַכט הייזעריק געוואָרן, פּונקט אַזוי ווי זיין „גאָט״ מאָגולעסקאָ. טאַקע אמת הייזעריק געוואָרן און ס׳האָט ביי אים אָנגעהאַלטן אַ שיינע פּאָר טעג...

— נו, יאָ, — פאַרענדיקט זלמן דער שוסטער זיין מעשה, — הרי אני כבן שמונים, איך בין דאָך באַלד שוין אַן אַכציקער, און פונדעסטוועגן, זאָל זיך איצט יאָווען אַזאַ מאָגולעסקאָ, וואָלט איך געגאַנגען אַפילו צו־פוס מיילן און מיילן אָבי אים צו הערן... איך וועל אייך אָבער זאָגן נאָך עפּעס: גיט מיר איצט אַפילו אַ קלענערן ווי מאָגולעסקאָ, גיט מיר בכלל אידישן טעאַטער...

דער אידישער פּאָליסמאַן אין נעשוויל

און צו דערציילן אייך וועגן טשיקאַווע אידישע פּאַרשוינען אין נעשוויל וועל איך אָנהייבן מיט בערל לוקאַטש, דעם פּאָליסמאַן.

רויטע האָר האָט ער געהאַט, דער דאָזיקער בערל לוקאַטש, און צוויי פּאָדערשטע ציין זיינען ביי אים געווען אויסגעזעצט. ער איז גראָד ניט געווען קיין צו־הויכער, נאָר פאַרמאָגט זייער אַ געפּאַקטן קערפּער, פול אָנגעדאָפּטשעט מיט גבורה.

אַריינגענומען זיך אין קאָפּ צו ווערן אַ פּאָליסמאַן האָט ער גלייך אין די ערשטע יאָרן אין ניו־יאָרק, בשעת ער איז געווען אַ פּעדלער, און ווי יעדער פּעדלער, האָט ער פיינט געהאַט אַ פּאָליסמאַן בתכלית השנאה.

— וואָס ווייסט איר, ר׳ זלמן, ווי אַזוי דער פּאָליסמאַן אין ניו־יאָרק דערגייט די אידישע פּעדלערס די יאָרן! אַזוי ווען ס׳לייזט זיך ניט, טוט דער פּאָליסמאַן גאָרניט, נאָר טאָמער באַמערקט ער אַז ס׳הייבט זיך אָן עפּעס צו לייזן, אַזוי גלייך יאָוועט ער זיך מיט רציחה און טרייבט דיך אַוועק. און אַוועקטרייבן איז נאָך צו דערליידן, נעמט מען דעם פּוש־קאַרט און מען פירט אים אַוועק אין אַן אַנדער ווינקל, און אַז דער גזלן גייט אַריין אין סאַלון אַרייך, אָדער דער רוח ווייסט וואוהין, שטעלט מען זיך ווידער אויפן פריערדיקן פּלאַץ. דער אמתער אומגליק קומט, ווען ער אַרעסטירט אייך מיטן פּושקאַרט און פירט אייך אַוועק אין פּאָליס סטיישאָן, און מען וואַלגערט זיך אָפּ דאָרטן אַ גאַנצן טאָג, און ערשט דערנאָכדעם באַשטראָפט דיך דער ריכטער מיט צוויי דאָלער, אָדער אַמאָל מערער. און דאָ דערוויל ווערט די סחורה, אויב ס׳איז פרישע פּרוכט, איבערגעפירט.

אים, האָט ער מיר דערציילט, זיינען די פּאָליסלייט אין ניו־יאָרק דערגאַנגען די יאָרן מערער פון אַלעמען. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געגעבן אין דער האַנט אַריין, און וואָס ער פלעגט זיך שטענדיק קריגן מיט זיי. ער איז אַ מענטש, וואָס האָט פיינט עוולות. באַזונדערס האָט אים געטאָן אין טויט אַריין איינער אַ פּאָליסמאַן סאָליוועז, די אידישע פּעדלער האָבן אים גערופן „דער רויטער גזלן” — ער האָט

געהאַט רויטע האָר און רויטע וואָנצעס. דער דאָזיקער סאָליוועז האָט אים איינמאָל געוואָלט דערלאַנגען מיטן קלאַב, האָט ער אָנגעכאַפּט דעם קלאַב מיט ביידע הענט און בשום אופן זיך ניט געלאָזט דערלאַנגען. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אים אַרעסטירט און אָנגעקלאָגט אין שטעלן זיך קעגן דער מאַכט, און דער ריכטער האָט אים אַריינגעזעצט אויף פינף טעג אין לודלאָו סטריט דזשעיל. און דאָרטן אין לודלאָו סטריט דזשעיל האָט ער זיך אַריינגענומען דעם געדאַנק אין קאָפּ אַריין, אַז ער מוז ווערן אַ פּאָליסמאַן אין אַמעריקע, זאָל ער אַפילו דאַרפן טאָן וועד ווייסט וואָס.

— עפּעס, ווי עס כאַפּט זיך אַריין אין אַ מענטשן אַ דיבוק, — האָט ער מיר דערציילט, — ס'האָט מיך ניט געלאָזט רוען. אַלע זאַכן וואָס איך האָב פון דעמאָלט געטאָן, איז נאָר געווען מיט דער כוונה צו ווערן אַ פּאָליסמאַן. איך האָב אָנגעהייבן צו גיין אין „דזשים", און איך בין שוין דעמאָלט געווען אַ טאַטע פון צוויי קינדערלעך. און דאָרטן אין „דזשים" צוזאַמען מיט די באַיטשיקלעך פון דער איסט־סייד זיך געהויבן אויף די אייזערנע רינגען, געקלאַפּט „פּאַנטשינג־בעגס", געלאָפן שטונדן און שטונדן אויבן אויפן דאַך, אַרום און אַרום דעם וואַסער־קעסל... מילא, מיין הייך איז געווען צו דערליידן, פינף פוס מיט צען אינטשעס, אָבער געוואויגן האָב איך זייער ווייניק, אַרום אַ הונדערט און פופציק פונט אינגאַנצן. פּלייצעס האָב איך גראָד געהאַט ברייטע, די ברוסט אויך ניט שלעכט. האָט מיין פרוי מיך אָנגעהייבן צו פּילנעווען מיט אַלע גוטע זאַכן, און איך האָב אָנגעהייבן אַרויפצונעמען אַלץ מערער און מערער וואָג. שווימען האָב איך ניט געקאָנט, האָב איך זיך אויסגעלערנט שווימען אין קוני איילאַנד — אַלץ כדי צו אַנטוויקלען מיינע מוסקולן.

און פאַרגעסט ניט, אַז ער איז דעמאָלט אַלט געווען בלויז אַרום אַ פינף־און־צוואַנציק יאָר, אַזוי אַז ער האָט זיך נאָך געקאָנט פאַרריכטן. ער האָט אויפגעגעבן די פּעדלעריי און האָט זיך פאַרדונגען אין אַ סקלאַד פון האָלץ, און דאָרטן האָט ער מיט שמחה געטראָגן די שווערסטע קלעצער. וואָס טוט ניט אַ איד צוליב ווערן אַ פּאָליסמאַן? איז אָבער די מעשה, וואָס נאָך אַ פּאָר יאָר, ווען ער האָט שוין דערגרייכט די נויטיקע וואָג, און שוין דערגרייכט שטאַרקע מוסקולן, האָט מען אים ערשט ניט געוואָלט צונעמען פאַר אַ פּאָליסמאַן. מען האָט געדאַרפט האָבן „פּול" — פּראָטעקציע, הייסט עס, אָדער „זכות אָבות".

— דאַרף זיך אָבער מאַכן, — דערציילט ער מיר, — אַז איך האָב אין נעשוויל אַ רייכן אָנקל, וואָס האָט אַ גרויס מעבל־געשעפט, און ער קומט קיין ניו־יאָרק און שלאָגט מיר פאָר זיך באַזעצן אין נעשוויל און ער וועט מיך אַריינבעמען אין זיין מעבל־געשעפט. ניין, ענטפער איך, איך וויל ניט אַרבעטן אין קיין מעבל־געשעפט, איך וויל ווערן אַ פּאָליס־מאַן. זאָגט מיר דער אָנקל: „גוט, קום קיין נעשוויל, וועל איך דיך מאַכן פאַר אַ פּאָליסמאַן.״

און דער אָנקל זיינער האָט געוואוסט, וואָס ער האָט געזאָגט. ער איז געווען איינער פון די מאַכערס אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין נעשוויל, וואָס האָט צו די וואַלן דערלאַנגט דעם אידישן „וואוט״, דאָס הייסט, די אידישע שטימען.

אַלס פּאָליסמאַן האָבן אים די הפקר־יונגען און כוליגאַנעס פון נעש־וויל זייער שטאַרק רעספּעקטירט, מחמת ער האָט איין־און־איינציק מאָל געהאַט מיט זיי אַ סטיטשקע און ער האָט זיי אַריינגעקלאַפּט פיינעם רעספּעקט. אמת טאַקע, אין דער דאָזיקער סטיטשקע האָט מען אים אויסגעזעצט זיינע צוויי פאָדערשטע ציין, אָבער זיי, די כוליגאַנעס, האָבן אָפּגעשניטן נאָך ערגער. דאָס איז געשען, ווי נאָר ער איז געוואָרן אַ פּאָליסמאַן און מען האָט אים אָפּגעגעבן אויף שמירה אַ ראַיאָן, אָדער אַ „ביט״, ווי מען רופט דאָס אויף פּאָליס־לשון, זייער אַ ביטערן. דאָרטן זיינען געווען צענדליקער סאַלונען און אַלע שלעגער און ווילדע יונגען האָבן זיך דאָרטן אַרומגעדרייט. ווען די שלעגער און ווילדע יונגען האָבן זיך דערוואוסט, אַז דער נייער פּאָליסמאַן אין זייער ראַיאָן איז אַ איד, האָבן זיי זיך געפילט אַזש באַליידיקט...

הכלל, איינמאָל אַ ביינאַכט זיינען דריי חברה־לייט פון די ביטערסטע און געפּערלעכסטע יונגען באַפאַלן דעם נייעם פּאָליסמאַן און אים אָנגעהייבן צו דערלאַנגען, און אונזער בערל, דער געוועזענער פּעדלער, האָט דערפילט, אַז דאָ — אָדער שטאַרבן, אָדער גובר זיין. און ער האָט גובר געווען. ער וואונדערט זיך נאָך עד היום, ווי אַזוי ער האָט דאָס געקאָנט טאָן, האָט ער מיר געזאָגט. אמת טאַקע, ער האָט אין זיינע הענט געהאַלטן אַ פיין בולאַווקעלע, אָבער פאַרט דריי מיטאַמאָל, און אַלע דערפאַרענע שלעגער.

ער איז געווען אַ פרומער, אונזער בערל לוקאַטש. קיין שבת און

יום־טוב ניט פאַרפעלט אין דער פוילישער שול. אום יום־כיפור, פאַר־שטייט זיך, געפאַסט אַ גאַנצן טאָג. חנוכה האָט ער געטיילט ניקלס צו די אידישע קינדער. דער עיקר אָבער איז ער געווען אָפּגעהיט אין כשרות. מען האָט געשמועסט, אַז ביים רב איז גאָרניט אַזוי כשר אין הויז, ווי ביי לוקאַטשן.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין נעשוויל, האָט ער זיך מיט מיר שטאַרק באַפריינדט. ס'איז אים געווען פריילעך מיט מיר, האָט ער געזאָגט. פונ־דעסטוועגן, ווען איך בין געלאָפן פאַר סיטי טרעזשורער אַלס קאַנדידאַט פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און בין איינמאָל אַרויסגעטראָטן אויף אַ גאַסן־מיטינג, האָט ער זייער שיין און זייער גרינטלעך צעטריבן דעם מיטינג, און האָט מיך נאָך געסטראַשעט, אַז ער וועט מיך אַרעסטירן, אויב איך וועל זיך שטאַרק איינעקשנען און באַשטיין אויף מיין רעכט פון דווקא ווען רעדן.

אויפן צווייטן טאָג איז ער געקומען זיך פאַרענטפערן פאַר מיר, אַז ער האָט „געמוזט" טאָן דאָס, וואָס זיינע עלטסטע האָבן אים געהייסן.

יאָ, ער האָט געטאָן זיין אַרבעט בשלימות. זעקס־און־צוואַנציק יאָר האָט ער געטריי אָפּגעדינט אַלס פּאָליסמאַן אין נעשוויל, דערנאָכדעם זיך צוריקגעצויגן אויף אַ פיינער פענסיע. מען האָט אים דערנאָכדעם, דאַכט זיך, אויסגעקליבן אַלס גבאי אין דער פוילישער שול...

אַן אורח אויף שבת

ס'זיינען ביי אונז געווען אין נעשוויל צוויי אידן, לאַנדסלייט פון זעלביקן שטעטל אין דער אַלטער היים. איינער האָט געהייסן מעקס קלוגער, דער צווייטער — אייב קאַרמאַן.

מעקס קלוגער איז גראָד ניט געווען אַזאַ קלוגער, כאָטש ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט פון אַ פּעדלער ביז זייער אַ גרויסער קראָם אויף קאָלעדזש סטריט. אָבער צו דעם נויטיקט זיך דאָך ניט קיין איבעריקע חכמה, נאָר אַ פאַרהאַרטעוועט האַרץ און אַריינטאָן אַלע מחשבות נאָר

אין מסחר. ער איז געווען אַ הויכער און אַ שטאַרקער איד, מיט אַ פּאָר היפשע וואַרגעס און מיט אַ הויכער געמבע. ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט רעדן, ווי נאָרמאַלע מענטשן ריידן, נאָר געשריען הויך אויף אַ קול. ס'האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס אַלס פּעדלער האָט ער שטענדיק געדאַרפט שרייען הויך אויף אַ קול צוצוציען קונים. ער איז געווען אין ניו־יאָרק אַ שיינע פּאָר יאָר אַ פּעדלער אויף דער איסט־סייד.

אייב קאָרמאַן איז אויך געווען אַ פּעדלער אין ניו־יאָרק און געבליבן אויך אַ פּעדלער אין נעשוויל, און טאַקע געמוזט אָנקומען צו זיין בן־עיר, מעקס קלוגער, נאָך סחורה אויף באָרג. אייב קאָרמאַן איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער, אַן אויסגעדאַרטער און אַ פאַרזאָרגטער. זיין קול איז געווען שטענדיק הייזעריק. דאָס האָט זיך אויך גענומען פון פּעדלעריי, פון מוזן אויסשרייען זיין סחורה, און איבערשטרענגען דעם האַלז. ביידע לאַנדסלייט האָבן געדאַווענט אין דער פּוילישער שול, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער שטאַטס־געביידע.

איצט, אַז איר זיינט שוין אַביסל באַקאַנט מיט די דאָזיקע צוויי פאַרשוינען, וועל איך זיך נעמען צו דער מעשה גופא:

די וועלט, זאָגט זיך, שטייט אויף דריי זאַכן: אויף תורה, אויף אַרבעט און אויף גמילת־חסדים. איז תורה האָבן ס'רוב אידן אין נעשוויל ווינציק־וואָס געלערנט, און ווינציק־וואָס געקענט; אַרבעט, דאָס הייסט, טאָן אַ מלאכה מיט די הענט, זיינען דאָרטן געווען בלויז אַ פּאָר שוס־טערס, שניידער, סטאָליאַרעס, און די איבעריקע — פּעדלערס, קרעמער און געשעפטסלייט. בלייבט בלויז איבער די דריטע זאַך, אויף וועלכער די וועלט שטייט — גמילת־חסדים, וואָס דאָס מיינט אייגנטלעך, טאָן צדקה. איז אָבער די צרה, וואָס כמעט קיינער פון די נעשווילער אידן האָט זיך ניט געניטיקט אין צדקה.

האָבן מיר דאָך אַ גרויסן גאָט אויף דער וועלט, האָט ער אונז באַ־שאָנקען מיט נאָך גאָר אַ גרויסער מצוה, וואָס וועגן איר זאָגט זיך, אַז זי שטייגט איבער אַלע אַנדערע מצוות צוזאַמען־גענומען, און דאָס איז הכנסת אורחים. און דאָ קומט אַריין די מעשה מיטן אורח.

די אידן אין נעשוויל, באַזונדערס די וואָס האָבן געדאַווענט אין דער פּוילישער שול, האָבן ממש געלעכצט נאָך עפּעס אַן אָרעמאַן, וואָס זאָל קומען פון דער פרעמד און מ'זאָל מיט אים מקיים זיין די מצוה פון

הכנסת אורחים. איר ווייסט דאָך ווי אין דער אַלטער היים איז געווען דער שיינער מנהג ביי אידן צו ברענגען אַן אורח אויף שבת. פלעגט אַמאָל פאַרבלאָנדזשען אַ אידישער אָרעמאַן אין נעשוויל און זיך באַווייזן אין דער פוילישער שול פרייטיק־צו־נאַכטס, האָבן כמעט אַלע דאַוונער זיך געריסן איבער אים און אים געוואָלט האָבן פאַר אַן אורח אויף שבת. שטענדיק אָבער האָט אים אויסגעכאַפּט אונזער מעקס קלוגער. ווי אַזוי האָט ער דאָס געטאָן? גאַנץ פּשוט, מיט כוח און אויך זלזולים. ער האָט אַלעמען אָפּגעשטופּט, און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט ער אויך זיך געזידלט, געשריען מיט זיין הויך קול, אַז מען איז אַזש פאַרטויבט גע־וואָרן. אַ חוץ דעם איז ער דאָך אויך געווען אַ גביר, און אַ סך דאַוונער זיינען געווען פעדלערס אָדער קלענערע סוחרים, און מען האָט אָפּט געדאַרפט אָנקומען צו אים. אַ חוץ דעם האָט דער אָרעמאַן אַליין געוואָלט בעסער גיין צו אים. אַן אָרעמאַן האָט זיך שוין זיינע סימנים ביי וועלכן באַלעבאָס ס׳וועט אים זיין בעסער. קודם־כל האָט ער נאָר געדאַרפט אַ קוק טאָן אויף מעקס קלוגער און זיינע וואַרגעס, האָט ער שוין פאַר־שטאַנען, אַז ביי זיין טיש וועט ער ניט פאַסטן.

אונזער אייב קאַרמאַן, כאָטש אַן אָרעמער פעדלער, פלעגט זיך אויך רייסן איבערן אָרעמאַן. ס׳איז אים ממש דאָס חיות אויסגעגאַנגען צו האָבן ביי זיך אַן אורח אויף שבת.

אַז ס׳האָט אים אַמאָל אָפּגעגליקט און ער האָט געבראַכט צו זיך אַן אורח, האָט ער אים באַדינט, ווי מען באַדינט עפּעס אַ קייסער, ממש אויף די שפּיץ פינגער געגאַנגען פאַר אים, און אים געגעבן פון דעם שענסטן און דעם בעסטן און אים אָפּגעלאָזן אין וועג אַריין מיט אַ שיינער נדבה.

ווי איך האָב אייך פריער געזאָגט, פלעגט אַ אידישער אָרעמאַן זיך באַווייזן זייער זעלטן אין נעשוויל. אָבער ס׳איז עפּעס געקומען אַזאַ יאָר, וואָס אַפילו זעלטן אויך ניט. די אידן אין נעשוויל, כ׳מיין די געשעפטסלייט, וואָס האָבן גראָד יענעם יאָר אין מסחר געהאַט זייער אַ גוט יאָר, האָבן ממש געלעכצט נאָך אַ אידן אַן אָרעמאַן פון דער פרעמד, צו וועמען זיי זאָלן קאָנען טאָן צדקה. כאָטש די לעצטע מצווה פון די דריי, אויף וועלכע די וועלט האַלט זיך, און וועלכע זיי קאָנען זייער גוט מקיים זיין.

יאָ, אַ שלעכט יאָר געווען יענער יאָר פאַר די אידן אין נעשוויל. אַ יאָר פון אומגערעטעניש אויף אָרעמעלייט. אין דער פוילישער שול איז געווען איינער אַ יאַנקעלע שאַליט, אַ לץ אַ איד, האָט ער געגעבן די עצה מען זאָל אין בלאָט אַריינגעבן אַזאַ אַנאָנס:

„די אידישע קהילה אין נעשוויל נויטיקט זיך שטאַרק אין אורחים אויף שבת. די בעסטע שבתים קאָנט איר ביי אונז אָפּעסן און די בעסטע נדבות קאָנט איר ביי אונז קריגן.״

אָבער גאָט איז דאָך פּאַרט אַ פאָטער, און אײנמאָל אַ פרייטיק־צו־נאַכט, נאָענט צו ראש־השנה, ווי ס׳יאָוועט זיך אַריין אין דער פוילישער שול אַן אָרעמאַן, און טאַקע פון די סאַמאַראָדנע אָרעמעלייט. (אפשר איז דאָס גאָר געווען אליהו הנביא). די דאַוונער האָבן זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דער אָרעמאַן האָט זיך אַזש דער־שראָקן. אונזער מעקס קלוגער, דער תקיף, האָט אַלעמען צעטריבן מיט זיינע געזונטע ידים, און זיך אָנגערופן:

— ער איז מיין אורח.

— וואָס הייסט, ער איז דיין אורח? — האָט זיך אונזער אייב קאַרמאַן, זיין לאַנדסמאַן, אָנגעגאַרטלט מיט גרויס גבורה. — וואָס־זשע, האָסט אויף אים אַ חזקה?

— דו, יאַשקע מיט דער טאָרבע, — האָבן זיך די אויגן ביי מעקס קלוגער אָנגעגאָסן מיט בלוט, — פאַרמאַך דיין פּיסק!

וואָס אַזוינס האָט געמיינט „יאַשקע מיט דער טאָרבע״, וואָס אייב קאַרמאַן איז דערפון אַזוי אַרויס פון די כלים, האָט קיינער ניט געוואוסט. נאָר מען האָט געזען, אַז ס׳האָט אים ממש אָנגערירט אין דער זיבעטער ריפּ, אין סאַמע האַרצן, און ער האָט אַ שפּרונג געטאָן קעגן זיין הויכן לאַנדסמאַן און אים דערלאַנגט אַ קלינגענדיקן פּאַטש אין באַק אַריין. האָט, פאַרשטייט זיך, דער צווייטער ניט געשוויגן און דערלאַנגט זיין בן־עיר נאָך אַ קלינגענדיקערן פּאַטש. הכלל, ס׳איז געוואָרן פריילעך אין שול.

דער סוף איז געווען, אַז ניט מעקס קלוגער און ניט אייב קאַרמאַן האָט געהאַט דעם אָרעמאַן אַלס אורח אויף שבת, נאָר גאָר בערל לוקאַטש, דער אידישער פּאָליסמאַן, וואָס איז געווען, ווי איך האָב געזאָגט, אַ שטענדיקער דאַוונער אין שול.

זונטיק אָונט איז פאָרגעקומען אַ שטורמישע אַסיפה ביים רב אין

הויז, און דער רב האָט געפּסקנט אַז פון היינט אָן און ווייטער דאַרפן אַלע דאַוונער האָבן אַ חלק אין דער מצווה הכנסת אורחים. דעריבער, ווען ס׳קומט אַן אָרעמאַן, זאָל ער שטיין קוואַרטיר און עסן ביי בערל לוקאַטשן, וואָס זיין ווייב איז אַ גרויסע בריה און קאָכט זייער גוטע כשרע מאָלצייטן, און די קאָסטן זאָלן געדעקט ווערן פון דער אַלגעמיינער צדקה־קאַסע, אַזוי אַז יעדער איינער וועט האָבן אַ חלק אין דער מצווה...

אָבער וואָס אַזיינס האָט געמיינט „יאָשקע מיט דער טאָרבע״, וואָס האָט אַזוי אויפגעבראַכט אייב קאָרמאַן קעגן זיין לאַנדסמאַן, האָבן מיר זיך דערוואוסט פון אַ דריטן לאַנדסמאַן זייערן. „יאָשקע מיט דער טאָרבע״, זייער אַ שענדלעכער צונאָמען, האָט מען גערופן אייב קאָרמאַנס טאַטן אין דער אַלטער היים, מחמת ער פלעגט פאַרשוואונדן ווערן פון שטעטל אַלע יאָר פאַר אַ היפשער צייט, און מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ער איז אומ־געגאַנגען אין דער פרעמד מיט דער טאָרבע איבער די הייזער...

חנהלע

און איצטער וועגן נאָך אַ טשיקאָוון פאַרשוין אין נעשוויל. בעסער געזאָגט, אַ פאַרשויניכע. חנהלע האָט זי געהייסן.

אין די גרויסע שטעט, האָבן מיר געלייענט, האָט זיך געקאָכט יענע יאָרן מיט די פרויען, וואָס האָבן געמאָנט גלייכע רעכט מיט די מענער. זיי האָבן געוואָלט אויך האָבן אַ דעה ביים שטים־קאַסטן. זיי האָבן ניט געוואָלט זיך נאָכשלעפּן הינטער זייערע מענער. זיי האָבן געוואָלט זיין באַגלייך מיט די מענער. סופראַזשיסטקעס האָט מען זיי, דאַכט זיך, גערופן.

און ביי אונז אין נעשוויל, דערוויסן מיר זיך איין טאָג, אַז מיר האָבן אויך סופראַזשיסטקעס, און זיי זיינען גראָד די פרויען, וואָס דאַוונען אין דער פוילישער שול. און וואָס ווילן זיי, די דאָזיקע סופראַזשיסטקעס? זיי ווילן ניט מערער דאַוונען אויפן בוידעם, ווי זיי האָבן דאָס גערופן. די

ווייבערשע אָפּטײלונג איז געווען אויבן, ווי געווײנלעך אין אָרטאָדאָקסישע שולן, און די מענערשע אָפּטײלונג אונטן.

אָנגעפירט האָט די רעוואָלוציע צווישן די פרויען אין דער פּוילישער שול די שוואַרץ־חנעוודיקע חנהלע. ס׳אמתע חנהלע, אַ ספּירט, אַ פלאַם־פייער. אַ קלײנינקע דווקא און אַ געפּאַקטע, אָבער מיט אַזוי פיל כוח און רירעוודיקייט. אַ חנהלע מיט צוויי שמײכל־גריבעלעך אויף ביידע באַקן, נאָר צו דערקוויקן; אַ חנהלע מיט פּערל־געטאָקטע צײנדעלעך און זײער אַ לעבעדיק מײלכל.

איר מאַן, דער גבאי פון שול, אַ זײער היפּשער, אַ גראַמאַזדיקער, אַ מויער אַ גאַנצער און אַ תקיף, וואָס איז גאָרניט געווען זיין גלייכן. חנהלע איז בײ אים געווען די צווייטע פרוי. פון ניו־יאָרק האָט ער זי אַראָפּ־געבראַכט. און ווי גלייך ער האָט זי אַראָפּגעבראַכט, האָט מען דערציילט, אַזוי גלייך האָבן זיי זיך אָנגעהייבן קריגן. זי האָט געוואָלט ער זאָל זאָגן „פּליז״, דאָס הייסט, ביטע, ווען ער הייסט איר עפּעס דערלאַנגען, און ער האָט ניט געוואָלט זאָגן „פּליז״, כאַטש גיב אים אַ קרענק. האָט זי אים טאַקע ניט דערלאַנגט דאָס וואָס ער האָט געהייסן.

זי האָט זיך ניט באַנוגנט מיט אײנבערעכן, אַזוי צו זאָגן איר אײגענעם מאַן, ער זאָל זיך ניט באַנעמען צו איר ווי צו אַ נידעריקערע פון זיך, נאָר אויך אָנגערעדט אַנדערע פרויען, אַז זיי זאָלן אויך טאָן דאָס זעלבע. און די פרויען, וואָס האָבן געדאַוונט אין דער פּוילישער שול, זײנען שוין מערסטנס געווען עטלעכע יאָר אין לאַנד און ניט קײן אָנגעשראָקענע. דאָס גײן דאַוונען אין שול איז ניט געווען אַזוי מחמת פרומקײט, ווי מחמת דאָס צונויפקומען זיך, דאָס זײן אינאײנעם. עפּעס ווי דאָס צונויפקומען זיך אין אַ קלוב.

אײנמאָל דערוויסן מיר זיך, אַז די פרויען האָבן אָפּגעהאַלטן אַ געהײמען מיטינג, און חנהלע האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ פלאַמפייערדיקע רעדע קעגן די מענער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך דעם בעסטן טייל פון דער שול אונטן, גראַם, ליכטיק, און זיי, די פרויען, האָט מען פאַרשיקט אויפן בוידעם אין ענגשאַפט, אין האַלב־טונקלקייט.

וואָס זי האָט געוואָלט זיך דערשלאָגן פון די פרויען אויף דעם דאָזיקן מיטינג, אַז מען זאָל שיקן אַ דעלעגאַציע צו די פירער פון דער פּוילישער שול מיט אַ פאָדערונג, אַז מען זאָל אָפּשאַפן אויבן די ווייבערשע

אָפּטיילונג און מען זאָל מאַכן פאַר זיי אַ פּלאַץ אונטן, וואו די מענער דאַווענען.

און דאָ האָט זיך אָנגעהייבן די גרויסע מלחמה צווישן די מענער און די פרויען. סאָלאָמאָן גאָלדשטיין, דער גבאי און חנהלעס מאַן, האָט געזאָגט דער דעלעגאַציע פון פרויען, אַז „כל זמן ער לעבט, און כל זמן ער איז גבאי, — סיידן איבער זיין קערפּער!" דער רב האָט געזאָגט, אַז ס'איז גאָר קעגן דעם אידישן דין, און אַז נאָך פון משה רבינו אָן איז אַזוי איינגעפירט.

אויף דערויף האָט אים די שאַרפע חנהלע גלייך אָפּגעענטפערט, אַז ס'שטייט גאָר ניט אין חומש, אַז גאָט זאָל האָבן געגעבן די תורה צו די מענער באַזונדער און צו זייערע פרויען באַזונדער, און אַז ביים באַרג סיני איז ניט געווען קיין מענערשע אָפּטיילונג און קיין פרויענשע אָפּטיילונג.

די מענער האָבן אָבער בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבן, און די דעלעגאַציע איז אַוועקגעגאַנגען מיט גאָרנישט. האָבן די פרויען צונויפגערופן אַ צווייטן געהיימען מיטינג, ערגעץ אין אַ שטוב. אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם דאָזיקן געהיימען מיטינג, פונקט ווי פון ערשטן געהיימען מיטינג, האָט די שטאָט זיך גלייך דערוואוסט. דאָס חנהלע האָט ווידער געהאַלטן אַ פלאַמפייערדיקע רעדע, און האָט גערופן צו אַ סטרייק — פּראָסט און פּשוט, אַז די פרויען זאָלן מערער ניט גיין שבת אין שול אַריין דאַווענען, ביז די מענער וועלן נאָכגעבן.

און כדי ניט צו דערלאָזן צו סטרייק־ברעכערינס, האָבן זיך אַנידערגעשטעלט לעבן דער פּוילישער שול עטלעכע שומרטעס, דאָס הייסט פּיקעטס אויפן סטרייקערשן לשון, און צווישן די פּיקעטס איז אויך געווען דאָס געפּאַקטע, קליינינקע חנהלע אין אירע שיינע שבת־קליידער, מיט די זיידענע קליינע טופליעלעך. אַ פּאָר עלטערע פרויען, פון גאָר די פרומע, האָבן גראָד יאָ געמאַכט אַ פּרואוו זיך דערקלייבן צו דער שול, אָבער די פּיקעטס האָבן זיי פאַרצוימט דעם וועג, מיט זיי הייס איינגעטענהט, און יענע האָבן זיך געמוזט אומקערן צוריק אַהיים, ניט געדאַוונט.

ס'זיינען אַוועק אַ פּאָר שבתים, און די מאַנצבילן האָבן זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק, אַקוראַט ווי ס'אַרט זיי ניט. אפשר האָט זיי יאָ געאַרט, אָבער זיי האָבן דאָס מורא געהאַט אַרויסצואווייזן צוליב דעם סאָלאָמאָן גאָלד־

שטיין, וואָס האָט געפּירט זיין גבאות מיט אַן אייזערנער האַנט. ביי אים איז שוין דאָס געגאַנגען אין אַמביציע, אַז די פרויען זאָלן ניט אויספירן. ניט אַזוי די פרויען, ווי זיין חנהלע. און זי, זיין חנהלע, האָט גאָר אינ־גאַנצן ניט געגעכטיקט אין הויז בשעת דער סטרייק איז אָנגעגאַנגען. אַ פּאָר אַנדערע פרויען פון די אָנפירערקעס האָבן אויך געטאָן אַ צו־להכעיס זייערע מענער און אויך ניט געגעכטיקט אינדערהיים. ס׳האָט זיך געטאָן אין שטעטל...

ווער ווייסט, ווי לאַנג דער סטרייק וואָלט זיך פאַרצויגן, ווען ניט די אינגערע צווישן די מענער, באַזונדערס דער דענטיסט מיסטער קעלמאַן. צי ער איז געווען אַ פרומער, ווייס איך ניט, אָבער אין שול מיט זיין פרוי איז ער געגאַנגען. אפשר איז דאָס געווען גוט צוליב פּרנסה? זיין פרוי, זייער אַ שטאָלטנע, ערשט פאַר איר חתונה געהאַט. דער דענטיסט האָט צונויפגענומען די אינגערע באַלעבאַטים און זיי אויפגעקלערט און זיי אָרגאַניזירט צו שטיצן די פרויען.

ס׳זיינען פאָרגעקומען שטורמישע פאַרזאַמלונגען. דער גבאי, דער רב און אַ פאָר עלטערע באַלעבאַטים האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן. די אינגערע באַלעבאַטים האָבן געסטראַשעט, אַז זיי וועלן אינגאַנצן זיך אָפּטיילן פון דער פּוילישער שול און אויפבויען אַן אַנדערע שול, וואו פרויען זאָלן זיין גלייך מיט די מענער.

הכלל, די פרויען האָבן געוואונען. און איר וואָלט געדאַרפט זען מיט אַ וואָסערן שטאָלץ זיי האָבן געשפּאַנט שבת אין שול אַריין. מיט זייערע מענער, דערהויבענע און צעשיינטע, האָבן זיי געשפּאַנט. די מענער אויך צעשיינטע. נאָר דער מיסטער סאָלאָמאָן גאָלדשטיין האָט געשפּאַנט אַן אָנגעכמורעטער לעבן זיין צעשיינטער שיינער חנהלען.

שוין דאָס אמתע חנהלע געווען, וואָס אַרט אייך!...

די אַראָנסאָנס

חתונה מאַכן אַ טאָכטער אין נעשוויל איז געווען ווי איבערצורוקן אַ באַרג, ניט מחמת דעם נדן. איר ווייסט דאָך, אין אַמעריקע איז גראָד ניט נויטיק קיין נדן. און ווען ס׳זאָל אַפילו יאָ זיין נויטיק, איז דאָס גאָרניט געווען קיין שווערע זאַך ביי אַ סך עלטערן. וואָס ס׳איז געווען שווער, איז וואָס ס׳איז ניט געווען פון וואָס צו קלייבן. ס׳רוב אידישע בחורים אין נעשוויל, ווי באַלד זיי האָבן דערגרייכט די יאָרן, וואָס מען קאָן זיך באַגיין אָן טאַטע און מאַמע, האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און אַוועק קיין ניו־יאָרק אָדער קיין שיקאַגאָ.

דעם אמת געזאָגט, האָבן אידישע עלטערן אין נעשוויל אויך זייערע טעכטער, ווען זיי האָבן דערגרייכט די כלה־יאָרן, אַוועקגעשיקט אין אַן אַנדערער שטאָט. און ס׳זיינען געווען פיל טעמים דערביי. דער ערשטער טעם, וואָס בחורים האָבן עפּעס ניט אַזוי פיל חשק צו אַ כלה פון דער אייגענער שטאָט, ווי צו אַזאַ וואָס קומט פון אַ פרעמדער שטאָט, פון „זאַגראַניצע״, אַזוי צו זאָגן. אַפילו אין דער אַלטער היים איז אויך אַזוי געווען. און ס׳איז דאָ אַ שכל דערביי. אַ מיידלש ניי פּנים דערזעט דער בחור גלייך. דאָס פּנים פון דעם מיידל אין זיין אייגענער שטאָט האָט ער אַזוי פיל מאָל געזען, אַז ער זעט דאָס ניט מערער. למשל, ווי אַ שטיק מעבל, להבדיל, ביי אייך אין שטוב.

האָט אין נעשוויל געוואוינט אַ איד, וואָס מען האָט גערופן ר׳ אבא אַראָנסאָן. ער האָט געשטאַמט פון באַלטע, פון אַ משפחה גאָלע יחסנים און לומדים. דאָ אין נעשוויל איז ער געווען אַ סוחר פון פעל, און טאַקע פון די גרויסע סוחרים. פון זיין פרומקייט האָט ער ניט געוואָלט אָפּ־טרעטן דאָ אין אַמעריקע אַפילו דאָס מינדסטע פּינטעלע. אַפילו אין דער קליידונג האָט ער מיט זיין פרוי זיך געפירט, ווי אין באַלטע דאָרטן. ער מיט אַ בכבודיקער שוואַרצער באָרד און אין אַ פיינער אַטלעסענער קאַפּאָטע, זיין פרוי אין די לאַנגע אַלטמאָדישע קליידער און אין אַ שייטל. האָבן זיי געהאַט אַ בת־יחידקעלע, האָט זי געהייסן רחלע ביי טאַטע און

מאַמע, און רייטשל אין שול צווישן אירע ניט־אידישע פריינט. און די ליבע האָט זיך אַריינגעגנבעט אין האַרצן פון רחלען, אַ קליינינקע, אַ פּוכלינקע, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, צו דעם זעקס־פוסיקן וואָרען ראַילי.

און ווער איז געווען אָט דער דאָזיקער וואָרען ראַילי? ער איז שוין געווען איינמאָל אַ בחור, כמעט אַ באַרימטקייט אין נעשוויל. אויס־געצייכנט האָט ער זיך שטאַרק אין בעיז־באָל. ער האָט געקאָנט שלאָגן מיט זיין שטעקן דעם באָל, אַז ער זאָל פאַרפליען וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט. ניט איינמאָל געראַטעוועט דעם כבוד פון נעשוויל אין אַ בעיז־באָל פאַרמעסט מיט אַנדערע שטעט. פון די גרויסע קראַסאַוועצעס איז ער גראָד ניט געווען. אַ לענגלעך פּנים, אַ שמאָלער שטערן, אַ ברייטע נאָז, גרויע קליינע אייגלעך, פלאַקסענע האָר, אָבער דערפאַר האָט ער פאַרמאָגט אַ פּלייצע, ווי אַן אַלטמאָדישע שאַפע, און אַ ברוסט־קאַסטן, ווי אַ פּסחדיקע פאַס. ער האָט זיך געלערנט מיט רחלען אין דער זעלבער שול.

הכלל, טאַטע און מאַמע האָבן דערשמעקט, אַז אַזוי און אַזוי, און אַוועקגעשיקט זייער רחלע קיין בראָנזוויל צו אַ קרוב, אויך אַן אַראָנסאָן. נעמט ניט לאַנג און דער קרוב קלאַפּט אַ טעלעגראַמע, אַז אוי־ווי, פאַר־שוואונדן געוואָרן רחלע. לויפן, פאַרשטייט זיך, טאַטע און מאַמע גלייך קיין בראָנזוויל, אָבער זיי האָבן זיך אומגעקערט אינגיכן אַהיים זייער דערשלאָגענע. די מעשה איז, וואָס דער דאָזיקער וואָרען ראַילי, גאָר ניט, ווייזט אויס, פון די פאַרשלאָפענע, איז אויך נאָכגעפאָרן זיין רייטשלען קיין בראָנזוויל און אין דער פּאַסיקער שעה זי אַוועקגענומען פון איר קרובס הויז און זי מקדש געווען אין סיטי־האָל, אָן דעם רב און אָן דעם גלח, כדת דזשעפערסאָן ולינקאָלן.

דערווייל זיינען אַוועק אַ פּאָר יאָר און דאָס פּאָר־פאָלק קערט זיך אום קיין נעשוויל און רחלע איז אין די הויכע מאַנאַטן. טאַטע און מאַמע ווילן זי ניט זען. דאָס הייסט, די מאַמע גראָד יאָ, אָבער דער ר׳ אבא אַראָנסאָן, דער עקשן, לאָזט ניט זיין פרוי האָבן צו טאָן מיט זיין טאָכטער, דער פּושעת.

און דאָ קומט די צייט, ווען רחלע לייגט זיך אין קימפּעט און ס׳איז איר זייער שווער צו האָבן, זי גייט ממש פון דער וועלט. דער מאַמען טראָגט מען דאָס אָפּ, און זי וויל אַוודאי לויפן אין שפּיטאָל, זיין לעבן

איר קינד, אָבער דער טאַטע, דער עקשן, לאָזט ניט. וואָס ער לאָזט איר יאָ איז צו דינגען אַ מנין אידן, זיי זאָלן זאָגן תהילים אין דער פּוילישער שול און בעטן גאָט ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף דער יולדת רחלע בת ר׳ אבא אַראָנסאָן.

הכלל, דאָס תהילים זאָגן האָט, ווייזט אויס, געהאָלפן און רחלע האָט מיט מזל געבוירן אַ מיידעלע, און ווי מען האָט איבערגעגעבן דער באָבען, האָט דאָס גראָד אויסגעקוקט ווי אַן אַראָנסאָן. גייט אויס דער באָבען ממש דאָס האַרץ כאַטש איין קוק טאָן אויף איר אייניקל, אָבער דער האַרטער טאַטע לאָזט ניט. סטראַשעט זי, אַז ער וועט זי גטן, אויב זי דערוועגט זיך חס וחלילה אַריבערטרעטן די שוועל פון זיין טאָכטער, דער משומדת. און אין אמתן איז זי ניט געווען קיין משומדת, מחמת, ווי איך האָב דערמאָנט פריער, האָבן זיי חתונה געהאַט כדת אַמעריקע.

און דערווייל, איינמאָל אין אַ זונטיק, זיינען זיך צונויפגעקומען די אידן פון דער פּוילישער שול אויף אַ פּיקניק אין קאָלבי פּאַרק, לעבן קאַמבערלענד טייך. ס׳איז דאָרטן געווען זייער שיין. אַן אָרקעסטער מוזיק האָט געשפּילט, און די מענטשהייט האָט זיך געלאָזט וואוילגיין אין די גרינע גראָזן אונטער די שאָטנס פון די געדיכטע ביימער. טראָגט עמיצער אָפּ דער באָבען, אַז איר רחלע מיטן קינד געפינט זיך אויך אין קאָלבי פּאַרק, ניט ווייט ערגעץ אויף אַ באַנק. דאָ האָט שוין די אַראָנסאָנכע ניט געקאָנט אויסהאַלטן. איר טאָכטער מיטן אייניקל אַזוי נאָענט, דאַרף מען דאָך האָבן אַ האַרץ פון שטיין ניט גיין אַ קוק טאָן. האָט זי זיך שוין פּשוט געלאָזט אויף הפקר און איז אַוועק צו יענער באַנק.

אַלע האָבן געקוקט אויף אַראָנסאָנען, צו זען וואָס ער וועט זאָגן. ער האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר זיך געוואָלדיק פאַרכמורעט און אַלעמאָל געקוקט צו דער ריכטונג, וואוהין זיין פרוי איז אַוועק. ער האָט, ווייזט אויס, געמיינט אַז זי וועט זיך באַלד אומקערן. אָבער ס׳איז אַוועק אַ היפּשע צייט, און גאָרניט...

הכלל, אונזער ר׳ אַראָנסאָן הויבט זיך אויף זייער אַ בייזער, ווי גאָט אַליין, און לאָזט זיך אין יענער ריכטונג, וואוהין זיין ווייב איז מיט אַ לאַנגער צייט פאַרשוואונדן געוואָרן. אַלע ריכטן זיך אויף עפּעס זייער ניט קיין פריילעכן סוף. אייניקע פון די פרויען אויפן פּיקניק גייען אים נאָך פונדערווייטנס און שטעלן זיך אונטער אַ בוים צו זען וואָס דאָ וועט

פּאָרקומען. זעט מען ווי די באָבע אין שייטל האַלט דאָס אייניקל אין אירע הענט, און דאָס פּנים אירס שיינט ווי די זון. רחלס פּנים שיינט אויך ווי די זון. דערנאָכדעם זעט מען, ווי ר׳ אַראָנסאָן שפּאַנט־צו מיט גרויס כעס, און ווי די טאָכטער הויבט זיך אויף פון דער באַנק און שטעלט זיך מיט גרויס יראת־הכבוד פאַרן טאַטן, זאָגט אים גאָרניט, נאָר זי שטייט. און זיין ווייב דערשרעקט זיך גאָרנישט פאַר אים, הויבט אונטער דאָס אייניקל צו אים און זאָגט אַ נחתדיקע:

— זעסט, אַבאַ, ס׳קומט אויס ווי דיין שוועסטער זלאַטע, עליה השלום.

אַבא כאַפּט אַ קוק און איז נאָך אַלץ בייז, אָבער מען זעט, אַז ס׳איז שוין ניט אַזוי געפּערלעך. דערנאָכדעם זעצט ער זיך אויך צו אויף דער באַנק, קוקט ניט אויף דער טאָכטער, ניט אויף זיין פּרוי, נאָר בלויז אויף זיין אייניקל. ס׳קינד אין די הענט נעמט ער ניט, כאָטשבי די באָבע האָט אים אַלעמאָל אויסגעשטרעקט דאָס פּיצעלע, ער זאָל דאָס נעמען אויף די הענט...

הכלל, פון דעמאָלט אָן פלעגט שוין די באָבע אָפט גיין צו איר טאָכטער מיטן אייניקל, זיי באַזוכן, און ר׳ אַראָנסאָן האָט גאָרניט געזאָגט. ס׳האָט זיך אויך געמאַכט אַמאָל, וואָס די טאָכטער מיט איר קינד און וועגעלע פלעגט קומען צו טאַטע און מאַמע, אָבער ר׳ אַראָנסאָן האָט דאָס קיינמאָל ניט גענומען אויף די הענט. צו אַ שכנה האָט די אַראָנסאָנכע איינמאָל דערציילט, אַז ס׳גייט אים גראָד אויס דאָס חיות צו נעמען דאָס אויף די הענט, און אַז ווען דאָס אייניקל איז איינמאָל פאַרשלאָפט געוואָרן, האָט ער ניט געקאָנט שלאָפן ביינאַכט. אָבער דאָס נעמען אויף די הענט און זיך שפּילן מיט דעם — ניין. גיי טו מיט אים עפּעס, אַז ער איז אַ ווילדער עקשן. אַלע אַראָנסאָנס אין באַלטע, האָט זי געזאָגט, זיינען געווען ווילדע עקשנים...

די נאָז

איצטער וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה מיט אַ נאָז, מיין אייגענע נאָז, זי זאָל מיר זיין געזונט און שטאַרק.

מיין שוועסטערביילקע האָט אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע מיין צווייטע שוועסטער זלאַטען, און זלאַטע האָט אַריבערגעבראַכט מיין מאַמען און מיין ברודערל יאָסלען. געקומען זיינען זיי, ווען איך בין שוין געווען אין נעשוויל, טענעסי. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב שטאַרק געוואָלט זיך זען מיט מיינע אייגענע און זיך געריסן קיין ניו־יאָרק מיט אַלע כוחות, און קיינמאָל זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן, און אַלץ צוליב זייער וויכטיקע און פאַרשיידענע אָפּהאַלטן. און אָט אַזוי זיינען אַוועק יאָרן.

אַרום 1914 אָדער 1915 באַקום איך אַ בריוו פון מיין מאַמען און זי מוסרט מיך שטאַרק אויס: וואָס הייסט, אַזוי פיל יאָרן זיך ניט געזען, און ס׳דאַרף ניט זיין קיין תירוץ, קיין שום אָפּהאַלט. און אויב איך וועל זיך ניט פעדערן און ניט קומען צו פאָרן זי זען, איז ווער ווייסט, די שעה זאָל ניט זיין אויסגערעדט. דער מענטש איז דאָך ניט ביי זיך אין די הענט. זי פילט זיך זייער שוואַך לעצטנס.

אירע לעצטע ווערטער האָבן מיך שטאַרק איבערגעשראָקן און איך האָב זיך געזאָגט: וואָס ס׳זאָל ניט זיין, איך מוז פאָרן! און כ׳בין טאַקע געפאָרן. אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק און גאָר ניט דערקענט די שטאָט. אומעטום, וואו דו טוסט אַ וואָרף די אויגן — ריזיקע וואָלקן־קראַצערס.

אויף דער צווייטער עוועניו האָב איך געטראָפן אַ נייעם אידישן טעאַטער אויסגעבויט, אַ פראַכט פון אַ געביידע. ס׳זיינען, דאַכט זיך, דאָרטן געשטאַנען פריוואַטע הייזקעס, איידער כ׳בין אַוועקגעפאָרן. עפּעס די גאַנצע איסט־סייד האָט אויסגעקוקט צו מיר אַנדערש. געטראָפן אַ סך נייע טענעמענט־הייזער מיט עלעקטריק און מיט באַזונדערע טאָילעטס. אויך דאָס אָנטאָן איז געווען אַנדערש. כ׳האָב שוין ניט געטראָפן אַזויפיל דוירבים. אויף אַ סך קעפּ זיינען שוין געזעסן ווייכע קאַפּעליושן און די

הויזן זיינען שוין ניט געווען אַזוינע שמאָלע, און די קראַגנס ניט אַזוינע שטייפע און האַרטע, ווי די כאָמוטעס ביי פערד. אַפילו אַ סך פון מיינע גענאָסן, די מענטשן וואָס כ'האָב אַזוי גוט געקענט, זיינען געווען אַנדערש. נעמט דודי באַראַף, אַ שטייגער. אַזאַ פאַרברענטער סאָציאַליסט געווען, איז ער געוואָרן אַ דאָקטער, מיט אַ שיינעם אָפיס אויף צווייטער עווענין, און שוין מערער ניט געפּרעדיקט דעם סאָציאַליזם. אַן אַנדערער גענאָסע, איינער אַ דזשעק קורץ, וועמען מען האָט גערופן „דזשעק דער פּראָלע־טאַריאַט", ווייל ער האָט זייער ליב געהאַט דאָס דאָזיקע וואָרט, און ווען מען האָט גערופן אַ סטרייק אַפילו ניט ביי זיין פאַך, איז ער דער ערשטער געגאַנגען אין דער פּיקעט־ליניע, — איז איצט גאָר געוואָרן אַ רייכער באָס, און אַ גוטער עקספּלואַטאַטאָר.

אַכצן עסעקס סטריט איז שוין אויך ניט געווען די זעלבע. עפּעס האָט מען דאָרטן איבערגעבויט, איבערגעפּאַרבט. די בעקעריי אונטן אין קעלער איז שוין מערער ניט געווען, נאָר אַ קראָם פון געניצעוועטע קליידער. דער בעקער, דער אַנאַרכיסט, וואָס האָט אין די הייסע זומער־נעכט געקעמפּט אויפן דאַך אַזוינע פאַרביטערטע שלאַכטן קעגן די סאָציאַ־ליסטן, האָב איך זיך דערוואוסט, איז געשטאָרבן פון אַ קאַלטער גלאָז סאָדע־וואַסער. אַ שטאַרק־צעהיצטער פון אויוון אין בעקעריי, האָט ער אויסגעטרונקען מיטאַמאָל אַ קאַלטע גלאָז סאָדע־וואַסער אין קענדי־סטאָר, וואָס אויפן ראָג, און איז אויסגעגאַנגען אויפן אָרט.

פון די שכנים דאָרטן אויף אַכצן עסעקס סטריט, וואָס איך האָב פריער געקענט, אַ חוץ דער בריוון־שרייבערין, איז שוין קיינער ניט געווען דאָרטן. די פריערדיקע האָבן זיך איבערגעקליבן — ווער קיין בראָנזוויל, ווער קיין האַרלעם, ווער אין די בראָנקס. די איצטיקע שכנים זיינען גאָלע פון די ניי־אַנגעקומענע. ווער — ערשט איין יאָר אין לאַנד, ווער — צוויי, ווער — אינגאַנצן אַ פּאָר חדשים. די בריוון־שרייבערין, שוין שטאַרק פאַרעלטערט, האָט נאָך אַלץ דאָרטן געוואוינט אויפן ערשטן שטאָק, און נאָך אַלץ געשריבן חתן־כּלה בריוולעך.

זי האָט זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט אויף גאָלדען און אויף מיינע קינ־דערלעך, און בכלל געוואָלט וויסן, ווי אַזוי ס'גייט־צו אונזער פאַמיליען־לעבן. און אַז איך האָב איר געזאָגט, אַז אַלץ איז אויפן בעסטן אופן, האָט איר שטאַרק הנאה געטאָן. זי האָט מסתמא געטראַכט, אַז ווען ניט אירע

רירנדיקע ליבעס־בריוולעך, וואָס זי האָט געשריבן פאַר גאָלדען, וואָלט מסתמא קיינמאָל צו קיין שידוך ניט געקומען.

און די גרעסטע איבערראַשונג פאַר מיר איז געווען בראָנזוויל.

איך האָב זיך גאָרניט געקאָנט גלייבן מיינע אייגענע אויגן. דאַכט זיך, ערשט ניט לאַנג — פּוסטע פעלדער און איינזאַמע פאַרם־הייזער, און איצט אַ עיר הומיה, אַ ברומענדיקע שטאָט.

אַלע גאַסן האָבן דאָרטן געברומט מיט דער ברומעניש פון אַ גרויסער געדיכט־באַפעלקערטער שטאָט. בעלמאָנט עוועניו האָט אויסגעקוקט ווי אַ יאַריד. איבער דער גאַנצער לענג פון דער דאָזיקער גאַס זיינען געווען אויסגעשטעלט פּושקאַרטס מיט סחורות פון כל המינים פון דער וועלט, און טויזנטער בראָנזווילער פרויען האָבן זיך געשטופּט דאָרטן מיט זייערע קאָשיקעס, און די פּעדלערס האָבן געשריען: ערב שבת, ווייבער, מציאות, האַלב־אומזיסט!

וויפיל אידן זיינען שוין דעמאָלט געווען אין בראָנזוויל? אפשר אַ פערטל מיליאָן, אויב ניט נאָך מערער. אומעטום דאָרטן האָט געברומט, געקאָכט און געזאָטן.

אַריינגעפאַלן בין איך אַהין אין אַ פרייטיק, ביי אַ דריי שעה פאַר זון־פאַרגאַנג, דאָס הייסט, פאַר ליכט־בענטשן. און מען האָט טאָקע שפּעטער, נאָך זון־פאַרגאַנג, געבענטשט ליכט. פון די פענצטער פון אַ סך הייזער האָבן אַרויסגעשיינט אָנגעצונדענע שבת־ליכט.

און דאָס, וואָס ס'איז געווען פרייטיק פאַרנאַכט, ערב שבת, האָט מיך געראַטעוועט. וואָלט איך אָנגעקומען אין אַ וואָכעדיקן טאָג, וואָלט זיך דאָס אפשר אויסגעלאָזט פאַר מיר זייער אַנטוישנדיק. די מעשה איז, וואָס ווען איך בין אָנגעקומען קיין בראָנזוויל האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האָב פאַרלוירן דעם אַדרעס פון פישלס דירה, וואו מיין מאַמע האָט געוואוינט. געוואוסט האָב איך נאָר די גאַס, אָבער ניט דעם נומער. טשעסטער סטריט איז געווען דער נאָמען פון דער גאַס. אָבער טשעסטער סטריט ציט זיך אויף צענדליקער בלאָקס. טראַכט איך: כ'וועל גיין מיט טשעסטער סטריט, אפשר זיצט מיין מאַמע אינדרויסן אויף אַ גאַנעק. גיי איך און איך קוק אויף די גאַנעקעס, אָבער מיין מאַמע זיצט ניט אויף קיינעם פון זיי.

טראַכט איך, כ'וועל זיך אָנפרעגן אין קענדי־סטאָרס און אין גראָ־

סעריס, אפשר ווייסן זיי וואו מיין מאַמע וואוינט. ווייסט קיינער ניט, אין קיין שום קענדי־סטאָר און גראָסערי, וואו מיין מאַמע וואוינט. כאָטשבי איך גיב אָן זייער גוטע סימנים פון איר, פון מיין שוואָגער פישל, פון מיין שוועסטער ביילקע.

גיי איך שוין גלאַט אַזוי פון בלאָק צו בלאָק ווי אַן אָפּגעגאַרטער און האָב גרויס פאַראיבל אויף זיך, וואָס איך בין אַרויסגעפאָרן פון נעשוויל און פאַרגעסן מיטנעמען דעם אַדרעס. ס'וועט זיין שיין, האָב איך מיר געטראַכט, וואָס מיין נסיעה קיין בראַנזוויל וועט זיין אַן אומזיסטע, און מען דאַרף זיך צוריקקערן דאַון־טאַון קיין ניו־יאָרק און זיך ערשט דערפרעגן ביי לאַנדסלייט וואו פישל וואוינט.

יאָ, גיי איך, הייסט עס, גלאַט אַזוי פון בלאָק צו בלאָק, שטעל זיך אָפּ ביי געוויסע הייזער פאַר אַ פּאָר מינוט, קוק אַרויף צו די אָפענע פענצטער: אפשר קוקט אַרויס מיין מאַמע אָדער ביילקע דורך אַן אָפענעם פענצטער? אָבער ניין. דורכ קיין שום פענצטער קוקן זיי ניט אַרויס.

און כ'וויל שוין אויפגעבן מיין זינלאָזן גיין און קוקן צו די פענצטער, ווי פּלוצלונג ביי אַ געוויסער הויז טוט מיר שטאַרק אַ שלאָג דאָס האַרץ, און איך זאָג זיך אַליין: זלמן, אָט דאָ איז דאָס, אָט דאָ וואוינט דיין מאַמע. און אמת טאַקע, ווי נאָר ס'האָט זיך געעפנט די טיר אויף מיין קלאַפּן, ווי איך דערזע מיין שוועסטער ביילקע, און ווי זי טוט אַ געשריי:

— מאַמע, ס'איז זלמן!...

וועט איר מיך פרעגן, ווי אַזוי טאַקע האָב איך געטראָפן? עפּעס אַ קול האָט מיר אַ שעפּטשע געטאָן פּלוצלונג אין אויער? ניין, קיין קול האָט מיר פּלוצלונג ניט אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער. דורך טעלעפּאַטיע, אַזוי צו זאָגן? ניין, ניט דורך טעלעפּאַטיע. האָב איך געזען עפּעס אַ זאַך אויפן גאַנעק, וואָס איך האָב דערקענט, אַז ס'געהערט צו מיין מאַמען? ניין.

ווי אַזוי־זשע דען? פּראָסט און פשוט: דורך דעם ריח פון די שבתדיקע מאכלים, וואָס מען האָט דעמאָלט געקאָכט אין שטוב. כ'קאָן אייך ניט דערקלערן, וואָס איז דער חילוק אין דעם ריח פון די שבתדיקע מאכלים וואָס מיין מאַמע קאָכט און דעם ריח פון די שבתדיקע מאכלים וואָס אַן אַנדער אידישע פרוי, אַפילו פון דעם זעלביקן שטעטל, וואָלט געקאָכט. מען דאַרף דאָס פילן. און מיין נאָז האָט דאָס דערפילט נאָך

צוויי־און־צוואַנציק יאָר כמעט, וואָס איך בין אַוועק פון מיין מאַמעס הויז און ניט פאַרזוכט אירס אַ מאכל.

יאָ, מיין נאָז האָט דאָס דערפילט. און גראָד איז ביי מיר די נאָז צוליב מיין שוסטערשע אַרבעט אָפּט אַ פאַרשטאָפּטע, אָבער אין יענעם מאָמענט איז זי עפּעס לעבעדיק געוואָרן. פון די דאָזיקע היימישע ריחות איז מיר געוואָרן ליכטיק אין די אויגן, ווי איך וואָלט עפּעס צוריק געוואָרן אַ אינגל, וואָס לויפט פרייטיק פון טייך, מיד פון באָדן זיך און הונגעריק — אַ געוואַלד, און דאָ טראָגט זיך דער געשמאַקער ריח פון די שבתדיקע מאכלים, וואָס די מאַמע קאָכט אין הויז...

מודה אני לפניך...

כ'האָב אַמאָל געלייענט אַ מעשה פון דזשעק לאָנדאָנען, און זי גייט מיר ניט אַרויס פון זינען.

ער דערציילט אין דער מעשה פון אַ אינגל, וואָס איז אַלט געווען פערצן יאָר, אָבער ער האָט אויסגעקוקט ווי צען, מחמת ער האָט פון קינדווייז אָן געאַרבעט אין אַ וועבער־פאַבריק, איז ער געבליבן אָן אָפּ־געצערטער, מיט דאַרע הענטלעך און פיסלעך. ער האָט זייער ליב געהאַט קאָסטאַרד פּאַי און די מאַמע זיינע האָט אַלע זונטיק געמאַכט פאַר אים קאָסטאַרד פּאַי. אָבער ס'איז געקומען איינמאָל אַ זונטיק, איז ער געווען אַזוי מיד, אַפילו דער קאָסטאַרד פּאַי האָט אים שוין ניט געפרייט. ער איז אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, ס'איז געווען אַ שיינער וואַרעמער טאָג. ניט ווייט פון זיין הויז זיינען געווען אייזנבאַן־רעלסן. ס'זיינען דאָרטן געשטאַנען וואַגאָנען. איז ער אַריינגעקראָכן אין אַ וואַגאָן, זיך אויס־געצויגן און איינגעשלאָפן. אין שלאָף האָט ער דערפילט, ווי די רעדער קלאַפּן. ער האָט אויפגעעפנט די אויגן און דערזען, אַז ער פאָרט. ס'איז אים באַפאַלן אין אָנהייב אַ מורא, ווייל מ'פירט דאָך אים אַוועק פון דערהיים ווער־ווייסט־וואוהין, אָבער אַז ס'איז אַזוי מחיה דאָ צו ליגן, און

מיט דעם וואָס מ׳פירט אים אַוועק פון דערהיים ווער־ווייסט־וואוהין, וועט ער דאָך שוין מערער ניט דאַרפן גיין אין דער פאַבריק. האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און ווידער איינגעשלאָפן מיט אַ זיסן שלאָף.

מיין ברודער יאָסל האָט אויך אָנגעהייבן צו אַרבעטן אין אַ שאָפ, ווען ער איז געווען גאָר יונג. אָפט זיך געקלאָגט פאַר דער מאַמען, אַז ער איז אַזוי מיד, אַזוי מיד. מיטאַמאָל איז ער פאַרשוואונדן פון דערהיים. מיט אַ צייט שפּעטער האָט די מאַמע פון אים געקראָגן אַ פּאָסט־קאַרטל, זי זאָל זיך ניט זאָרגן, און אַז ער וואַנדערט איבער אַמעריקע. האָב איך שוין פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט „וואַנדערן". ס׳האָט געמיינט, אַז ער טרעמפּעוועט, וואו ער נעכטיקט דאָרט טאָגט ער ניט. ער איז געווען אַ קלוג אינגל און האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ צום לערנען...

קומט צו מיר איינמאָל אַריין אַ טרעמפּ, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, קויטיק און באַוואַקסן, און ער איז נאָך אַ יונגער בחור. ס׳איז געווען אינדערפרי, און איך קאָן שווערן לויט דער סאַזשע אויף זיין פּנים און לויט דעם רויכיקן ריח, וואָס טראָגט זיך פון זיינע קליידער, אַז ער איז ערשט אַראָפּגעשפּרונגען פון אַ וואַגאָן־דאָך פון אַ באַן.

— איר זיינט אַ איד? — טוט ער מיך אַ פרעג פאַרשעמט.

— דערוויל, נאָך ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ איד, — ענטפער איך אים שפּאַסיק.

— איך בין אויך אַ איד, — טייטלט ער מיטן פינגער אויף זיך.

קוק איך אויף אים און טראַכט, אַז לויט זיין אויסקוק וואָלט מען אויף אים געקאָנט זאָגן אַלצדינג, נאָר ניט אַז ער איז אַ איד. אַ בלאָנדער קאָפּ האָר, גרויע אויגן, אַ גלייכע נאָז, דינע ליפּן, אַ הויכער מיט אַ דאַרן האַלז, און ס׳איז ניטאָ אין אים קיין שום סימן פון אַ שטריך וואָס מען וואָלט געקאָנט באַצייכענען אַלס אידיש.

— אָבער יאָ, איך בין אַ איד, — זעט ער, ווי איך קוק אויף אים מיט פאַרדאַכט.

— קאָנסטו רעדן אידיש? — פרעג איך אים.

— איך קאָן ניט, — מאַכט ער פאַרשעמט. — אַמאָל יאָ עפּעס געקאָנט, אָבער שוין פאַרגעסן.

און ער דערציילט מיר, אַז ער איז ערשט דריי־און־צוואַנציק יאָר אַלט, און אַז מיט אַכט יאָר צוריק איז ער אַוועק פון דערהיים, און פון

זינט דעמאָלט טרעמפּעוועט ער. און ביז ער איז אַוועק פון דערהיים האָט ער גראָד געוואוינט אין בראָנזוויל, אַ שטאָט, וואו מען הערט אויף די גאַסן זייער אָפט אידיש, און זיין טאַטע און מאַמע האָבן קיין ענגליש וואָרט ניט געקאָנט. צו פערצן יאָר איז ער אַוועק אַרבעטן ביי אַ בעקער, אָבער ס'איז אים געפאַלן זייער שווער. ער האָט שטענדיק נאָר געוואָלט שלאָפן. האָט ער זיך מישב געווען און איז אַוועק אין דער גרויסער וועלט אַריין. און אין די אַכט יאָר איבער דער גרויסער וועלט, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אידיש.

— אָבער פּאָרט, מאַך איך צו אים, — עפּעס אַ פּאָר ווערטער אין אידיש דאַרפסו דאָך געדענקען.

טראַכט ער אַ וויילע, זייער פיינלעך, און מיטאַמאָל שיסט ער אויס אַ פריילעכער:

— מודה אני לפניך מלך חי וקים.

מערער ווי דאָס האָט ער ניט געקאָנט. און איך טראַכט צו זיך: אָט־דער איז דאָס בחורל פון דזשעק לאָנדאָנס מעשה, אָדער מיין ברודער יאָסל. און וויפיל אַזוינע ברידערלעך זיינען צעשפּרייט ווי שטויב איבער די וועגן פון אַמעריקע? „מודה אני לפניך", אָט דאָס וואָס איז אים געבליבן פון זיין אידישע טאַטע און מאַמע.

מיין גאָלדע האָט אים געגעבן אָפּצועסן. איך האָב אים געגעבן אַ קוואָדער, און ער איז זיך אַוועק, מסתמא צו די באַן־רעלסן...

אין אַ צייט אַרום יאָוועט זיך ווידער אַריין אַ טרעמפּ אין מיין שאַפּ, און זיין נאָז זאָגט עדות, אַז ער איז זייער אַ נאָענטער מחותן מיטן ביטערן טראָפּן. זיין פּנים איז געווען באַוואַקסן מיט שיטערע שטעכעדיקע רויטע האָר, זיינע הענט שוואַרץ, ווי זיי וואָלטן פון געבוירן אָן ניט געוואוסט דעם טעם פון וואַסער. די גרויסע אייגעלעך זיינע זיינען אָבער געווען פריילעכע. לאָזט ער מיר וויסן קודם־כל, אַז ער איז אַ איד, און דער־ציילט מיר אַ „האַרד לאַק סטאָרי", ווי מען זאָגט אין ענגליש, ווי אַזוי זיין טאַטע איז געשטאָרבן, זיין מאַמע איז געשטאָרבן, זיינע ברידער זיינען געשטאָרבן, זיינע שוועסטער זיינען געשטאָרבן. אַלע זיינען גע־שטאָרבן, נאָר ער איינער איז געבליבן לעבן. איצטער איז ער הונגעריק און האָט ניט קיין פּעני ביי דער נשמה.

— דו גלייבסט ניט, אַז איך בין אַ איד? — זעט ער ווי איך קוק

אויף אים פאַרשנדיק, און ער שיסט גלייך אויס: „מודה אני לפניך מלך חי וקים.״ די ווערטער קייקלען זיך אַרויס פון זיין מויל, ווי האַרטע שטיינדלעך.

מאַך איך זיך, אַז איך גלייב אים, האָדעווע אים אָן, גיב אים אַ מטבעה און ער גיט מיר דערפאַר אַ סך ברכות און דאַנקונגען...

מיט אַ צייט שפּעטער יאָוועט זיך ווידער אַריין אַ טרעמפּ, און ער איז אויך אַ איד, זאָגט ער, אַ סימן — „מודה אני לפניך מלך חי וקים״... הכלל, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ס׳האָבן אָנגעהייבן צו קומען צו מיר טרעמפּס גאָר אָפט און יעדער איינער איז געווען אַ איד, און יעדן איינעמס סימן איז געווען „מודה אני לפניך״...

אין יענע יאָרן זיינען געווען שטאַרק באַרימט דזשעק לאָנדאָנס מעשיות וועגן טרעמפּס. אויב איך האָב קיין טעות ניט, זיינען זיי געווען איבערגעזעצט אין אידיש און איך האָב זיי טאַקע געלייענט אין אידיש. האָב איך שוין פאַרשטאַנען פון דזשעק לאָנדאָנס טרעמפּ־מעשיות, אַז מיין הויז איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער אַדרעס ביי די טרעמפּס. מען גיט זיך איבער איינער דעם אַנדערן, אַז אויב דו וועסט פאַרוואָרפן ווערן אין נעשוויל, טענעסי, גיי אויף דער און דער גאַס, צו דעם און דעם נומער. זאָג, אַז דו ביזט אַ איד, חזר זיך איין „מודה אני לפניך מלך חי וקים״, וועט מען דיר געבן עסן און אויך אַ מטבע...

איינמאָל אַן אינדערפרי, איך האַלט אין עפענען מיין שאָפּ, ווי ס׳קומט אָן אַ טרעמפּ, אַ דאַרינקער, אַן אויסגעמאַטערטער. איידער יענער עפנט אויף ס׳מויל, טו איך אַ מאַך אין שפּאַס:

— מודה אני לפניך מלך חי וקים?

— אוי, זלמן! — טוט יענער אַ געשריי אויס.

אין אָנהייב בין איך געווען שטאַרק געפּלעפט, אָבער איינקוקנדיק זיך אין אים בעסער, האָב איך זיך גלייך געכאַפּט, ווער ס׳איז. איר שטויסט זיך שוין מסתמא אַליין אָן, אַז דאָס איז געווען מיין ברודער יאָסל. אַך, וואָס פאַר אַ תל ס׳איז געוואָרן פון אים! ער האָט געבראַכט זייער אַ שלעכטן הוסט. מיין גאָלדע האָט שוין אַכטונג געגעבן אויף זיין הוסט. זי ווייסט וואָס צו טאָן קעגן אַ הוסט. פאַרלאָזט זיך אויף גאָלדען!

ער האָט מיר דערציילט, יאָסל, אַז נאָך אין סאַן פראַנציסקאָ האָט ער געהערט פון אַ טרעמפּ וועגן אַ אידישן שוסטער אין נעשוויל, וואָס

אַז מען זאָגט אים „מודה אני לפניך" גיט ער אַ מאָלצייט און אויך אַ מטבעה. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זיין ברודער זלמן.

— אָבער זאָג מיר, יאָסל, וואָס פאַר אַ תכלית וועט זיין פון דיין אַרומטרעמפּעווען? — פרעג איך אים.

— קיין שום תכלית ניט, — ענטפערט ער מיר אַ טרויעריקער.

— אָבער פאַרט?

— איך ווייס ניט. ס'האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיר אַן אומרו, און ער ציט מיך.

יאָ, ס'האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אים דער אומרו און ס'האָט אים געצויגן. איך האָב פאַר אים געפונען אַ דזשאָב ביי מיינעם אַ באַקאַנטן אידן אין נעשוויל, אין אַ קראָם פון קליידער. אין איינעם אַן אינדערפרי האָט ער געזאָלט אָנהייבן אַרבעטן. אין דעם אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, אָפּגעגעסן פרישטיק, געזאָגט אַ פריילעכער אַ גוטן טאָג... פאַרנאַכט איז ער ניט געקומען צוריק. מיר האָבן געפרעגט דאָרטן, וואו ער האָט געזאָלט אָנהייבן זיין דזשאָב, האָט מען געענטפערט, אַז ער איז גאָר אינגאַנצן ניט געקומען...

יאָ, מודה אני לפניך, מלך חי וקים...

שיכורים

ווי זיי האָבן דיר דערשמעקט, די שיכורים, אַז מיין גאָלדע מאַכט וויין! און איר ווייַן — איר האָט דאָך אים ניט איינמאָל פאַרזוכט, און איך דאַרף אייך שוין ניט זאָגן.

און מיין גאָלדע מאַכט וויין אויפן גרויסן מאַסשטאַב, אַזוי צו זאָגן. עטלעכע גאַלאָנס מיטאַמאָל. וואָלט איר געמיינט, אַז איך, זלמן דער שוסטער, בין עס אַזאַ גרויסער טרינקער, און דאָס מאַכט זי צוליב מיר. פאַרשטייט זיך, אַז איך זאָג זיך ניט אָפּ פון קיין ביסעלע, ביי אַ מאָלצייט, אָדער צוזאַמען מיט פריינט, אָבער ווען ס'זאָל ניט זיין, וואָלט עס מיר

ניט געפעלט. קאָנט איר אפשר מיינען, אַז זי איז חס וחלילה אַ טרינקערין, לאָזט זיך אויס, אַז זי פּאַרזוכט דאָס אַפילו ניט. שטאַמט זי אפשר פון די בעסאַראַביער אידן, וואָס שטעלן ווייַן איז כמעט ביי זיי בירושה? איז זי גאָר אַ געבראָטענע ליטוועטשקע, ווי מען זאָגט. דאָס איז בלויז צוליב איר גרויסן טאַלאַנט אַלס באַלעבאָסטע, און אויך צוליב דעם, וואָס מענטשן לאַכן, ווען זיי טרינקען ווייַן, און זי האָט זייער ליב, ווען מענטשן לאַכן.

אויף מיין גאַס זיינען געווען אַ סך סאַלונען און אַ סך שיכורים.

ס'איז געווען צווישן זיי איינער אַ דזשאַן, אַ נידעריקער און אַ דאַרינקער. איינמאָל אַ פרימאָרגן שטיי איך אינדרויסן פאַר מיין שאַפּ, ווי דער דאָזיקער דזשאַן שטעלט זיך פּלוצלונג אָפּ און הייבט עפּעס אָן צו שמעקן.

— וואָס שמעקסטו? — פרעג איך אים מיט אַ שמייכל.

— עפּעס פילט זיך ווייַן, — ענטפערט ער מיר ערנסט.

טאָקע נאָר אַ שיכור האָט דיר געקאָנט דערשמעקן, אַז אויבן אויפן צווייטן שטאָק, אין קיך, וואָס איז דער לעצטער צימער צום הויף, שטייען דאָרטן און זייערן זיך עטלעכע גאַלאָנס מיט ווייַן. איך האָב אומיסטן אויך געשמעקט און גאָרניט געקאָנט דערשמעקן.

איך האָב אים אַריינגערופן אינעווייניק און אים געגעבן צו פאַרזוכן אַ גלעזל פון מיין גאָלדעס ווייַן, און ער האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּלויבן. האָב איך אים געגעבן אַ צווייט גלעזל, און ער לויבט נאָך שטאַרקער. האָב איך אים געגעבן אַ דריט גלעזל, און ער האָט זיך געוואָרפן אויף מיין האַלז און מיך געוואָלט קושן...

מיט דער צייט האָבן אָנגעהייבן אַריינצוקומען אויך אַנדערע שקלאַפן פון גלעזל. האָב איך דערזען, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, האָב איך אויפגעהערט זיי מכבד זיין מיט מיין גאָלדעס ווייַן. אָבער זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו קומען און איבערליגן ביי מיר שעהען און שעהען אין דער שוסטעריי. און דאָ האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ניט נאָר מיין גאָלדעס ווייַן האָט זיי צוגעצויגן, ווי דאָס וואָס זיי האָבן זיך געקאָנט צונויפקומען צוזאַמען. אַ כראָנישער שיכור איז דער עלנטסטער מענטש אויף דער וועלט. דאָס הייסט, ווען ער טרינקט זיך גוט אָן, האָט ער אַלעמען אין דער ערד, און די גאַנצע וועלט איז זיינע; ווען ער איז אָבער

ניכטער, האָט ער זיך ניט וואוהין אַהינצוטאָן. דער דורכשניטלעכער מענטש וויל זיך ניט חברן מיט אַזעלכע. אַ חוץ דעם איז ביי זיי אַליין דאָ אַזאַ געפיל, אַז זיי זיינען די ערגסטע שבערגסטע, די נידעריקסטע שבענידעריקסטע אין דער געזעלשאַפט. דעריבער איז מיין פּלאַץ געוואָרן ביי זיי אַ מין קלוב, אַ קלוב פון ברידער אין דעמזעלבן אומגליק.

אָבער זיי זאָלן זיך שטענדיק געפינען אין מיין שאַפּ, איז דאָך אויך ניט קיין פּלאַן. זיי שטערן מיר אין דער אַרבעט. ס'איז ניט גוט פאַר קונים. האָב איך אין הויף אויפגעשטעלט אַ לאַנגן טיש מיט בענק און דאָס אָפּגעגעבן פאַר זיי. און דאָרטן אין הויף פלעגן זיי זיך כמעט אַלע טאָג צונויפקומען און רעדן וועגן וויין און אויסטראַכטן פאַרשיידענע קונצן, ווי אַזוי צו קריגן געלט און קויפן וויין. דזשאָן איז געווען זייער געשיקט אויסצובעטלען אויף דער גאַס געלט ביי מענטשן. אויף זייער לשון האָט דאָס געהייסן אַ „מוטשער".

צווישן זיי איז געווען איינער אַ מעקדאָנאַלד, אַ געוועזענער סאָציאַ־ליסט. ווען ער איז געווען שיכור, איז געווען אַ מחיה מיט אים צו פאַרברענגען; ווען אָבער ער איז געווען ניכטער, האָט ער אויסגעקוקט ווי עפּעס אַ צעררייצטע חיה. אַן אָנגעטרונקענער, איז ער געווען די גוטס־קייט אַליין; אַ ניכטערער, איז ער אומגעגאַנגען אַ צעשויבערטער, אַ צעכראַסטעטער. אַן אָנגעטרונקענער, איז ער געווען פאַרקעמט, פאַר־שפּיליעט. ער האָט מיט מיר געלערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע — אויסנ־ווייניק, פאַרשטייט זיך. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון מאַרקסן. אין ראַסקין, טענעסי, האָט זיך אַמאָל געגרינדעט אַ קאָלאָניע אויף סאָציאַ־ליסטישע יסודות. ס'זיינען דאָרטן געווען אַ דריי הונדערט פאַמיליעס. ער, דער דאָזיקער מעקדאָנאַלד, איז אויך געווען איינער פון די קאָלאָניסטן. די קאָלאָניע האָט אָנגעהאַלטן אַ דריי־פיר יאָר און זיך צעפאַלן, ווי ס'רוב אַזוינע קאָלאָניעס. און מעקדאָנאַלד, אַן אַנטוישטער, האָט אָנגעהייבן צו שיכורן.

צווישן די שיכורים איז געווען איינער, וועמען מ'האָט גערופן „דאָק", כאָטש געהייסן האָט ער גאָר שמואל, אָדער סעמועל. אַן אָנגעטרונקענער, האָט ער געהאַט אַ טבע צו וויינען, זיך שלאָגן אין האַרצן אַריין און זיך רופן „פּאָדליעץ", דאָס הייסט, אויסוואורף.

יעדער איינער כמעט פון די דאָזיקע שיכורים האָט זיך פאַר מיר

מודה געווען, אַז ער ווייסט, אַז די שיכרות וועט אים סוף־כל־סוף חרוב מאַכן אינגאַנצן און דערפירן ביז משוגעת, אָבער ער האָט ניט גענוג כוח אויפהערן צו טרינקען. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז יעדער איינער כמעט האָט ניט איינמאָל געמאַכט אַ פּרואוו אויפצוהערן טרינקען, און ס׳איז זיי געלונגען בלויז אויף אַ קורץ שטיקל צייט, און זיי האָבן ווידער אָנגעהייבן.

לערנענדיק מיך פּאָליטישע עקאָנאָמיע, האָט מעקדאָנאַלד אָפּט אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן כוח, וואָס אַ קאָלעקטיוו פאַרמאָגט. האָב איך מיך אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר ווען אַלע שיכורים צוזאַמען זאָלן באַשליסן אויפהערן צו טרינקען, וואָלט דאָס געווירקט — אויב ניט אויף אַלעמען, איז כאָטש אויף אייניקע.

איך האָב אָנגעהייבן מיט דעם, אַז יעדער איינער זאָל נעמען דאָס וואָרט, דערציילן ווי אַזוי ער איז געקומען צום שיכרות, און וואָס פאַר אַ שלעכטס דאָס שיכרות טוט אים אָפּ. אָבער אַזוי ווי זיך גלייך אָפּ־געוואוינען פון שיכרות, האָב איך געוואוסט, קאָן מען ניט, האָב איך געשטעלט פיר פלעשער וויין פאַר אַלעמען. ס׳זיינען געווען אַרום צען מענטשן, און כ׳האָב אויסגערעכנט, אַז ס׳וועט זיין גענוג אויף איין גלאָז וויין פאַר יעדן איינעם.

דעם צווייטן טאָג האָב איך געשטעלט פאַר זיי בלויז דריי פלעשער. דעם דריטן — בלויז צוויי. דעם פערטן — בלויז איין פלאַש. דעם פינפטן טאָג — ווידער אַמאָל איין פלאַש, אָבער מיט דעם תנאי, אַז די פלאַש זאָל בלייבן אומבאַרירט, דאָס הייסט, זיי קאָנען בלויז קוקן אויף איר און פּרואוון זייער כוח און ווידערשטאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינער האָט געקוקט אויף דער פלאַש מיט בענקשאַפט און באַגער, אָבער אַ קאָלעקטיוו האָט אין זיך אַ געוואַלדיקן כוח: קיינער האָט זיך ניט צוגערירט צו איר, און בלויז זיך דערציילט איינער דעם אַנדערן, וואָס פאַר אַ געפערלעכער סם וויין איז און ווי אַזוי דער מענטש דאַרף נעמען די אויבערהאַנט איבער דעם טיוול.

אַ פּאָר שעה זיינען זיי אַזוי אָפּגעזעסן. גערעדט און געקוקט אויף דער פלאַש. דערנאָכדעם זיינען זיי זיך צעגאַנגען, ניט אָנרירנדיק זי. איך האָב געהאַט גרויס פריידי.

אַלע האָבן זיי זיך מיט מיר געזעגנט מיט אַ מין לויטערקייט, ווי די צדיקים. איך האָב דאָ דערוויל שנעל געדאַרפט אַריינלויפן אין שאַפּ צו

אַ קונה, אָבער אין שאַפּ האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך האָב איבערגעלאָזט די פלאַש ווײַן אויפן טיש אײנע אַלײן. איך בין צוריקגעלאָפן אין הויף — און ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט...

אָבער איך בין ניט אַראָפּגעפאַלן ביי זיך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳נעמט אַ סך צייט און געדולד מיט אַזוינע מענטשן, ביז מען דערגרייכט גוטע רעזולטאַטן.

מיין אוניווערסיטעט

...מיין הייזקע און שאַפּ אין נעשוויל איז געווען ניט ווייט פון דאָרטיקן אוניווערסיטעט, האָב איך שוין ניט גענדאַרפט גיין אין אוני־ווערסיטעט אַריין זיך לערנען, נאָר דער אוניווערסיטעט איז געקומען צו מיר. אַ סך פּראָפעסאָרן און סטודענטן פלעגן אַריינקומען אין מיין שוסטעריי — אין אָנהייב, צו פאַרריכטן זייערע שיך, אָבער שפּעטער — גלאַט אַזוי צו שמועסן מיט מיר. צי זיי, די סטודענטן און פּראָפעסאָרן, זיינען געוואָרן קליגער פון די שמועסן מיט מיר, ווייס איך ניט, אָבער איך בין געוואָרן אַ סך קליגער. כ׳האָב קיינמאָל אין מיין לעבן אַ חוץ אין אַ חדר ניט געלערנט, און איך האָב שטענדיק געדורשט נאָך וויסן. פון די פּראָפעסאָרן און סטודענטן האָב איך זייער אַ סך גענאַשט. איז געקומען צו מיר אַ סטודענט, האָב איך אים גלייך אָנגעהייבן אויספרעגן, וואָס ער לערנט אין אוניווערסיטעט און וואָס פאַר אַ געגנשטאַנד איז ביי אים דער באַליבסטער. אויב, למשל, ער האָט געזאָגט „געשיכטע פון אַמעריקע״, האָב איך אים געשטעלט פראַגן וועגן דער אַמעריקאַנער געשיכטע. און זיי האָבן ליב געהאַט צו ענטפערן אויף מיינע פראַגן, מחמת דאָס וואָס אַ מענטש ווייסט, האָט ער זייער ליב צו טיילן זיך מיט אַן אַנדערן. אַ חוץ דעם, דורך דערציילן מיר, וואָס ער ווייסט, איז אויך געווען אַ מין אָפּפרישן פאַר אים אַליין, דאָס וואָס ער האָט פריער געלערנט.

ס׳פלעגט צו מיר אַריינקומען איינער אַ פּראָפעסאָר האַרדינג, וואָס האָט געלערנט די סטודענטן אין אוניווערסיטעט וועגן אָפּשטאַם פון מענטשן. און איך האָב אים שוין ניט אָפּגעלאָזט. מיין גאָלדע פלעגט זאָגן צו מיר:

— וועסט נאָך פאַרטרייבן קאָסטימער! אַז דו נודיעסט אַזוי פיל, וועלן זיי ניט וועלן קומען נאָך אַמאָל.

אָבער די שיינע זאַך איז, וואָס מען איז געקומען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אַפילו ווען זיי האָבן ניט געדאַרפט פאַררעכטן קיין שיך. אַפילו דער זעלביקער פּראָפעסאָר האַרדינג איז געקומען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. איך האָב זייער אַ גוטן זכרון; דאָס וואָס איך נעם אַריין, בלייבט אין מיר. האָט דער פּראָפעסאָר האַרדינג אומיסטן געוואָלט וויסן, צי איך געדענק דאָס וואָס ער האָט מיר מיט עטלעכע וואָכן צוריק דערקלערט וועגן אַ געוויסן ענין, און איך האָב געדענקט. ער האָט מיר איינמאָל געזאָגט, אַז ווער ווייסט וויפיל גרויסע געלערנטע ס׳וואָלטן אַרויסגעקומען פון די אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן ניט ביַיד צו לערנען.

אָבער ניט נאָר סטודענטן און פּראָפעסאָרן זיינען אַריינגעקומען אין מיין שוסטעריי אין נעשוויל, נאָר אויך שיכורים, ווי איך האָב איך פריער דערציילט.

אויך גענגסטערס, טאַקע פשוטע רויבער, רוצחים האָבן זיך פאַרליבט אין מיר. וואָס האָט זיי צוגעצויגן צו מיין שוסטעריי, ווייס איך ניט. מיין גאָלדע האָט זייער ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלן קומען. זי האָט פשוט מורא געהאַט פאַר זיי, און זי איז געווען אין כעס אויף מיר, פאַרוואָס איך שמייכל צו זיי און זאָג זיי אַמאָל אַ וויץ, פון וואָס זיי לאַכן.

זאַנאַדיעט האָט זיך אין מיין שוסטעריי איינער אַ פּיט, דער אמתער חברה־מאַן! דווקא אַ דינינקער, אָבער זייער אַ ביסטרער. אַ העל־האָריקער איז ער געווען, מיט קליינע גרויע אייגעלעך. ער איז געווען דער פירער פון אַ גענג, די גאַנצע געגנט האָט פאַר אים געציטערט. יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז ער טראָגט ביי זיך שטענדיק אום אַ רעוואָלווער.

ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַריינגעקומען אין מיין שוסטעריי, איז ער אַריינגעגאַנגען חוצפהדיק, סטראַשענדיק. עפּעס האָט אים גע־קוועטשט אַ שוך, און ער האָט געוואָלט איך זאָל עפּעס מאַכן און ס׳זאָל

אים ניט קווטשן. ער האָט געוואָלט שוין, באַלד — די מינוט, און גראָד האָב איך געהאַלטן אין אַרויסענדיקן אַ נויטיקע אַרבעט פּאַר איינעם.

איך האָב געזאָגט דעם גענגסטער, פּשוט און רואיק, ער זאָל אַביסל צוואַרטן. אָבער איר זאָלט געווען זען, ווי ער האָט זיך אָנגעצונדן! זיינע אייגעלעך זיינען געוואָרן מערדעריש. צעלאַך איך זיך גוטמוטיק. פרעגט ער מיך בייז, וואָס איך לאַך, זאָג איך אים:

— איך לאַך פון דעם, וואָס דו ביזט אַ גרויסער נאַר. צינדסט זיך זיך אָן צוליב אַ קלייניקייט, פּונקט ווי אַ קינד. שעמען דאַרפסטו זיך! בעסער זעץ זיך אַנידער און האָב געדולד, ס׳וועט נעמען אַ פּאָר מינוט און איך ווער פאַרטיק.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און זיך באַרואיקט. איך האָב דערווייל געכאַפּט אַ שמועס מיט אים. אים געפרעגט, ווי אַזוי ס׳גייען זיינע געשעפטן. האָט ער מיר געענטפערט: „נאָן אָוו יור ביזנעס!״ האָב איך אים געענטפערט, אַז ס׳איז זייער קלוג געזאָגט, אָבער פונדעסטוועגן, ווי אַזוי טאַקע גייען זיינע „נאָן־אָוו־מאַי־ביזנעס״? האָט ער זיך צעלאַכט. האָב איך אים געזאָגט, אַז לאַכן פּאַסט אים שענער צום פּנים, ווי בייזקייט. האָט ער ווידער געלאַכט.

בקיצור, ער איז געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו מיר. רעפּאַרמירן האָב איך אים ניט רעפּאַרמירט. פאַרקערט, ווען איך היט זיך ניט, וואָלט ער מיך גיכער רעפּאַרמירט, דאָס הייסט, ער וואָלט מיך אַריינגעפּלאָנטערט אין זיינע געשעפטן. ער האָט מיר שטענדיק געוואָלט פאַרקויפן דימענטענע רינגען אָדער אַנדערע טייערע חפצים, פאַר כמעט אַ שיבוש, אָבער איך האָב אים שטענדיק אָפּגעפּטרט מיט אַ וויץ. וואָס איך האָב זיך שטענדיק געוואונדערט, איז וואָס אַלע מאָל ווען ער פלעגט אַרעסטירט ווערן, פאַר היפּשע פאַרברעכנס, און איינמאָל אַפילו פאַר אַ מאָרד, האָבן די ריכטער שטענדיק בטל געמאַכט די קלאָגעס קעגן אים. איך האָב אים איינמאָל געפרעגט: „וואָס פאַר אַ כוח האָסטו, וואָס די ריכטער באַפרייען דיך שטענדיק?״ האָט ער געשמייכלט, און מיר געזאָגט:

— דו קענסט דעם און דעם?

און ער רופט מיר אָן דעם נאָמען פון אַ מענטשן, וואָס איז געווען דער פירער פון אַלע פּאָליטישנס אין שטאָט, אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק,

מיט אַ בכבודיקן אויסזען, און אַ געוואַלדיקער פּרומאַק, ניט פאַרפעלט קיין איין זונטיק צו גיין אין קלויסטער.

— יאָ, איך קען דעם און דעם, — רוף איך זיך אָן. — איז וואָס־זשע?

— איך וועל דיר אַמאָל עפּעס ווייזן וועגן אים, — לאַכט ער, — וועסטו פאַרשטיין פאַרוואָס.

שפּעטער מיט אַ צייט האָט ער מיר געוויזן עפּעס, און ס'איז געווען וואָס צו זען. ס'איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע, אַ „סנעפּ־שאָט", ווי מען רופט דאָס, פון דעם דאָזיקן פּאָליטישן, דעם בכבוד־אויסזעענדיקן פרומען מאַן, אין זייער ניט קיין בכבודיקער און אויך ניט אין קיין גאָר פרומער פּאָזע מיט נאָך עמיצן. און ווער דער נאָך „עמיצער" איז געווען, שטויסט איר זיך שוין מסתמא אָן אַליין.

— אָט ער, — לאַכט פּיט, — איז מיין מלאך, שטענדיק ווען איך פאַל אַריין. ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב ביי זיך די פאָטאָגראַפיע...

— און אָט אַזוי, — שמייכלט טרויעריק־קלוג צו מיר זלמן דער שוסטער, דער זקן, — האָב איך דורכגעמאַכט דעם אוניווערסיטעט אין מיין אייגענער שוסטעריי. סטודענטן, פּראָפעסאָרן, שיכורים, גנבים, רויבער און מערדער, און איך בין געווען זייער אַ פלייסיקער לערנער...

איך לויף פאַר סיטי־טרעזשורער

איידער איך בין געוואָרן אַ בירגער, האָב איך אויסגעלערנט די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע אויף אויסנווייניק מיט אַלע אירע אַמענדמענטס. איר זאָלט מיך אַפילו אויפוועקן פון שלאָף, וועל איך זי אייך גלייך אָפּקנאַקן אויף אויסנווייניק. דערפאַר איז ביי מיר ניט געווען אויסער דער זאַך, ווען דער סאָציאַליסטישער לאָקאַל אין נעשוויל האָט באַשטימט איך זאָל לויפן פאַר „סיטי־טרעזשורער" אין די שטאָטישע וואַלן.

די אידן אין נעשוויל, אָבער, די קרעמער, די הענדלער, די

קאָסטימער־פּעדלער האָבן גאַרניט אויפגעהערט צו שפּעטן: זלמן דער שוסטער — אַ סיטי־טרעזשורער!

— הלמאי, — האָב איך זיי געזאָגט, — אייבערהעם לינקאָלן, אַ האָלץ־העקער, איז געוואָרן אַ פּרעזידענט? — האָבן זיי ווידער געלאַכט. ניט געגלייבט, אַז אַזאַ גרויסער מאַן, ווי אייב לינקאָלן, איז אַמאָל געווען אַ האָלץ־העקער, און זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס טראַכט איך אומיסטן אויס.

מיין גאָלדע, ווידער, איידער נאָך וואָס־ווען, האָט זיך גלייך אָנגעהייבן זאָרגן. טאָמער וועט מען מיך טאַקע אויסקלייבן אַלס „סיטי־טרעזשורער״, וועט מען מיר דאָך איבערגעבן די שטאָטישע קאַסע, און דאָרטן וועלן מסתמא זיין ווער ווייסט וויפיל טויזנטער, און גנבים אין נעשוויל זיינען דאָך ברוך־השם דאָ גענוג, איז וואָס־זשע טוט מען, די שעה זאָל ניט טרעפן און מען רייסט זיך ביינאַכט אַריין אין סיטי־האָל און מען גנבעט צו די געלטער? אַ חוץ דעם קאָן איך נאָך מאַכן אַ טעות אין אויסשרייבן די טשעקס, און מיר וועלן נאָך דאַרפן דערלייגן פון אונזער אייגענער קעשענע.

האָב איך זי באַרואיקט מיט דעם, וואָס איך האָב איר צוגעזאָגט, אַז איך וועל ניט האַלטן די קאַסע מיט די געלטער אין סיטי־האָל, נאָר אין אונזער אַלקער, וואו מיר שלאָפן. און וועגן מאַכן אַ טעות, וועל איך שוין זען האַלטן די אויגן אָפן.

מיט דער צייט האָט איר גראָד אָנגעהייבן צו געפעלן דער ענין. אַ סך קריסטלעכע שכנים, וואָס האָבן זיך קיינמאָל צו איר ניט געגריסט, האָבן אָנגעהייבן זיך איר צו גריסן. ס'איז איר אויך געפעלן, וואָס מען דרוקט מיין בילד אויף ליפלעטס און מען צעטיילט דאָס איבער דער גאַנצער שטאָט. זי אַליין האָט זיך אויך שטאַרק אַריינגעוואָרפן אין דער קאַמפּאַניע. זי איז אַרומגעגאַנגען צווישן די שכנים און זיי דערציילט, וואָס פאַר אַ טייערער מאַן איך בין צו איר, און וואָס פאַר אַ גוטער טאַטע איך בין צו די קינדער, און בכלל, וואָס פאַר אַ געראָטענער און קלוגער מענטש איך בין. און אַז מען וועט מיך אויסקלייבן אַלס „סיטי־טרעזשורער״, וועל איך אָפּהיטן יעדע פּעני ווי מיין אייגענע און וועל ניט פאַרשווענדן די שטאָטישע געלטער דאָרטן אויף נאַרישקייטן, ווי דער פריערדיקער „סיטי־טרעזשורער״ האָט דאָס געטאָן.

אַ חוץ דעם האָט זי כמעט אַלע טאָג געבאַקן אירע באַרימטע קיכעלעך

און געגעבן יעדן איינעם צו פאַרזוכן, און צוגעזאָגט, אַז ווען מען וועט מיך דערוויילן, וועט זי פּראַווען אַ גרויסע סעודה פאַר אַלעמען, מיט גענזן־פלייש, מיט געריכערטע צונגען און מיט וויין און מיט קאַרנעם לעקעך.

די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג האָבן אויך שטאַרק געוואָלט, אַז מען זאָל אַ זייעריקן אויסקלייבן פאַר „סיטי־טרעזשורער". האָבן מיר אויף אונזערע פּיקניקס ביים אידישן בוים אין די זונטיקס איינגעלאַדן גוטע רעדנער פון אונזער סאָציאַליסטישן לאָקאַל און זיי האָבן גערעדט שטענדיק פאַר אַ גרויסן עולם. מחמת די אַנדערע מענטשן אין פּאַרק פלעגן זיך אַרומשטעלן אַרום דעם אידישן בוים און זיך צוהערן צו די רעדנער.

פאַרשטייט זיך, אַז איך און די גענאָסן האָבן גוט געוואוסט, אַז מיר, די נעשווילער סאָציאַליסטן, האָבן ניט נאָר קיין מינדסטע געלעגנהייט, אַז עמיצער פון אונז זאָל דערוויילט ווערן צו עפּעס אַ שטאָטישן אַמט, נאָר אַפילו די צאָל שטימען, וואָס מיר וועלן קריגן, וועט זיין זייער אַ קליינע. אונזער גאַנצער סאָציאַליסטישער לאָקאַל איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון אַ פופצן אָדער צוואַנציק מענטשן. און דאָ גאָר די צייטונגען אין שטאָט האָבן אונז שטענדיק אויסגעמאָלן ווי „קרעק־פּאָטס". ווי אַזוי וואָלט איך אייך דאָס איבערגעזעצט אין אידיש? — „קרעק" איז די טייטש אַנגע־שפּאָלטן, אָדער צעשטשערבעט; „פּאָט" מיינט אַ טאָפּ, און דאָס איז אַ חוזק־וואָרט פאַר קאָפּ. ס'הייסט מענטשן, וואָס דער קאָפּ איז ביי זיי ניט ווי אַזוי ס'דאַרף צו זיין. ביי אונז אין שטעטל וואָלט מען געזאָגט: מענטשן, וואָס ס'פעלט זיי אַ קלעפּקע אין קאָפּ. אָט אַזוי חנעוודיק האָט מען אונז פאַרגעשטעלט אין די צייטונגען. אַ חוץ דעם איז דאָס די „סאָוט" מיט דעם „פּאָל־טעקס". און וואָס אַזוינס דער „פּאָל־טעקס" איז, דאַרף איך אייך דאָך ניט דערציילן. אין נעשוויל, וואָס האָט פאַר־מאָגט דעמאָלט פערציק טויזנט נפשות און אפשר מערער, האָבן נאָר אַרום אַ דריי טויזנט בירגער זיך געקאָנט באַטייליקן אין די וואַלן. וואָס מיר זיינען אויסן געווען מיט אונזער אַרויסשטעלן קאַנדידאַטן, איז געווען צו באַקענען דעם עולם מיטן סאָציאַליזם.

הכלל, ס'איז געוואָרן פריילעך אין נעשוויל. מיר, די סאָציאַליסטן, האָבן זיך געיאָוועט אויף אַלע עפנטלעכע פּלעצער, וואו אַ סך מענטשן

קומען זיך צונויף, ווי אַנטקעגן דעם געריכט־הויז, און מיר האָבן געגעבן דעם עולם צו פאַרשטיין דעם אמת וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג.

איך האָב פאַרמאָגט אין נעשוויל אַ סך פריינט. כמעט יעדער איינער, וואָס איז געקומען אין מיין שאָפּ פאַרריכטן שיך, איז שוין געבליבן מיין פריינט. די סטודענטן שמועסט מען שוין ניט. זיי האָט זיך זייער געוואָלט, אַז מען זאָל זייער פריינט, זלמן דעם שוסטער, אויסקלייבן אַלס „סיטי־טרעזשורער". זיי האָבן געדרוקט ליפלעטס און פּאָוסטערס אויף זייער אייגענער רעכענונג, אָפּגעהאַלטן מיטינגען אויף די עפנטלעכע פּלעצער, און שטאַרק געקאַמפּיינעוועט פאַר מיר. איינער צווישן זיי, אַ טאַלאַנטפולער מאָלער, האָט מיך אויסגעמאָלן אויף אַ פּאָוסטער, ווי איך זיץ ביים שוסטער־טישל און קלאַפּ מיטן האַמערל אויף אַ פּאָדעשווע, און אונטן איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות: „עלעקט אַנעסט זלמן דהי קאָבלער פאַר סיטי־טרעזשורער!" דאָס הייסט: „קלייב אויס דעם ערלעכן זלמן דער שוסטער פאַרן שטאָט־קאַסירער!" די קינדערלעך פון מיין בלאָק האָבן אויך געאַרבעט פאַר מיר. זיי האָבן מיט קרייד אָנגעשריבן אויף אַ סך טראָטואַרן, אַז מען זאָל נאָר „זלמן דהי קאָבלער" אויסקלייבן פאַר „סיטי־טרעזשורער".

איך האָב ליב אַמעריקע. איך האָב עפּעס אַ גוטן טעם אין איר. טאַקע צוליב די סטודענטן, צוליב די קינדער, צוליב אַלע גוטע לייט, וואָס געפינען זיך שטענדיק, אין יעדער צייט און אומעטום, אין יעדער שטאָט. אויב ס׳וועט מיר אויסקומען נאָכאַמאָל צו געבוירן ווערן, וועל איך וועלן געבוירן ווערן טאַקע אין אַמעריקע, אָבער מיטן תנאי, אַז מיין גאָלדע זאָל צוריק זיין מיין לאַכנדיקע לעבנס־באַגלייטערין.

אין מיינע אַריבער זעכציק יאָר אין דעם דאָזיקן לאַנד האָב איך זיך אָנגעטראָפן מיט אַ סך אמת־שיינע און טייערע אַמעריקאַנער מענטשן. סיי צווישן די געלערנטע און סיי צווישן די פּשוטע מענטשן אויף מיין גאַס.

יאָ, זיך אומקערן צוריק צו דער מעשה. וואָס נעענטער ס׳איז געקומען צו דעם טאָג פון די וואַלן, אַלץ שאַרפער זיינען געוואָרן די פיילן, וואָס די אַנדערע פּאַרטייען האָבן געשיקט קעגן אונז, סאָציאַליסטן. די צייטונגען, פאַרשטייט זיך, האָבן געמאַכט חוזק פון אונז אַלעמען, און באַזונדערס פון מיר. זיי האָבן געשריבן, אַז איך קאָן זיך אַפילו ניט

אונטערהתמענען און אַז איך קאָן אַפילו ניט רעדן קיין ענגליש, און אַז איך חבר זיך גאָר מיט שיכורים און גנבים, און אַז איך אַליין בין מסתמא א שיכור.

וואָס איז געווען דער סוף, ווילט איר מסתמא וואָס גיכער וויסן? איז וועגן מיך דערוויילן אַלס „סיטי־טרעזשורער״, שטויסט איר זיך מסתמא אָן, אָבער וועגן דער צאָל שטימען, וואָס מען האָט אָפּגעגעבן פאַר מיר, שטויסט איר זיך אפשר ניט אָן. איר וועט ניט גלייבן. דריי הונדערט און פופציק שטימען האָט מען אָפּגעגעבן פאַר מיר — מערער פון אַ צענטל פון אַלע שטימען! מיר אַליין, די געגנאָסן, וואָס האָבן זיך גערעכנט אויף אַ דרייסיק אָדער פערציק שטימען, זיינען געווען געוואַלדיק פריילעך. ס׳איז ביי אונז געווען גאָר אַ גרויסער זיג. מיר האָבן זיך דערוואוסט דורך די וואַלן, אַז מיר פאַרמאָגן אין נעשוויל אַ סך פריינט.

יודזשין דעבס האָט אונז צוגעשיקט אַ באַגייסטערט בריוול און אין דעם בריוול איז געווען זיין באַליבטער פסוק: „סעיל אָן, סעיל אָן, ווי וויל ריטש דהי פּראָמיסד לענד!״ אין אידיש וועט דאָס הייסן: מאַכט די שיף שווימען, מיר וועלן סוף־כל־סוף דערגרייכן דאָס צוגעזאָגט לאַנד!

מיין גאָלדע האָט שוין במילא געפּראַוועט די גרויסע סעודה, מיט געגנזן־פליש, מיט געריכערטער צונג, מיט וויין און מיט לעקעך, און מיר, די געגנאָסן, האָבן זיך צוגעווונטשן, אַז לשנה הבאה, דאָס הייסט, אין די קומענדיקע וואַלן, בסיטי האָל...

מיין באַגעגעניש מיט דעבסן

אַך, אַך, ס׳זיינען שוין ניטאָ אַזעלכע מענטשן היינטיקע צייטן אין אַמעריקע, ווי דעבס. אַ ריז אַ מענטש געווען. זיך געשטעלט אַנטקעגן אַ גאַנצער וועלט. און די וואַקכאַנאַליע דעמאָלט איז דאָך געווען פונקט אַזוי ווי היינט־צו־טאָג. אָבער ער — אַ־נו, ער זאָל זיך אַ וואַקל טאָן, אַ ציטער טאָן!

ס׳ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אים געזען, איז געווען ביי דער דיפּאָ,

ביים וואָקזאַל. מיר, אַ גרופּע סאָציאַליסטן פון נעשוויל, זיינען אים געקומען באַגעגענען. און אַט קומען אַרויס מענטשן, פאַרשיידענע מענטשן, און ער אויך. אָבער די אַלע אַנדערע מענטשן זיינען פּשוטע מענטשן, און ער איז דער סאָציאַליזם אין אַמעריקע!

ס׳האָט געשפּאַנט דער סאָציאַליזם אין דער פּערזאָן פון אַ הויכן מאָגערן מענטשן מיט די פלאַקערנדיקע אויגן פון אַ נביא, און אין זיין האַנט האָט ער געטראָגן אַזאַ מין רייזע־קאָשיקל אויסגעשטריקט פון קאָלירטע ביינדל. זיינע גרויסע שיך זיינען געווען פאַרשטויבט. איין שוך, האָב איך באַמערקט, צעפּאָרט זיך שוין, און איך האָב גלייך אַ טראַכט געטאָן, אים זאָגן שפּעטער, אַז איך וויל אים צערעכט מאַכן דעם שוך.

מיר, די אויפנאַם־גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ זעקס מענטשן, האָבן זיך געלאָזט צו אים, און זיין מאָגערער, אָפּגעצערטער און שטרענגער פּנים האָט זיך צעלויכטן מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט, אַז ס׳איז מיר גלייך געוואָרן וואויל און גוט.

עמיצער פון דער קאָמיטע האָט אַ כאַפּ געטאָן פון אים זיין רייזע־קאָשיקל, און ער, מיט זיינע משונהדיקע לאַנגע הענט, האָט אונז אַלע זעקס אַרומגענומען מיט איינמאָל. און אַז מיר האָבן זיך געלאָזט צום טראַמוואַי, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אונז אַלעמען אַרומגענומען מיט זיינע לאַנגע הענט, און אַזוי זיינען מיר געגאַנגען. ער איז געווען אפשר מיט צוויי קעפּ העכער פון אונז אַלעמען, און שטעלט זיך פאַר דאָס בילד: דער הויכער דעבס האַלט אַרומגענומען זעקס מענטשן, דריי פון דער רעכטער זייט, דריי פון דער לינקער זייט, און שפּאַנט זיך מיט זיי.

דעם זעלביקן טאָג האָב איך אים פאַרריכט זיין צעפּאָרענעם שוך און אויך דעם צווייטן, וואָס איז אויך געווען ניט אַזוי אַי־אַי. עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט פאַרבאַהאַלטן זיינע שיך פאַר אַן אָנדענק און אים געבן בעסערע, נייע, אָבער צווישן מיין גאַנצן סטאַק שיך האָב איך ניט געקאָנט צוקלייבן לויט זיין מאָס. אַזוינע משונהדיקע לאַנגע פיס האָט ער פאַרמאָגט.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אין אַזאַ מין טעאַטער אונטערן אָפענעם הימל, איז פאָרגעקומען די פאַרזאַמלונג. איידער ס׳האָט זיך אָנגעהייבן די פאַרזאַמלונג, האָט ער געהאַלטן מיינע צוויי טעכטערלעך אויף זיינע קני און זיך געשפּילט מיט זיי. אַרויסגענומען אַ טיכעלע פון זיין

קעעשנע און מיט דעם זיי געוויזן פֿאַרשיידענע קונצן. געמאַכט פֿון דעם אַ וועוויאַרקע מיט אַ ווײַדעלע, פֿאַרבאַהאַלטן דאָרטן אַ פּעני און זי געמאַכט פֿאַרשווינדן, און נאָך פֿאַרשיידענע קונצן.

שפּעטער, אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווען ער האָט גערעדט צו אונז, איז אונז אַלעמען געוואָרן הייס. כ׳האָב נאָך קיינמאָל נאָכדעם ביז היינט־צו־טאָג ניט געהערט אַזאַ אויפשטורעמענדיקן רעדנער. ס׳האָב ממש זיך געשפּרייט פֿון אים אַזוינע מאַגנעטישע כוואַליעס און אונז אַלעמען אָריינגעכאַפּט. די שכינה האָט געשיינט אויף זיין שפּיציקן באַקעטן קאָפּ, און דאָס קול זיינס איז געווען אַ מין הייליק קול אָנגעזאַפּט מיט טיפער ליבשאַפט צום מענטשן. ווען ער האָט געמאָלן ווי אַזוי ס׳לעבט זיך אַ מאַינער מיט זיין פֿאַמיליע, האָבן מיר ממש געזען זייערע פּנימער. ער האָט געוואָרפֿן מיט זיינע לאַנגע הענט בשעת ער האָט גערעדט, און דאָס האָט צוגעגעבן אַ סך אימפּעט זיינע רייד.

אָפּטמאָל, אינמיטן זיין רעדע, האָט ער אויסגעשריען: „סעיל אָן, סעיל אָן, ווי וויל געט טו דהי פּראָמיסד לענד!״ ס׳מיינט, ווי אַ שיף, וואָס וואָלט פֿאַרצווייפֿלט זיך געראַנגלט מיט דעם שטורעם, און דער קאַפּיטאַן שרייט צו די מאַטראָסן: „מאַכט זי שווימען, מאַכט זי שווימען! מיר וועלן פֿאָרט דערגרייכן דאָס צוגעזאָגט לאַנד.״

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אויף אַ באַנקעט אין זיין כבוד וועגן, האָב איך איבערגעלעבט זייער ניט קיין באַקוועמע זאַך. מען האָט דערלאַנגט צום טיש אויסטערס מיט מילך, און איך, דער איד מיט אַ מאָגן געוואוינט אַלע יאָרן צו די אידישע מאכלים, האָב בשום אופן ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען אַן אויסטער. די גענאָסן האָבן געקוקט אויף מיר און געלאַכט. און דעבס האָט אויך געקוקט אויף מיר, אָבער ניט געלאַכט. ס׳האָט אים זייער פֿאַראינטערעסירט מיין ווידערגעפֿיל צו אויסטערס, און נאָכן באַנקעט האָט ער מיך גאַנץ גענוי אויסגעפֿרעגט, וואָס אַזוינס מיינט כשר און וואָס פֿאַר אַ מאַכלים מעגן מיר אידן עסן.

זונטיק האָבן מיר דעבסן איינגעלאַדן אין פּאַרק צום אידישן בוים. דאָרטן אונטערן אידישן בוים האָט ער זיך שוין נעענטער באַקאַנט מיט די אידישע מאכלים. ס׳איז געווען אַ מחיה צוצוקוקן, ווי דעבס האָט זיך פֿאַסמאַקעוועט מיט מיין גאָלדעס געפֿילטע פֿיש, און ס׳איז געווען אַ נחת רוח צוצוזען, ווי ער האָט געריבן אויף ביידע באַקן די אַנדערע

פּאַטראַווועס, ווי געריווכערטע צונג, אַ שטיקל קוגל. מיר האָבן אויך געטרונקען מיט אים לחיים, און ער האָט זיך גאָרניט אָפּגעזאָגט.

כ׳געדענק נאָך אַזוי גוט יענעם זונטיק בייטאָג אין פּאַרק. דאָס גראָז איז געווען פריש גרין, דער הימל לויטער בלוי, און די זון גאָלע גאָלד, און דעבס האָט זיך אויפגעשטעלט און געהאַלטן פאַר אונז אַ רעדע, און די רעדע איז באמת טאַקע געווען ווי פון אַ נביא. ער האָט אָנגעהייבן מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ס׳געפעלט אים זייער וואָס מיר פאַרזאַמלען זיך אַלע זונטיק אונטער דעמזעלביקן בוים און פּראַווען סעודות. דאָס איז די בענקשאַפט פון מענטשן צו זיין צוזאַמען, און צו זיצן אין ברודערשאַפט, און באַזונדערס נאָך אידישע מענטשן, וואָס האָבן דורכגעלעבט אַזוי פיל פאַרפאָלגונגען. דערנאָכדעם האָט ער גערעדט וועגן דעם בוים, ווי וועגן דעם סימבאָל פון דער נאַטורס ברייטהאַרציקייט. דער בוים, ווי די נאַטור אַליין, מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן אָרעם און רייך, פאָלק אָדער ראַסע, און גיט יעדן זיין קילן שאָטן. דערנאָכדעם האָט ער גערעדט וועגן דער צייט, ווען ס׳וועט שוין ניט זיין קיין אָרעמקייט אויף דער וועלט; מלחמה וועט דערמאָנט ווערן בלויז ווי אַן אָפּקלאַנג פון באַרבאַרישע צייטן. (ס׳איז דעמאָלט געווען ערב אַמעריקעס אַריינטרעטן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה...)

און שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג זיינען מיר ווידער געגאַנגען צו דער דיפּאָ מיט דעבסן. מיר זיינען געגאַנגען אים באַגלייטן. ער האָט ווידער געהאַלטן מיט זיינע לאַנגע הענט אַרומגענומען אונז אַלעמען. ער האָט אונז געזאָגט, אַז אויב די מלחמה וועט זיך אָנהייבן וועלן קומען זייער שווערע צייטן אין לאַנד און מען וועט די סאָציאַליסטן פאַרפאָלגן. מיר זאָלן זיך ריכטן דערויף און זיין גרייט... זיין באַן איז אָנגעקומען. ער האָט יעדן איינעם שטאַרק געדריקט די האַנט און זיך אַריינגעגאַנגען אין וואַגאָן מיט זיין אָרעמען רייזע־קאָשיק. פון דעם פענצטער האָט ער געמאַכט צו אונז מיט זיין האַנט, און זיין פּנים האָט געשיינט צו אונז...

מיינע זיידעס

ס׳זיינען אָנגעקומען יענע יאָרן אין אַמעריקע, וואָס חזרן זיך אויך איבער אין אונזער איצטיקער צייט. דאָס זיינען געווען די יאָרן, ווען מען האָט מורא געהאַט צו רעדן רייד וועגן יושר אין דער הייך. און די וואָס האָבן גערעדט אין דער הייך רייד וועגן יושר האָט מען געוואָרפן אין די טורמעס. דעם ליכטיקסטן מענטשן פון יענער צייט האָט מען איינ־געעזצט. און איר שטויסט זיך שוין מסתמא אָן, אַז דאָס מיין איך ניט קיין אַנדערן, ווי יודזשין וו. דעבס.

און מיר, די גענאָסן פון נעשוויל, האָבן גערופן אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג אין טאַבערנאַקל. דער טאַבערנאַקל האָט געקאָנט אַריינגעמען צען טויזנט מענטשן, און מיר זיינען געווען זיכער, אַז ס׳וועלן קומען צען טויזנט מענטשן און אפשר נאָך מער, ווייל דעבס איז געווען זייער באַליבט צווישן די אַרבעטער. ס׳זיינען שוין דעמאָלט געווען יוניאָנס פון אַ סך פאַכן ביי אונז אין נעשוויל, וואָס זיינען געקומען צום לעבן טאַקע אַדאַנק דעם דאָזיקן ליכטיקסטן צווישן אַלע ליכטיקע מענטשן פון יענער צייט.

(דער ליכטיקסטער צווישן אַלע ליכטיקע מענטשן פון יענער צייט הענגט אויף דער וואַנט אין זלמן שוסטערס שאַפּ שוין העכער פינף־און־דרייסיק יאָר, און איז מיט אים, מיט זלמנען, יעדן טאָג ביי דער אַרבעט. און אַז ס׳קומט צו אים אַמאָל אַ מענטש, מיט וועמען ער קאָן רעדן פון סאָציאַליזם, קערט אַלעמאָל זלמן זיינע אויגן צו דעבסן אויף דער וואַנט. קערט ער איצט אויך זיינע אויגן צו דעבסן אויף דער וואַנט, ווי ער נעמט אים פאַר אַן עדות.)

יאָ, האָבן מיר גערופן אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג קעגן דעם אורטייל איבער דעבסן. און די צייטן, ווי איך האָב פריער דערמאָנט, זיינען געווען פּונקט ווי איצט. מען האָט געטראָטן אויף אַלע פרייהייטן פון פאָלק. מען האָט געשפּריייט מורא און שנאה. אָבער מיר, די גענאָסן

פון נעשוויל, האָבן געפילט, אַז מיר מוזן דורכפירן דעם דאָזיקן מיטינג, אַז ניט ווען מיר זיך שעמען צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. און איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, אַז ס׳איז געווען פונקט דעמאָלט, ווען אין רוסלאַנד האָט מען אַראָפּגעוואָרפן די סאַמאָדערזשאַוויע, און טאָקע צוליב דעם האָבן אונזערע היגע סאַמאָדערזשאַווניקעס זיך אַ נעם געטאָן מיט זייער גאַנצער טריפהנער שלעכטסקייט.

איך האָב געדאַרפט צושטעלן רעדנער, און מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך מוז קריגן כאָטש איינעם מיט אַ גרויסן נאָמען. איז מיר איינגעפאַלן פּראָפעסאָר שערוואוד פּאַרלי, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען אין מיין שוסטער־שאָפּ פאַרריכטן שיך. דער פּראָפעסאָר שערוואוד פּאַרלי האָט געשטאַמט פון ענגלאַנד, און איז געווען אַ לערער פון פראַנצויזיש אין נעשווילער וואַנדערבילט אוניווערסיטעט. איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ סובסקרייבער פון דער דעמאָלטיקער סאָציאַליסטישער צייטונג „אַפּיל טו ריזאָן״. זיינער אַ ברודער איז, דאַכט זיך, געווען אַ באַרימטער אַרבעטער־פירער. גיי איך אַוועק צו אים און זאָג אים אַזוי און אַזוי. רופט ער זיך גלייך אָן, אַז פאַרקערט, מיט גרעסטן כבוד.

איך האָב געקראָגן נאָך אַנדערע רעדנער און מיר האָבן זיך אָנגעהייבן גרייטן צו דעם אָוונט. מיר האָט אָבער דאָס האַרץ געזאָגט, אַז זיי, די „הונדערט־פּראָצענטיקע״, גרייטן זיך אויך. ס׳איז ביי אונז דעמאָלט געווען אַ מעיאָר אין שטאָט, איז דאָס גאָר געווען אַ טריפהנע פּרוכט, געשטרעבט צו ווערן גאָווערנאָר און אפשר גאָר פּרעזידענט. און כלומרשטער הונדערט־פּראָצענטיקער פּאַטריאָטיזם איז דאָך די בעסטע סחורה. איך האָב אָבער אָנגעזאָגט מיין גאָלדען, איידער איך האָב זיך געלאָזט אויפן מיטינג, אַז טאָמער אַרעסטירט מען מיך, זאָל זי גלייך אַראָפּנעמען די בילדער פון קאַרל מאַרקס, קראָפּאָטקין און טאָלסטאָי, וואָס הענגען אויף דער וואַנט אין שוסטער־שאָפּ, און זיי באַהאַלטן צווישן די קראָקוועס אויפן בוידעם. אַזוי זאָל זי טאָן אויך מיט דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור.

הכלל, איך לאָז זיך צום מיטינג. אויפן וועג גיי איך אַריין צו אַ גענאָסע, איינער אַ מעקפּאַדען, וואָס האָט געהאַט אַ בלומען־שאָפּ, קלייבט ער מיר אויס די שענסטע רויטע בלומען פון זיין קראָם און מאַכט פון

זיי אַ גרויסן בוקעט און גיט דאָס מיר פאַרן מיטינג. טראָג איך זיך שוין מיט דעם גרויסן בוקעט רויטע בלומען. און אָט אַזוי קום איך אָן צו דער גאַס, וואו דער ריזיקער טאַבערנאַקל געפינט זיך. איך טו אַ קוק פון דערווייטנס — אַ ים מיט מענטשן. פרייט זיך אין מיר אַוודאי דאָס האַרץ, וואָס דער פּראָטעסט־מיטינג וועט זיין אַזאַ גרויסער דערפאָלג. קום איך אָבער צו נעענטער, זע איך, ווי די טירן זיינען געשלאָסן און ביי די טירן — פּאָליסלייט, דעטעקטיווס, און אויך דער מעיאָר.

פּראָפעסאָר שערוואוד פאַרלי — טו איך אַ קוק — שטופּט זיך דורך דורכן גרויסן עולם און לאָזט זיך צו די טירן.

— ווער ביזטו? — פרעגט אים אַ פּאָליסמאַן גראָב.

— פּראָפעסאָר שערוואוד פאַרלי, — ענטפערט ער שטאָלץ.

— וואָס דאַרפסטו?

— איך בין איינער פון די רעדנער.

— ווער האָט דיך איינגעלאַדן אַלס רעדנער? — טוט אים אַ פרעג דער פּאָליציי־קעפּטעין.

איז טאַקע פּראָפעסאָר פאַרלי געווען אַ גרויסער פּראָפעסאָר, ווען ס׳איז געקומען צו לערנען סטודענטן, אָדער פאָרטראָגן פאַר אַן עולם. אָבער ווען ס׳איז געקומען צו נוצן אַביסל פּשוטן שכל, אָדער קאָמאָן־סענס, ווי מען רופט דאָס אין ענגליש, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ניט־קיין־איבערגעשפּיצטן, זאָל ער מיר מוחל זיין. ער האָט מסתמא זיך ניט געכאַפּט, אַז דאָס מסרט ער פּשוט אַ מענטשן, און האָט געענטפערט אומשולדיק:

— דאָס האָט מיך זלמן דער שוסטער איינגעלאַדן פאַר אַ רעדנער...

אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך, פאַרשטייט זיך, זיך גלייך אָפּגעטראָגן. דעם שיינעם בוקעט מיט די רויטע בלומען האָב איך אַריבערגעוואָרפן איבער אַ הויף, און איך האָב זיך געלאָזט גלייך אַהיים. געטראַכט, אַז אויב מיין גאָלדע האָט, חלילה, ניט אויפגערוימט די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור און די בילדער, וואָס הענגען אויף דער וואַנט, פון קאַרל מאַרקס, קראָפּאָטקין און טאָלסטאָי, דאַרף מען דאָס גלייך טאָן, ווייל מען קאָן זיך ריכטן, אַז מען וועט קומען נאָך מיר.

אָנגעקומען אַהיים, האָב איך דערזען, אַז איך דאַרף זיך שוין מער

ניט ריכטן, ווייל זיי זיינען שוין דאָ. איך כאַפּ אַ קוק אויף דער וואַנט — די בילדער הענגען זיך, גלייך ווי גאָרניט.

הכלל, די חברה־לייט האָבן גענומען זוכן און נישטערן, צעוואָרפן דאָס מעבל, אָבער קיין ליטעראַטור ניט געפונען. די מעשה איז, וואָס מיין גאָלדע, אַ געזונט אין אירע ביינער, האָט גלייך ווי איך בין אַוועק צום מיטינג פאַרשטעקט די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור צווישן די קראָקוועס אויפן בוידעם, אָבער די בילדער האָט זי שוין ניט אויספּייעט צו באַהאַלטן. דערווייל טוט איינער אַ קוק אויף דער וואַנט און פרעגט:

— ווער איז דער דאָזיקער מיט דער באָרד? — מיינענדיק קאַרל מאַרקסן.

— מיין זיידע, מיין טאַטנס טאַטע, — רוף איך זיך גלייך אָן.

— און דער? — ווייזט ער אָן אויף קראָפּאָטקינען.

— אויך מיין זיידע, מיין מאַמעס טאַטע.

— און ווער איז דער? — ווייזט ער אויף טאָלסטאָיען.

ווייס איך ניט אויף דער מינוט וואָס צו ענטפערן. אָבער מיין גאָלדע, אַ לעבן אויף איר, כאַפּט גלייך און רופט זיך אָן:

— דאָס איז מיין זיידע, מיין טאַטנס טאַטע.

פונדעסטוועגן האָבן זיי מיר געהייסן גיין מיט זיי. מיין גאָלדע האָט, פאַרשטייט זיך, געמאַכט געוואַלדן און ניט געלאָזט, אָבער ס׳האָט איר ניט געהאָלפן.

יענע נאַכט האָב איך ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן גענעכטיקט אין טורמע. פּראָפעסאָר שערוואָוד פאַרלי אויך, אין אַן אַנדער צעל. בין איך געלעגן אויף מיין סדום־בעטל, ניט געקאָנט צומאַכן קיין אויג אַ גאַנצע נאַכט, און געטראַכט, אַז איך וועל שוין אַוודאי ניט אָנזען די ליכטיקע וועלט פאַר אַ סך יאָרן, און ווי אַזוי מיין משפּחה וועט ליידן הונגער און נויט, און מיין עליקל וועט מוזן איבעררייסן זיין פידל־שפּילן, ווייל ס׳וועט ניט זיין קיין געלט צו צאָלן אַ לערער.

אָט אַזוי האָבן מיך מיינע געדאַנקען געמאַטערט, ביז ס׳איז אָנגעקומען דער פאַרטאָג און די זון האָט אָנגעהייבן אַריינצושטראַלן עטוואָס דורך דעם גראַטע־פענצטערל. און אַז די זון האָט אָנגעהייבן אַריינצושטראַלן דורך דעם גראַטע־פענצטערל, איז מיר מיט אַמאָל געוואָרן שטאַרק דאָס האַרץ. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז דער בעסטער און

שענסטער מענטש אין אַמעריקע זיצט אויך אין טורמע, און אַ סך פון די בעסטע און שענסטע מענטשן אין אַמעריקע זיצן איצט אין טורמע. און איך האָב אָנגעהייבן צו קוקן אויף זיך, אויב ניט ווי אויפן בעסטן און שענסטן, איז כאָטש ווי אויף זייער אַ נאָענטן חבר צו דעבסן...

אין אַ רעגנדיקער נאַכט

ווי זאָגט זיך ערגעץ אין תהילים: „ס׳האָבן מיך אַרומגערינגלט אַלע בייזע הינט און זיך געריסן אויף מיר.״ און אַלע בייזע הינט אין נעשוויל זיינען אָנגערייצט געוואָרן פון די צייטונגען. זיי, די נעשווילער צייטונגען, האָבן ווי די ווילדסטע כוליגאַנעס ממש גערופן צו אַ פּאָגראָם. און קיין צו־גרויסע פריינט זיינען זיי מיר שטענדיק ניט געווען, צוליב מיין לויפן פאַר „סיטי־טרעזשורער״.

ווען מען האָט מיך דעם צווייטן טאָג אַרויסגענומען אויף בעיל, האָט דער פּאָליס־קעפּטן זיך אָנגערופן מיט אַ מיאוס שמייכעלע, אַז פאַר מיר וואָלט גאָר געווען בעסער איך זאָל פאַרבלייבן אין טורמע, ווייל די מענטשן פון נעשוויל זיינען איצט אין אַ שלעכטן „טעמפּער״...

און ער האָט געוואוסט, דער פאַרשויין, וואָס ער האָט גערעדט.

ווען איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים האָב איך געטראָפן מיין הויז־געזינד זייער אָנגעשראָקן, און מיין גאָלדע האָט מיר דערציילט, אַז מעק־דאָנאַלד, אונזערער אַ פריינט, דער וואָס האָט ליב געהאַט דעם טרונק, האָט איר אָנגעזאָגט, אַז אין די סאַלונען העצט מען די שיכורים און בויאַנעס אָנצופאַלן אויף מיין הויז.

באַלד איז אויך אָנגעלאָפן דזשאָן רעי, דער פירער פון אונזער סאָציאַליסטישן לאָקאַל, מיט נאָך אַ פּאָר גענאָסן, און זיי האָבן מיך געראָטן, אַז איך זאָל אַוועק פון שטאָט אויף עטלעכע טעג ביז ס׳וועט זיך איינשטילן. זיי האָבן אויך געראָטן, אַז מיין ווייב און קינדער זאָלן גיין נעכטיקן צו פריינט...

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון הויז. דער הימל איז געווען אָנגעשוואָלן מיט בייזע וואָלקנס, באַלד וועט אויסברעכן אַ גרויסער רעגן. און וואוהין זאָל איך זיך קערן? אַוועק אין אַנדערער שטאָט, וועט מען זאָגן, אַז איך בין אַנטלאָפן. דאָס בעסטע וואָלט עפשר געווען, האָב איך אַ קלער געטאָן, אַז איך זאָל אַוועק קיין איסט נעשוויל, דאָרטן האָב איך געקענט איינעם אַ פּעילי, אַן אָרגאַנייזער פון דער בוכבינדערס יוניאָן.

איך האָב גענומען דעם טראַמוואַי, זיך פאַרשטופּט אין אַ ווינקל און איך פאָר שוין קיין איסט־נעשוויל. דער רעגן האָט דערווייל אָנגעהייבן צו גיסן. ביי יעדן אָפּשטעל קומען אַריין מענטשן. מען זאָל מיך כאָטש ניט דערקענען. איך האָב אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, איינגעגראָבן דאָס פּנים אין פאַררעגנטן פענצטער און מאַך זיך, אַז איך בין געוואַלדיק פאַרטאָן אין אַרויסקוקן אויף דער גאַס. מיינע אויערן דערווייל זיינען זייער אָפן. איך וויל וויסן, צי מען רעדט דאָ ניט אין טראַמוואַי וועגן דעם נעכטיקן איבערפאַל אויף אונזער מיטינג. איז געווען שטיל אַ שטיקל צייט, קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. נאָר אָט האָט זיך דער טראַמוואַי אָפּגעשטעלט ערגעץ אויף אַ ווינקל פון אַ הויפּט־גאַס, און איך הער ווי אינגלעך צייטונגס־פאַרקויפער לויפן אַרום און שרייען:

— עקסטראַ! לייען אַלצדינג וועגן דעם באָלשעוויק זלמן דער שוסטער!

ס׳קומען אַריין מענטשן מיט צייטונגען אין די הענט. איך כאַפּ אַ קוק פון דער זייט — אַהאַ, מיין פאָרטרעט געפינט זיך סאַמע אויבנאָן. די קאַמערע־לייט פון די צייטונגען האָבן, ווייזט אויס, נעכטן, ווען מען האָט מיך געפירט אין טורמע, מיך אָפּגעפאָרטרעטלט. האָב איך שוין מורא צו זיצן אין טראַמוואַי. קוים דערלעבט דעם נעקסטן אָפּשטעל און זיך אַרויסגעכאַפּט.

— עקסטראַ! עקסטראַ! — שטייט אַ צייטונגס־פאַרקויפער, מחמת דעם רעגן, אונטער אַן אָפּדאַך פון עפּעס אַ קראָם. — לייען אַלצדינג וועגן דעם באָלשעוויק זלמן דער שוסטער.

ס׳גייט מיר ממש אויס דאָס חיות צו קויפן אַ צייטונג און לייענען

אַלצדינג וועגן דעם באַלשעוויק זלמן שוסטער. ניט אַזוי וויסן, וואָס אַזוינס מען זאָגט וועגן מיר, ווי קוקן אויף מיין פּאָרטרעט און זען, צי איך בין כאָטש גוט אַרויס. אָבער איך האַלט זיך איין און לאָז זיך שפּאַנען אין רעגן. און אַ רעגן איז דאָס געווען, טאַקע נאָר ווי אויף צו־להכעיס. איך בין שנעל דורכגענעצט געוואָרן דורך און דורך און מיינע שיך האָבן אָנגעהייבן צו פּייפן, ווי אויף צו־להכעיס. און דאָ דאַרף איך נאָך שפּאַנען אַ לאַנגן וועג, קיין איסט־נעשוויל. נו, מילא, וועלן מיר שפּאַנען.

אָבער וואָס מיר איז ניט געווען אַזוי גוט, איז דאָס וואָס איך האָב געטראַכט, אַז טאָמער וועט מען מורא־האָבן מיך אַריינצולאָזן דאָרטן אין הויז פון פּעילי, דעם אָרגאַנייזער פון די בוכבינדער. מורא איז דאָך אַ שרעקלעכע זאַך, חלילה, ס׳מאַכט דעם מענטשן שלעכט. וואָס איך האָב זיך געזאָרגט איז וועגן פּעיליס ווייב. זי איז שטענדיק געווען אומפריינטלעך צו איר מאַנס חברים. זי האָט געשטאַמט פון אַ פּאַר־אָרעמטער פאַמיליע אין נעשוויל, וואָס האָט אַמאָל אין די צייטן פון שקלאַפעריי געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין שטאָט. מען האָט געזאָגט, אַז ס׳האָט שוין אַ פּאָר מאָל געהאַלטן ביים גטן זיך צווישן זיי, ווייל זי האָט ניט געוואָלט איר מאַן זאָל זיין אַ סאָציאַליסט.

און אָט אַזוי, מיט מיינע זייער ניט־פריילעכע געדאַנקען, האָב איך זיך סוף־כל־סוף דערשלעפּט צו פּעיליס הויז. כ׳קלינג אָן און ס׳באַווייזט זיך די פּעיליכע. טוט נאָר איין קוק אויף מיר, דערקענט גלייך ווער ס׳איז, זאָגט ניט קיין וואָרט און טוט אַ פאַרהאַק די טיר.

נו, וואָס־זשע טוט מען ווייטער? ס׳איז אַזוי וויסט פינצטער און דער רעגן גיסט און גיסט. אָבער וואָס־זשע וועל איך דאָ שטיין? איך וויל זיך שוין נעמען שפּאַנען ווייטער. וואוהין, האָב איך ניט געוואוסט.

טוט זיך אָן עפן די טיר, און פּעילי שטעקט אַרויס דעם קאָפּ און שרייט:

— ווער איז דאָס?

— ווער זאָל דאָס זיין? — מאַך איך כלומרשט מיט אַ געלעכטערל און קום צו נאָענט צו דער טיר.

— זלמן דער שוסטער?! — דערקענט ער מיך גלייך.

— אַזוי, אַזוי, — פאַרשטייט ער גלייך אין וואָס ס׳האַנדלט זיך. — קום אַריין, ביזט אַזוי אויסגענעצט!

— און דיין ווייב? — פרעג איך אים און ס׳ציטערט מיר דאָס קול. — איך וויל ניט, אַז צוליב מיר זאָל ווערן אַ שלעכט לעבן צווישן דיר און איר.

— ס׳איז שוין אַ גענוג־שלעכט לעבן אָן דיר, — מאַכט ער צו מיר כלומרשט מיט אַ געלעכטער. — ערגער קאָן שוין ניט זיין. קום אַריין, קום אַריין!

און דאָס ערשטע, וואָס איך האָב דערזען ביי פעילין אין זיין באַזונדערן צימער, וואוהין ער האָט מיך אַריינגעפירט, איז געווען אַ גרויס בילד פון דעבסן אויף דער וואַנט, און פון דעם איז מיר גלייך געוואָרן פריילעכער אויפן האַרצן. און ער, פעילי — אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ בלאַסער, מיט ליכטיקע בלויע אויגן, איז געווען צו מיר טאַקע נאָר ווי אַן אייגענער ברודער. געזען איך זאָל גלייך איבערבייטן מיינע נאַסע קליידער, מיר געגעבן זיינע פּאַדזשאַמעס און אַ כאַלאַט. מיך מכבד געווען מיט גאָר אַ שטאַרקן טרונק פון עפּעס אַ משקה און ס׳איז מיר גלייך געוואָרן וואַרעם אין אַלע אברים...

ביז שפּעט זיינען מיר ביידע געזעסן יענע נאַכט, איך מיט פעילין, און גערעדט וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, און וועגן סאָציאַליזם, און וועגן די גרויסע געשעענישן אין רוסלאַנד. און זיין ווייב, אַקוראַט ווי זי וואָלט גאָרניט געווען אין שטוב, זיך פאַרשפּאַרט אין איר צימער און דעם דוך (אָטעם) אירן ניט געלאָזט הערן פון זיך.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ביי דעבסן איז אויך דער אייגענער אומגליק. זיינער אַ פריינט איז איינמאָל געווען ביי דעבסן אין הויז מיט נאָך אַ פּאָר יוניאָן־פירער, און די ווייב זיינע האָט זיך אַפילו ניט באַגריסט מיט זיי, אַוועק צו זיך אין צימער און ניט אַרויסגעגאַנגען די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען געווען אין הויז. און נאָך מער: פון זינט דעבס זיצט אין טורמע איז זי נאָך קיין איין מאָל ניט געקומען זיך זען מיט אים.

— אָבער דעבס האָט זי, ווייזט אויס, ליב, — האָט פעילי צו מיר אַ שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך עפּעס געפילט שולדיק. — ער ווייסט, אַז זי איז ניט שולדיק; אַז שולדיק איז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט,

וואָס האָט פּאַרמיאוסט מיט כלערליי שקרים און בלבולים דעם נאָמען סאָציאַליסט... יאָ, אַ גרויסער מענטש דעבס, זייער אַ גרויסער מענטש.
איך האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז ער, פּעילי, איז אויך אַ גרויסער מענטש, אָבער איך האָב אים עפּעס דאָס ניט געקאָנט זאָגן, נאָר גענומען זיין האַנט און זי שטאַרק געדריקט...

קעץ און גענגסטער פּיט

...בין איך, הייסט דאָס, געווען אַן אויסבאַהאַלטענער, אָבער ס'איז מיר גאָרניט געווען אַזוי שלעכט. קודם כל האָב איך ניט געטאָן קיין שטאָך אַרבעט, זיך אויסגערוט אַביסל פון מיין שוסטער־בענקל. איך געדענק שוין ניט די צייט, ווען איך האָב זיך געשיידט מיטן העמערל און אָל פאַר אַ לענגערער צייט. והשנית, האָב איך שוין לאַנג געוואָלט אַביסל פאַרבעסערן מיין אויסלייגונג און האַנטשריפט אין ענגליש, און קיינמאָל ניט געהאַט קיין סך צייט. איצטער האָב איך דאָך שוין געהאַט צייט איבערגענוג. בין איך געזעסן אין פּעילים צימער און געהאַלטן אין איין איבערשרייבן פון ביכער ענגלישע ווערטער און זיי גוט איינגעחזרט.
מיין לערערין איז טאַקע געווען פּעילים פרוי, זי איז געוואָרן צו מיר אַביסל ווייכער, זעענדיק ווי גוט איך בין צו אירע פיר קעץ. קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט, דערפאַר האָט זי געהאַט פיר זייער שיינע קעץ, און איך בין גלייך געוואָרן מיט זיי אַ גאַנצער שמעלקע. זיך איינ־קויפן אין פריינטשאַפט ביי קעץ איז ניט אַזאַ שווערער ענין, מען דאַרף בלויז וויסן, ווי אַזוי זיי צו גלעטן. פּעילים ווייב איז אויך געוואָרן ווייכער צו מיר צוליב דעם, וואָס אין דער מעטאָדיסטישער צייטונג, רע־דאַגירט פון פּראָפעסאָר דיק, איז געווען אָפּגעדרוקט זייער אַ גוטער אַרטיקל וועגן מיר. דער דאָזיקער פּראָפעסאָר דיק, וואָס האָט געגעבן לעקציעס אין קאָלעדזש פון גלחים, פלעגט אָפט אַריינקומען צו מיר אין שאַפּ. אַמאָל צוליב פאַרריכטן זיינע שיך, און מערער מאָל גלאַט אַזוי

מיט מיר רעדן און זיך אַביסל אָנלאַכן. ער איז געווען אַ גרויסער לאַכער, דער דאָזיקער פּראָפעסאָר, און איך, ווי איר ווייסט, בין אויך ניט קיין וויינער, איז אונז ביידע צוזאַמען אָפּט געווען פריילעך. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אויך גערעדט דברי תורה, דאָס הייסט, איך האָב גערעדט פון סאָציאַליזם, ער פון קריסטנטום. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון דער געשיכטע פון קריסטנטום.

דעם אַרטיקל וועגן מיר אין דער מעטאָדיסטישער צייטונג, האָט פּראָפעסאָר דין אָנגעהויבן מיט דער געשיכטע פון די ערשטע קריסטן אין דער אַמאָליקער רוים, ווי מען פלעגט העצן דאָרט און אָנרייצן דעם המון אויף די קריסטן, און ווי אַזוי אין קאָליסעאום אין רוים, אין אַ גרויסן צירק, האָט מען פאַר די אויגן פון רוימישן אימפּעראַטאָר און די סענאַטאָרן, און פאַר די אויגן פון צענדליקער טויזנטער רוימישע בירגער, אַרויסגעלאָזט פון די שטייגן אויסגעהונגערטע לייבן אויף די קריסטן און זיי זיינען אַלע צעריסן געוואָרן. דערנאָך האָט ער פאַרגליכן די העצעס, וואָס מען פירט איצט אָן אויף סאָציאַליסטן, מיט די העצעס, וואָס מען האָט אין דער אַמאָליקער רוים אָנגעפירט קעגן קריסטן. פאַרענדיקט האָט ער זיין אַרטיקל מיט אַ באַשרייבונג וועגן מיר, ווי אַזוי ער האָט ליב געהאַט אָפּט אַריינגיין אין מיין שוסטעריי, און ווי אַזוי ער האָט אָפּט געפירט זייער אינטערעסאַנטע געשפּרעכן מיט מיר, און ווי אַזוי אַלע מיינע כוונות, הגם איך רוף זיי אָן סאָציאַליסטישע, אָבער אין דער אמתן זיינען זיי ריין קריסטלעכע. הכלל, ער האָט מיך אַוועקגעשטעלט דאָרטן אין זיין אַרטיקל שיער ניט אַלס דעם בעסטן קריסט, און ס'איז דעריבער אַ זינד פאַר גאָט צו פאַרפאָלגן מיך.

איז, מילא, דאָס וואָס ער האָט געמאַכט פון מיר דעם „בעסטן קריסט", בין איך אים מוחל, אָבער דאָס וואָס ער האָט געשריבן גוטס וועגן מיר, אין אַזאַ צייט, ווען אַ סך מענטשן זיינען געוואָרן נאָר ווי די וועלף, האָט מיר אַ סך געהאָלפן. די פעיליכע, וואָס איז געווען אַ פרומע קריס-טין, נאָך דעם דאָזיקן אַרטיקל, האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף מיר מיט אַנדערע אויגן, און זי אַליין האָט דאָך געזען, וואָס פאַר אַ „גוטער קריסט" איך בין צוליב מיין פריינטשאַפט צו אירע פיר קעץ. איר לאַכט? אָבער ווען איר ווייסט ווי טייער זי האָט געהאַלטן די דאָזיקע פיר דראַפּערקעס, און ווי אַזוי זי האָט גערעדט צו זיי, ווי מען רעדט צו מענטשלעכע קינ-

דער, וואָלט איך שוין פאַרשטאַנען אַז ביי אַזוינע פרויען זיינען שטומע באַשעפענישן הייליקער ווי מענטשן.

אירע בעסערע באַציאונגען האָט זיך אויך גענומען פון דעם, וואָס איך האָב זי געמאַכט פאַר מיין לערערין. איך האָב זי געבעטן, זי זאָל מיר דיקטירן ענגלישע ווערטער און זען, צי איך לייג זיי אויס גוט. און פון מיין קענטעניש פון לעבן, ווייס איך, אַז ווען דו מאַכסט אַ מענטשן דיר טאָן עפּעס אַ טובה, פילט ער שוין, אַז ער האָט עפּעס אַ שטיקל חלק אין דיר.

מיין עלטער טעכטערל, דבורה, פלעגט זיין די גרוסן־ברענגערין. געקומען אַלע טאָג און מיר אָפּגעגעבן גרוסן, ווי אַזוי ס׳האַלט. דער גוטער אַרטיקל וועגן מיר פון פּראָפעסאָר דין, האָט ניט אָפּגעשטעלט די העצעס אין די איבעריקע צייטונגען. אַפילו דאָס, וואָס איך האָב זיך אויסגעבאַהאַלטן פאַרן צאָרן פון המון, וואָס זיי אַליין האָבן אויפגערייצט, האָבן זיי אויסגענוצט פאַר אַ העצע. זיי האָבן מיך אָנגערופן „קאָוואַרד״. איך באַהאַלט זיך אויס, ווי אַ פּחדן.

און דאָ קומט אַריין דער חברהמאַן פּיט. איך האָב, דאַכט זיך, אייך דערציילט שוין וועגן פּיטן, דער פירער פון די גענגסטערס אין נעשוויל, וואָס האָט ליב געהאַט אַמאָל אַריינקומען צו מיר. דער דאָזיקער פאַר־שוין, וואָס איז געווען דער מלך פון אַלע רוצחים און גזלנים, אַז ער פלעגט אַריינקומען צו מיר אין שאָפּ, איז עס געווען עפּעס מיט גרויס אָפּשיי צו מיר. איך האָב אים אָפּט געשטראָפט מיט האַרבע רייד, און ער איז קיינמאָל גאָרניט אין כעס געוואָרן אויף מיר. פאַרקערט, עפּעס אַקוראַט, ווי ס׳וואָלט אים גאָר געווען ניחא, וואָס עמיצער שטראָפט אים גוט אָן. ס׳איז עפּעס פּונקט, ווי מען שמייסט, להבדיל, אַ אידן מלקות, ערב יום כיפּור, און דער איד איז עפּעס צופרידן, וואָס מען האָט אים גוט אָנגעשמיסן, און נאָכדעם קאָן ער שוין ווידער זינדיקן.

אָט־דער דאָזיקער פּיט, האָט מיין טעכטערל, דבורה, מיר איבער־געגעבן, ערגערט זיך שטאַרק, וואָס די צייטונגען רופן מיך אָן „קאָוואַרד״, צוליב דעם וואָס איך באַהאַלט זיך אויס, און האָט זייער געוואָלט, מען זאָל מיר לאָזן וויסן, אַז קיינער וועט אַפילו קיין האָר ניט רירן פון זיין פריינט זלמן דעם שוסטערס קאָפּ, איז זיין נאָמען ניט פּיט.

פונדעסטוועגן האָב איך זיך ניט געאיילט אַרויסגיין פון מיין באַ־

העלטעניש, נאָר ווען ס'איז געקומען דער טאָג, וואָס איך האָב זיך גע־מוזט שטעלן צום געריכט, האָב איך זיך שוין געמוזט אַרויסיאָווען. די גענאָסן האָבן מיר צוגעשטעלט אַ גוטן לאַיער, וואָס האָט געטענהט, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז אַ לעגאַלע פּאַרטיי און דעריבער איז דער געזעץ בשום אופן ניט פאַרבראָכן געוואָרן מיט דעם וואָס מען האָט איינגעאָרדנט אַ פּראָטעסט־מיטינג. דער ריכטער האָט זיך אַפילו גע־קווינקלט, אָבער סוף־כל־סוף איינגעזען, אַז ס'איז ניטאָ, ווי מען זאָגט, קיין שום „קעיס" קעגן מיר און האָט מיך באַפרייט.

פונדעסטוועגן, נאָך מיין באַפרייאונג האָט מען נאָך אַלץ געבושע־וועט. געוויסע מענטשן אין נעשוויל זיינען געווען זייער פאַראינטערע־סירט מען זאָל זלמן דעם שוסטער גוט אָנברעכן די ביינער, ס'זאָל זיין אַ משל פאַר אַנדערע. איז פאַר אָנברעכן די ביינער האָב איך שוין ניט מורא געהאַט. דער מלך פון אַלע רוצחים, פּיט, האָט געהייסן זיינע מענטשן מיר נאָכגיין און מיך היטן פון בייז. און פאַר אַ שטיקל צייט זיינען טאַקע מיר נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר חברהלייטלעך און מיך געהיט.

פאַר דעם, אַז איך זאָל אָנווערן מלאכה אין מיין שאַפּ, האָב איך אויך ניט מורא געהאַט. צופיל פריינט געהאַט אין נעשוויל, וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר גאָרניט. אָבער איך האָב שוין דאָרטן ניט געוואָלט פאַרבלייבן. איך האָב זיך אָנגעהויבן רייסן ערגעץ אַנדערשוואו...

און דאָ נאָך האָב איך זיך אַריינגענומען אין זינען קאַליפאָרניע, די גאָלדענע קאַליפאָרניע.

איך פאַרלאָז נעשוויל

— וועגן זיך, — מאַכט זלמן דער שוסטער, — קאָן איך זאָגן פונקט ווי אין חומש, וואו ס׳רעדט זיך ווי די אידן האָבן געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט: ויסע ממאַלענקי, און ער איז אַרויסגעפאָרן, זלמן, פון אוק־ראַינישן שטעטעלע מאַלענקי, ויחנה בניו־יאָרק, און ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט אין דער גרויסער ניו־יאָרק; ויסע מניו־יאָרק, ויחנה בטעקסאַס, און ער איז אַרויסגעפאָרן פון ניו־יאָרק און זיך אָפּגעשטעלט אין טעקסאַס; ויסע מטעקסאַס, ויחנה נאָך אַמאָל בניו־יאָרק, ויסע מניו־יאָרק, און ער איז ווידער אַרויסגעפאָרן פון ניו־יאָרק, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין נעשוויל, און פון נעשוויל האָב איך זיך געלאָזט איצט אַרויספאָרן אויף מיין וועג קיין קאַליפאָרניע.

איז לאָמיר זיך געזעגענען מיט נעשוויל. לאָמיר זיך געזעגענען מיט קאַלעדזש סטריט, וואו די מערסטע אידישע קראָמען האָבן זיך גע־פונען, און די קרעמער דאָרטן, האָבן כמעט אַלע אָנגעהויבן פון פעדלער. לאָמיר זיך געזעגענען מיט דער פוילישער שול, וואו ס׳איז פאָרגעקומען די גרויסע ווייבערשע רעוואָלוציע, און מיטן יאַהודימשן טעמפל, וואו אַ געוועזענער ברודער פון מיין פאַך איז געוואָרן דער פּרעזידענט.

לאָמיר זיך געזעגענען מיט דער „יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָן״, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן מיט אַזוי פיל גוטע כוונות, ס׳האָט געדאַרפט זיין אַ קולטור־ און ספּאָרט־צענטער פאַר די נעשווילער אידן. איז ספּאָרט דאָרטן געווען מיט גרויסן לעפל, ווייל די אידישע יוגנט איז געלאָפן אַהינצו אָפּט שווימען אין „סווימינג פּול״, בוכטשען דעם „פּאָנ־טשינג־בעג״, אָבער קולטור איז ניט געווען דאָרטן אַפילו פאַרן קלענסטן איינגעמאַכטץ־לעפעלע. (איר געדענקט דאָך מסתמא די איינגעמאַכץ־לעפעלעך אין דער אַלטער היים, וואָס זיינען געווען קוים־קוים). די נעש־ווילער אידן פלעגן אַהין קומען ניט לייענען צייטונגען און ביכער און שמועסן וועגן קולטור, נאָר רעדן רכילות און זיך לאַנגווייליקן. ס׳איז נאָר געווען אויף זיי גאָטס רחמנות, וואָס זיי האָבן דאָרטן ניט געקאָנט שפּילן

אין קאַרטן. דאָס איז געווען פאַרבאָטן. האָבן זיי טאַקע מיט דער צייט אויפגעהערט צו קומען אַהינצו.

לאָמיר זיך געזעגענען מיט דעם אײן־און־אײנציקן כשרן אידישן רעסטאָראַן, וואָס איז אָנגעפּירט געוואָרן פון דער שוחטקע. און וואו איז נאָך כשרער ווי ביי אַ שוחטקע? דער שוחט אַליין, גאָלדשטיין, האָט ער דאַכט זיך געהייסן, פלעגט קוילען אַן עוף פאַר אַ ניקל, און דאָס עוף אַליין האָט איגגאַנצן געקאָסט צען אָדער פופצן סענט. געווען זייער ביליק עופות ביי אונז אין נעשוויל.

לאָמיר זיך געזעגענען מיט דעם אײן־און־אײנציקן אידישן דזשאָס־טיס־אָוו־פּיס, אָדער „מיראָוואַי סודיאַ״, ווי מען וואָלט אים גערופן אין דער אַלטער היים. דזשעק לעווין האָט ער געהייסן, געקומען פון אַ שטעטל ערגעץ אין פוילן, אַ גרויסער תלמודיסט. אויסגעשטודירט פאַר לאָיער אין נעשוויל, געפונען חן ביי די דאָרטיקע אײנוואוינער און זיי האָבן אים אויסגעקליבן פאַר אַ ריכטער.

געווען דאָרטן אין נעשוויל נאָך אַ פּאָר אידן, וואָס האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין שטאָט, ווי די לעווענטאַלס, וואָס האָבן פאַרפלאַנצט שיינע בלומען אין שעלבי פּאַרק, און מען פלעגט קומען קוקן אויף חידושים. אויך אָנגעזען זיך האָבן די דריי ברידער קאָהן, אַמעריקאַנער געבוירענע, געבליבן אין זייער פריסטער קינדהייט קיילעכדיקע יתומים, זיך דערצויגן אין אַ יתומים־הויז, און יעדער אײנער פון די דריי ברידער, ווען ער איז אויסגעוואַקסן, האָט דערגרייכט צו אַ גוטן עקאָנאָמישן מעמד. אײן ברודער — אַ גרויסער לאָיער — איז נאָכדעם אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד אין סיטי קאַונסיל, שטאָט־ראַט; אַ צווייטער — אַ רייכער געהילץ־הענדלער; אַ דריטער — אַ פּראַצענטניק.

געווען זיינען אויך זייער אָנגעזען די הערשבערג ברידער, וואָס האָבן געהאַלטן דעם גרעסטן דעפּאַרטמענט־סטאָר אין נעשוויל, און, ווי מען האָט געשמועסט, זיינען זיי אַמאָל געווען פּעדלער.

און אַז מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט די כל־ישראל, אַזוי צו זאָגן, מיט די אידן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום אידעאַל, אַ חוץ צו מאַכן אַ לעבן, וועלן מיר איצט אָנהייבן צו געזעגענען זיך מיט מיינע נאָענטע חברים, מיט די באַלמעלאָכעס אידן, מיט די וואָס האָבן געגרינדעט דעם אַרבעטער־רינג, מיט די וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין די זונטיקס אין

פֿאַרק אַרום דעם אידישן בוים. די ליבע חברים מיינע, ביי וועמען אין הויז איך פֿלעגט טרעפֿן אַ אידישע צייטונג, אַ אידישן בוך, וואָס האָבן געזונגען אַ אידיש ליד און געשטרעבט צו אַ גערעכט לעבן פֿאַר אַלעמען.

און איך וועל אַוודאי ניט פֿאַרגעסן זיך געזעגענען מיט די שלייפֿער ברידער. אַ וואונדערלעכע משפּחה. דער טאַטע זייערער, אַ גרייז־גרויער שוין געוועזן, ווען די קינדער האָבן אים אַראָפּגעבראַכט קיין נעש־וויל. געוועזן אַ סופר אין מינסק און זיינע קינדער קיינמאָל ניט אויס־גערעדט, אַפֿילו ווען זיי האָבן ניט געפֿאַסט אום יום כיפּור.

פֿיר ברידער זיינען זיי געווען די שלייפֿער ברידער, און יעדער איינער פֿון זיי אַ טייערער מענטש. איינער פֿון זיי איז געווען אַ טאַל־סטאָוועץ, דאָס הייסט, ער איז געגאַנגען אין טאָלסטאָיס דרך. קומענדיק קיין נעשוויל האָט ער בשום אופֿן ניט געוואָלט ווערן אַ פּעדלער, וואָס דאָס איז כמעט געווען די ערשטע באַשעפֿטיקונג פֿון פֿיל אַריינגעקומענע. געוואָלט לעבן פֿון ערלעכער מלאכה און איז געוואָרן אַ פֿאַרבער. אַ צווייטער ברודער איז געווען אַ גוטער סאָציאַליסט. איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן ווי מיר האָבן געקלעפּט אויף די ווענט ערשטער־מאַי בלעטלעך אין איסט נעשוויל. מיר פֿלעגן דאָס טאָן ביינאַכט. ער האָט געקלעפּט און איך בין געשטאַנען אויף דער וואַך צו זען, אַז אַ פּאָליסמאַן זאָל ניט קומען.

לאָמיר זיך געזעגענען מיטן קאַלבי טייך, וואָס צעטיילט די שטאָט אויף נעשוויל און איסט נעשוויל. ביי דעם דאָזיקן טייך, לעבן שעלבי־פֿאַרק, האָט אָפֿט אין די זונטיקס געשפּילט אַן אָרקעסטער מוזיק, און מיין עליקל, דער פֿידל־שפּילער, פֿלעגט זיצן אויפֿן גראָז ניט ווייט און שוועבן אין הויכע וועלטן.

ביי דעם דאָזיקן טייך פֿלעגן מיר אויך אָפֿט מאָל הערן אונזערע טונקל־הויטיגע ברידער זינגען זייערע האַרציקע לידער. אין דעם דאָ־זיקן טייך פֿלעגן מיר אָפֿט זען, ווי אַ באַפּטיסטישער נעגערשער גלח טובֿלט די גלויביקע אין וואַסער, בשעת אַנדערע פֿון דער עדה זיינען געשטאַנען ביים ברעג און געזונגען מיט גרויסן ברען רעליגיעזע לידער.

לאָמיר זיך געזעגענען מיט איינעם אַ יונגן מאַן דזשעקסאָן, וואָס איז געווען אַ פּלימעניק פֿון באַרימטן פּרעזידענט ענדריו דזשעקסאָן, אַ יונגער מאַן מיט לאַנגע האָר, ווי ביי די אַמאָליקע פּאָעטן. אַליין האָט ער גע־

אַרבעט אַלס פּשוטער קלוירק אין נעשווילער פּאָסט־אָפיס. פלעגט קומען צו מיר אין שאָפּ רעדן וועגן זיין אָנקל, דעם באַרימטן פּרעזידענט, און וועגן זיין גרויסער ליבע פאַר אמתער דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע.

לאָמיר זיך געזעגענען מיט מיינע ניט־אידישע געגנאָסן, אַמעריקאַנער פון דורות און דורות. איינער פון זיי איז אַפילו געווען אַ קוירנעל אין דער דרום־אַרמיי און האָט פאַרלאָרן אַ פוס. טייערע חברה אַלע און גרויסע געלערנטע. איך בין צווישן זיי געווען כמעט דער איינציקער פּראָלעטאַריער, יגיע־כפּימניק. וואונדערלעכע מענטשן, גרויסע אידעאַ־ליסטן.

לאָמיר זיך געזעגענען מיט די אַלע פּראָפעסאָרן און סטודענטן פון נעשווילער אוניווערסיטעט, וואָס פלעגן קומען אָפּט אין מיין שוסטעריי און מיך געלערנט וועגן דער געשיכטע פון אַמעריקע און וועגן דעם אָפּשטאַם פון מענטשן. איך בין געווען מערער מזלדיק פון רבי הלל. ער האָט געדאַרפט קריכן אויפן דאַך כדי צו הערן תורה.

צום לעצטן וועלן מיר זיך געזעגענען מיט די קינדער פון מיין גאַס. פאַר זיי איז דאָס גאָר געווען אַ גרויסער קלאַפּ וואָס איך פאָר אַוועק קיין קאַליפאָרניע. זיי פלעגן קומען צו מיר אין שאָפּ, ווי איר ווייסט, זינגען לידעלעך, און איך פלעג זיי געבן דערפאַר פעניס. דעם טאָג וואָס איך האָב געדאַרפט אָפּפאָרן זיינען זיי געקומען צו מיר און מיר אויסגעזונגען אַלע זייערע לידלעך, און איך האָב יעדן איינעם פון זיי געגעבן אַ ניקל.

— מיר וועלן דיך געדענקען, זלמן דער שוסטער, — האָבן אייניקע צו מיר געזאָגט...

אַ סך פריינט און געגנאָסן זיינען געקומען מיך באַגלייטן צום באַן און האָבן מיר מיטגעגעבן אויפן וועג אַזוי פיל ווינטשעוואַניעס און ברכות, אַז ס'איז ממש איבערגעפּולט געוואָרן דאָס האַרץ.

איז הייסט דאָס, ויצא זלמן דער שוסטער פון נעשוויל, און ס'איז אַרויסגעגאַנגען זלמן דער שוסטער פון דער שטאָט נעשוויל און זיך געלאָזט אין דער ווייטער וועלט אַריין...

פאָרן מיר, הייסט עס, קיין קאַליפאָרניע

איך האָב אויסגענומען מיט מיין גאָלדען, אַז אויב איך וועל זיך איינשטעלן אין קאַליפאָרניע און אויב ס׳וועט מיך ניט אויסכאַפּן קיין רייכע אלמנה דאָרטן, וועל איך שיקן נאָך איר און נאָך די קינדער. האָט מיין גאָלדע געלאַכט און געוויינט און מיר אָנגעבאַקן און אָנגעקאָכט אפשר אַ גאַנצן זאַק מיט צידה לדרך. אויך ניט פאַרגעסן מיר מיטגעבן אַ פּאָר פון אירע גוטע פלעשלעך וויין, אייגן־געמאַכטער. און ווען איך האָב געטאָן אַ זופּ, האָט מיר אַ נאָג געטאָן דאָס האַרץ נאָך איר, ווי זי וואָלט דאָרטן אוממיסטנע אריינגעטאָן עפּעס אַזוינע כּישוף־טראָפּנס, ס׳זאָל זיך אָנרופן אין מיר אַ בענקשאַפט נאָך איר.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך שוין אַרומגעטראָגן מיטן חלום קאַליפאָרניע נאָך פון זיבנט געגאַסע ב. וולאַדעק איז געווען ביי אונז אין נעשוויל מיט אַ פיר יאָר פריער. אַ טייערער רעדנער געווען מיט אַ וואָרעם קול, און אין טווין־האָל, אויף טשוירטש סטריט, וואו ער האָט דעמאָלט גערעדט, זיינען אים געקומען הערן ניט נאָר אונזערע מענטשן, נאָר אַפילו שול־אידן און ציוניסטן. זיינע רייד זיינען געווען ווי פּאָעזיע, און ער האָט געמאָלן פאַר אונז צוויי אַמעריקעס — די אַמעריקע פון די רייכע און די אַמעריקע פון די אָרימע. און ער האָט גענומען לאָס־אַנדזשעלעס פאַר אַ משל. אין קיין שום פלאַץ, האָט ער געזאָגט, וואַרפט זיך ניט אין די אויגן די דאָזיקע צוויי אַמעריקעס ווי אין לאָס־אַנדזשעלעס.

די רייכע, די געוועזענע באַלעבאַטים פון שעפער, האָבן זיך אָפּגעשפּאָרט אין דער איסט גענוג געלט און קומען אין מילדן קלימאַט לעבן אין וואוילטאָג, און זייערע קרבנות, וואָס האָבן געאַרבעט אין זייערע שעפער, האָבן זיך אָפּגעשפּאָרט לונג־פעלערן, האַרץ־קראַנקהייטן, אַסטמאַ, רומאַטיזם, קומען זיי אין מילדן קלימאַט זיך ראַטעווען. די רייכע קויפן זיך פּאַלאַצן לעבן ברעג ים און אויף די בערג, און זייערע קרבנות, קוים וואָס זיי קאָנען אויסקומען אַ טאָג.

אָבער דערפאַר, האָט ער געזאָגט, שיינט די טייערע קאַליפאָרניער

זון פֿאַר אַלעמען גלייך, אָרים און רייך. און ער האָט זיך גענומען מאָלן די געבענטשטע קאַליפֿאָרניער נאַטור, די הויכע פֿאַלמען־ביימער, די גאָלדענע מאַראַנצן, די זוניקע טעג, די שמעקנדיקע נעכט, אַז ס׳האָט מיך און מסתמא אַלעמען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין זאַל, אַנגענומען אַ חשק, כאָטש איין טאָג לעבן אין גן־עדן פֿון אַמעריקע, ווי וולאַדעק האָט גערופֿן קאַליפֿאָרניע.

פֿאַר איך, הייסט דאָס, איצט אין דעם גן־עדן פֿון אַמעריקע, און ס׳איז מיר אויפֿן האַרצן עפּעס ניט אַזוי שמחהדיק. ס׳איז דעמאָלט שוין געווען סוף חודש מערץ. ס׳האָט שוין געדאַרפֿט זיין וואַרעמלעך, פֿרילינג־דיק, אָבער אין שיקאַגאָ האָט גאָר געבושעוועט אַ שניי־שטורעם און ווען מיר זיינען אַרויסגעפֿאָרן פֿון שיקאַגאָ האָט זיך דער שניי איבערגעקערט אין אַ בייזן קאַלטן רעגן און ער האָט געשמיסן אין די וואַגאָן־פֿענצטער־לעך ביז קענזעס סיטי. און דער קאַלטער בייזער רעגן איז געווען אַ פּאַ־סיקער באַגלייטער צו מיינע אומעטיקע געדאַנקען. ס׳האָט מיך געשראָקן דאָס אומבאַקאַנטע דאָרטן אין דער פֿרעמד. און דאָ האָט מיך נאָך גוט אַנגעשאָלטן אַ פֿרעמד ווייבל, און אומזיסט און אומנישט אויך. זי איז געווען אַ קליינינקע און אויסגעדאַרטע, מיט צוויי שוואַרצע אייגלעך, ווי ביי אַ בייז הינטעלע.

— איר זענט אַ איד? — איז זי צוגעקומען צו מיר.

— אַוודאי בין איך אַ איד — ענטפֿער איך מיט אַ ברייטן שמייכל.

— און וואוהין אַ שטייגער פֿאָרט אַ איד? — פֿרעגט זי מיך און איז עפּעס פֿאַרביסן.

— וואוהין אַ שטייגער זאָל פֿאָרן אַ איד? — ענטפֿער איך איר אין גוטן מוט — קיין קאַליפֿאָרניע פֿאָרט אַ איד.

— אַזוי, קיין קאַליפֿאָרניע? — טוט זי אַ געשריי, אַקוראַט ווי זי וואָלט מיך געפּאַקט ביי אַן עבירה — און וואו איז אייער ווייב? — נעמט זי מיך דורך מיט אירע אומהיימלעכע אייגעלעך. — איר וועט מיר באַלד זאָגן — לאָזט זי מיך ניט ענטפֿערן — אַז איר האָט ניט קיין ווייב און איר זענט נאָך אַ בחור.

— וואָס־זשע, איר האָט פֿאַר מיר עפּעס אַ לייטישן שידוך? — מאַך איך צו איר אין אַ שפּאַס.

— אַ לייטישן שידוך זאָל איך האָבן פאַר אייך? — ענטפערט זי מיט גאַל. — אַ לייטישע פּלאָג האָב איך פאַר אייך!

כ׳האָב זיך נאָכדעם דערוואוסט, אַז זי איז געבעך זייער פאַרביטערט קעגן אַלע מענער. איר מאַן האָט זי מיט זעקס יאָר צוריק איבערגעלאָזט אין ניו־יאָרק, און זי האָט פון אים ניט געהערט די גאַנצע צייט. אַ לאַנדס־מאַן האָט איר דערציילט, אַז ער האָט אים געזען אין לאָס־אַנדזשעלעס, און ער לעבט מיט אַן אַנדערער. פאָרט זי איצט קיין לאָס־אַנדזשעלעס זוכן איר מאַן. זי האָט זיך אַרומגעפּירט מיט זיין בילד און מיט אַ „פאַר־ווערטס״־אויסשניט פון „בינטל־בריוו״. כ׳האָב געלייענט דעם אויסשניט און באַטראַכט זיין בילד, און האָב אויף אים רחמנות געהאַט. ער האָט אויסגעקוקט אויפן בילד עפּעס אַ צעשראָקענער, אַ פחדימדיקער. ווי איך האָב זיך דערוואוסט פון איר, האָט ער געאַרבעט אין אַ שאַפּ ביי אונטער־קליידלעך און איז געווען אַ קנאַפּער פאַרדינער, און זי, האָב איך זיך אָנגעשטויסן, האָט אים מסתמא געיאַדעט.

זי האָט מיר אויך געוויזן איר בילד, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל. האָב איך זיך שטאַרק געוואונדערט, ווי דאָס שווערע לעבן קאָן אַזוי אומבייטן אַ מענטשן. אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, אַ לעבעדיקע, מיט דעם אמתן פּרויענשן רייץ האָט זי אויסגעקוקט אויף דער בילד, און איצט — אַן איינגעשרומפּענע, אַן אויסגעדאַרטע, אַ פאַרביטערטע.

זי האָט עפּעס ניט געקאָנט רוען. זי איז געגאַנגען פון וואַגאָן צו וואַגאָן, געזוכט אידישע יונגעלייט, וואָס זיינען געפאָרן קיין קאַליפאָרניע אַליין, אַן זייערע פרויען, און זי האָט זיי געשאָלטן.

איך האָב זיך שפּעטער באַקענט מיט איינעם אַ נאַדיסאָן, וואָס איז אויך געפאָרן קיין קאַליפאָרניע, און ער האָט מיר דערציילט אַ לאַכנ־דיקער, ווי ער האָט געקראָגן פון דער דאָזיקער פרוי אויך אַ פיינעם ברוך הבא.

דער דאָזיקער נאַדיסאָן איז געווען אַ יעליסאַוועטגראַדער איד. אַ נידעריקער דווקא, אָבער מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ געדיכטער קוטשמע שוואַרצע האָר, און מיט נאָך געדיכטערע וואָנצעס. אַ קוק טוענדיק אויף זיין פולן פּנים, רויטע באַקן און לאַכנדיקע ברוינע אויגן, האָט מען גע־קאָנט מיינען, אַז ס׳פעלט אים גאָרניט. אָבער געפעלט האָט אים זייער אַ סך. געפעלט האָט אים פּשוט אַ פּאָר געזונטע לונגען. ער האָט געאַר־

בעט אין ניו־יאָרק אַלס אַ סיגאַר־מאַכער, האָט ער זיך אָפּגעשפּאָרט די אמתע פּיינע פאַר לונגען. פונדעסטוועגן איז דער וויץ ניט אָפּגעטראָטן פון זיינע ליפּן און די פריילעכקייט פון זיינע אויגן. ער האָט פאַרמאָגט זייער אַ שיינע טענאָר־שטימע און געהאַלטן אין איין זינגען לידלעך. ער איז געפאָרן מיט גרויס בטחון אין דעם גאָלדענעם לאַנד. ער וועט ווערן אַ פאַרמער, האָט ער מיר געזאָגט.

און אָט אַזוי זיינען מיר געפאָרן און פאַרבראַכט ביז דער גרויסער סטאַנציע, אָגדען, יוטאַ, און דאָרטן האָט מיר אַ באַרג אָפּגעטאָן אַ כישוף. גלייך ביי דער סטאַנציע דערזעט מען דעם באַרג. אויפן קאָפּ איז ער געווען ווייס, און ביי די פיס — ראָזעווע און בלוי, און אַזוי נאָענט האָט ער אויסגעקוקט, כאָטש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. ס'האָט מיך שטאַרק געצויגן צו אים. נאָדיסאָן האָט ניט געוואָלט מיטגיין. ס'איז געווען אינדערפרי, די זון האָט געשיינט, אָבער ס'איז געווען קיל און די לופט אַזוי שטאַרק, טאַקע נאָר ווי בראָנפן. פון דער סטאַנציע האָט דער באַרג אויסגעזען אַזוי נאָענט, אָבער וואָס מערער איך גיי צו אים, אַלץ ווייטער גייט ער אַוועק פון מיר. איך גיי, און גיי, און גיי, און גיי. און דאָ כאַפּ איך זיך, אַז איך האָב נאָר איין שעה צייט, און די באַן קאָן מיר נאָך אָפּטאָן אַ שפּיצל און אַנטלויפן אָן מיר. קער איך זיך שוין אום צוריק. אָבער איידער וואָס ווען, און איך זע פונדערווייטנס, אַז די באַן רירט זיך שוין, און באַלד טאַקע נעמט זי זיך אָן מיט מערער מוט און צעיאָגט זיך גיך, גיך.

אָבער עפּעס האָט מיך ניט געאַרט. פאַרקערט, ס'איז גאָר אַרויף אויף מיר אַ גרויסע שמחה. די מעשה איז, וואָס די נאָז מיינע, ווי ביי אַ סך שוסטערס, פון דעם שטענדיקן ריח פון לעדער און פאַרשיידענע שאַרפע פאַרבן, איז פאַר די לעצטע פאַר יאָר געווען אינגאַנצן פאַרלייגט, און דאָ פלוצלונג איז זי מיט אַמאָל געוואָרן פריי, טאַקע אינגאַנצן געעפנט געוואָרן, און זי האָט אין זיך אומגעשטערט אַריינגעצויגן די מחיהדיקע פרישע לופט פון יוטאַ סטעיט.

ס'ערשטע מאָל פאַר אַזוי פיל יאָרן, ווי איך האָב דערפילט, אַז איך האָב אַ נאָז... אַך, אַך, אַך, אַזוי פיל יאָרן געשטיקט זיך אין מיין שוס־טער־שאַפּ, און דאָ אַזאַ שיינקייט... עפּעס נאָר דעמאָלט האָב איך דער־פילט, וואָס אַמעריקע איז...

דאָס לאַנד פון דער אייביקער זון

שפּעט אין טאָג איז אָנגעלאָפן אַ צווייטע באַן. איך בין אַריין אין אַ וואַגאָן, וואו ס'רוב זיינען געווען פאַרמער פון מיטל־מערב; פאַרמער, וואָס זיינען געפאָרן אויסקוקן קאַליפאָרניע, און אויב ס'איז טאַקע אַזוי גוט, ווי מען דערציילט, — אַראָפּברענגען זייערע פאַמיליעס און זיך באַזעצן דאָרטן.

דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן געשטאַמט פון אַזוינע געגענטן אין אַמעריקע, וואו די ערד איז אַ שטיף־מאַמע און דער קלימאַט אַ רוצח. און אַלע כמעט האָבן געליטן פון רומאַטיזם. אַ גאַנצער וואַגאָן מיט רומאַטיזם. דאָס זיינען געווען מיטליאָריקע און עלטערע מענטשן מיט צעקנייטשטע פּנימער, מיט צעטראַסקעטע הענט, מיט צעקאַרבטע ברוינע העלזער — האַרט ווי לעדער. פאַרמער וואָס האָבן זיך געמוטשעט כל היאָרן ביי אַ צרהדיקער ערד און דאַך זיך געקליגט אָפּצושפּאָרן אויף זייערע עלטערע יאָרן, אַ חוץ ווייטיקן אין די קנעכלען און שטעכענישן אין די זייטן, אויך אַביסל געלט.

איך האָב געזוכט אַ אידיש פּנים און ניט געזען. אָבער גיי ווייס, אַז ס'זיצט מיר אַ איד כמעט אונטער דער נאָז. דאָס באַווייזט, אַז אָדער איך בין אַ קנאַפּער קענער אויף אידישע פּנימער, אָדער ניט שטענדיק דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף די געשוואוירענע סימנים לויט וועלכע מען דערקענט אַ אידן. אָבער וועגן דעם שפּעטער.

און צוליב וואָס האָב איך אַזוי געזוכט אַ אידן, פאַרשטייט איר דאַך מסתמא, אַז צוליב דעם מען זאָל קאָנען לעבן אים זיך צוזעצן און ריידן. אַ רייזע אויף אַ באַן אָן דעם מען זאָל צו עמיצן ניט ריידן האָט ניט קיין אידישן טעם. און דאָ זיצט אַ גאַנצער וואַגאָן מיט מענטשן און שוויגט ווי אויף צו להכעיס. און ניט נאָר מען שווייגט, נאָר קיינער קוקט גאָרניט אויף קיינעם. יעדער איינער איז זיך פאַרנומען מיט זיינע מחשבותן, יעדער איינער איז אַריינגעטאָן אין זיך. האָב איך זיך אויך אַנידערגעזעצט און אויך גענומען שווייגן. אָפּגעשוויגן אַזוי עטלעכע שעה ביז די ליפּן

האָבן מיר אַזש אָנגעהויבן ווי צו טאָן, האָב איך זיך אויפגעהויבן און געזאָגט הויך אויף אַ קול צום גאַנצן וואַגאָן:

— הערט, ליבע מענטשן, מיר פאָרן מסתמא אַלע קיין קאַליפאָרניע, און מיר וועלן דאַרפן זיין צוזאַמען נאָך צוויי טעג, איז נאָך וואָס־זשע זאָלן מיר זיך נודיען. לאָמיר בעסער פאַרברענגען צוזאַמען. לאָמיר זיך דערציילן צוליב וואָס מיר פאָרן קיין קאַליפאָרניע. איך וועל אייך דער־ציילן דער ערשטער. אָדער לאָמיר אפשר זינגען לידער צוזאַמען?

אַן אַלטיטשקער מאַן, מיט גרויע שיינע האָר, מיט אַ הויכע שטערן, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט און אַריינגעקוקט אין אַ ביבל מיט שוואַרצע טאָוולען, האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— ס'איז טאַקע ריכטיק וואָס דער מאַן זאָגט. לאָמיר ווערן בעענטער איינער מיטן אַנדערן. די בעסטע זאַך וואָלט געווען מיר זאָלן אַלע אינאיינעם זינגען לידער צו אונזער באַשאַפער. — און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער אַ וואונק געטאָן צו אַן אַלטיטשקער פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן אים, זיין ווייב מסתמא, און זי האָט אַרויסגענומען פון אַ רענצל אַ האַנט־האַרמאָניע, אָנגעהויבן צו שפּילן אַ רעליגיעזע ליד, און דער עולם האָט גלייך אונטערגעכאַפּט מיט גרויס געפיל. מען איז זיך צונויפגעלאָפן פון אַנדערע וואַגאָנען און דער כאָר איז געוואָרן גרעסער. אונזער קאָנדוקטאָר, אַ פעטלעכער און אַ בלאַסער, נעבעך, האָט אויך מיטגעזונגען. ער האָט פאַרמאָגט זייער אַ שיינע טענאָר־שטימע.

איך, פאַרשטייט זיך, האָב ניט מיטגעזונגען. ערשטנס, האָב איך ניט געקאָנט זייערע לידער; צווייטנס, איז ווי גאָר כ'האָב זיך אַריינגעזעצט אין באַן איז מיין שוסטערישע נאָז געוואָרן צוריק פאַרלייגט. שייך פאַר־לייגט, פאַרחתמעט געוואָרן, ווי מיט וואַקס. דער אַלטיטשקער, מיט דעם חומש, האָט באַמערקט ווי איך זינג ניט מיט און זיך אָנגערופן:

— דו האָסט אונז געגעבן די עצה און אַליין זינגסטו ניט?

— יאָ, יאָ, — פאַרוואָס זינגט ער ניט מיט? — האָבן זיך אָנגערופן אויך אַנדערע.

— איך בין אַ איד — האָב איך זיי געענטפערט — און קאָן ניט אייערע לידער.

— טאָ זינג זשע אונז פון דיינע אידישע לידער — האָט זיך אָנגע־רופן די אַלטיטשקע מיט דער האַנט־האַרמאָניע.

— יאָ, יאָ, זאָל ער אונז זינגען פון זיינע אידישע לידער — האָבן זיך אָנגערופן אויך אַנדערע.

איז טאָקע מיר געווען שלעכט. אָבער אַז קהל פאָדערט איז דאָך ניט שייך, האָב איך אָנגעהויבן צו זינגען פאַר זיי „כל מקדש״. פאַרוואָס גראָד „כל מקדש״? ווייל דאָס איז געווען דאָס איינציקע ליד וואָס איך האָב געקאָנט זינגען מיט געפיל און מיט שמחה. „כל מקדש״ האָט מיר געבראַכט דעם פריילעכן טעם פון פיש, פון יויך, פון עוף, פון פלוימען־צימעס פרייטיק־צו־נאַכט, דער איינציקער אָוונט אין דער וואָך, ביי מיין טאַטן, דעם אָרימען שוסטער, וואָס מיר האָבן געגעסן צוזאַמען. און מיין פאַרלייגטע נאָז, אַפּנים, האָט זיך אויך דערמאָנט אין דער פריילעכער קינדהייט און זי האָט זיך אַביסל געעפנט און מיך געלאָזט זינגען דעם „כל מקדש״, וואָס די ווערטער האָבן ביי מיר גאָרניט געמיינט, נאָר דער ניגון, וואָס האָט מיר דערמאָנט גוטע דערמאָנונגען. ס׳דערמאָנט מסתמא גוטע דערמאָנונגען אַלע די, וואָס קומען פון אָרימע משפחות פון דער אַלטער היים.

ווען איך האָב אָפּגעזונגען האָבן מיר אַלע געקלאַפּט בראַוואָ, און די אַלטיטשקע האָט מיך געבעטן איך זאָל דאָס זינגען נאָך אַמאָל, און זי וועט פּרואוון מיך באַגלייטן אויף איר האַנט־האַרמאָניע. האָב איך גע־זונגען נאָך אַמאָל און זי מיך גאָרניט שלעכט באַגלייט מיט איר האַנט־האַרמאָניע.

בשעת איך האָב אַזוי האַרציק געזונגען דעם „כל מקדש״ זע איך, ווי אַ יונגערמאַן, אַ שלאַנקער, אַן איידעלער, מיט העלע בלאָנדע האָר, מיט שטראַלנדיקע ווייכע, גרויסע, גרויע אויגן, מיט ליבלעכע שמייכ־לענדיקע ליפּן, קוקט אויף מיר זייער שטאַרק און קוועלט, אַ גוואַלד. גיי ווייס, אַז ניט נאָר קער ער מיר אַן אַ איד, נאָר אַפילו אַ ברודער פון אַרבעטער־רינג. אהרן גאָלדבלאַט איז געווען זיין נאָמען און קומט פון שי־קאַגאָ, וואו ער איז געווען אַ לאָונדרימאַן.

מיר האָבן זיך שוין ניט צעשיידט דעם גאַנצן וועג, געזעסן איינער לעבן צווייטן און גאָרניט אויפגעהערט ריידן. ער איז געווען אַ געלערנ־טער און זייער אַן אָנגעלייענטער מענטש, מיט אַ פּאָעטישער נשמה. ער האָט עפּעס פאַרמאָגט אַ מחיהדיקן קול, וואָס איז דיר געגאַנגען גלייך אין האַרצן אַריין. ער האָט מיר דערציילט, אַז מיט דעם חלום פון קאַליפאָרניע

טראָגט ער זיך אַרום שוין פון יאָרן און יאָרן. פון זינט ער האָט געלייענט טשעכאָווס אַ דערציילונג, וואו צוויי גימנאַזיסטלעך פּלאַנעווען צו אַנטלויפן קיין קאַליפאָרניע, „אואו סטראַנו וויעטשנאָווא סאָלנצאַ", אין דעם לאַנד פון דער אייביקער זון. אַט די דאָזיקע ווערטער: „סטראַנאַ וויעטש־נאָווא סאָלנצאַ" זיינען אים אַריין טיף אין האַרצן און לאָזן אים גאָר קיינמאָל ניט אָפּ. ווען ס'איז אים געוואָרן באַזונדערס שלעכט אין לעבן, האָט ער געטראַכט וועגן זיך אַוועקלאָזן אין לאַנד פון דער אייביקער זון. און אין שיקאַגאָ, ווען ס'קומט דער ווינטער מיט די רציחהדיקע פרעסט, מיט די מערדערלעכע זאַווערוכעס, קאָן מען דאָך דעם אָטעם ניט כאַפּן. און ער האָט נאָך געדאַרפט צעפירן לאַונדרי אין פאַרשיידענע הייזער, איז אויב יאָ צו זיין אַ לאַנדרימאַן, איז כאָטש אין דער „סטראַנאַ" פון „וויעטשנאָווא סאָלנצאַ".

אָבער איידער מען דאַרף דערגרייכן די „סטראַנאַ" פון דער „וויעטש־נאָווא סאָלנצאַ", דאַרף מען דורכפאָרן, ווי איר ווייסט, אַ גרויסן מדבר. און מיר זיינען געפאָרן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און ס'האָבן זיך נאָך אַלץ געצויגן וויסטע נאַקעטע זאַמדן, וואוהין דאָס אויג האָט געקאָנט טראָגן נאָר זאַמד און זאַמד. און אַז מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ לעבן אַ סטאַנציע אינמיטן מדבר און לעבן וואָקזאַל האָבן געוואַקסן אַ פּאָר ביימלעך, מיט אַ גראָז־לאַנקע, האָבן מיר זיך אַזוי דערפרייט, ווי איבער עפּעס אַ לאַנג פאַרלוירענעם ברודער. איך האָב שוין גערעדט מיט אהרן גאָלדבלאַט, אַז אויב לעבן וואָקזאַל קאָן מען מאַכן וואַקסן ביימלעך פאַרוואָס ניט טאַקע אין דער מדבר אַליין... האָט ער מיר געענטפערט, אַז נאָר אונטערן סאָציאַליזם!

ס'איז כאָטש געווען גוט, וואָס מיר זיינען געפאָרן מיט אַ באַן איבער דער מדבר. אונזערע אור־עלטערן האָבן דאָס אויך ניט געהאַט, און זיך גענעבעך געמוזט שלעפּן צופוס איבער די הייסע זאַמדן. און ס'איז מיר איצטער שוין געווען קלאָר, פאַרוואָס די אידן האָבן זיך אַזוי געטשעפּעט צו משה רבינו און געהאַלטן אין איין קריגן זיך צווישן זיך. אַז די היץ דערגייט די יאָרן און מען חלשט פון דאָרשט, און — טאָג ווי נאַכט נאָר הימל און זאַמד, קאָן מען זיך ממש ניט אָנקוקן איינער דעם אַנדערן. אַפילו דאָ, אין דער באַן, זיינען מענטשן זיך געוואָרן שווער איינער צום אַנדערן. מען האָט שוין געקאָנט דערקענען אין די

אויסגעמאַטערטע פּנימער, אין דער שווערער שוויַיגעניש. דעם זאַפּאַס וואַסער אין וואַגאָן האָט מען גיך אויסגעטרונקען און מענטשן זיינען געזעסן פאַרחלשטע. דער אַלטיטשקער מיט דער ביבל האָט גערופן מען זאָל זינגען פרומע לידער צו דעם באַשאַפער, אָבער ס'איז עפּעס ניט געגאַנגען.

אַט אַזוי אַ גאַנצן טאָג האָבן די אויגן דורכן וואַגאָן־פענצטערל געזען נאָר מדבר און מדבר. אין אָוונט בין איך איינגעשלאָפן אַזוי זיצנדיק אויפן בענקל. און איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי מען שלאָפט אין אַ וואַגאָן אויף אַ בענקל. מען כאַפּט זיך אַלע מאָל אויף מיט אַ קאָפּווייטיק. גאָר שפּעט אין דער נאַכט בין איך טאַקע באמת איינגעשלאָפן אָן איבעררייס אַ שטיק צייט, ווי איך פיל, אַז מען וועקט מיך. אהרן האָט דאָס מיך געוועקט און שעפּטשעט אַריין אין מיין אויער מיט גרויס פרייד:

— קוקט, זלמן, קוקט.

האָב איך געקוקט. און דאָס וואָס איך האָב געזען, קאָן איך קיינמאָל שוין ניט פאַרגעסן: וועלדלעך גאַנצע מיט ביימער, אָפּגעשאָטענע מיט גאָלדענע מאַראַנצן, און די זון פון גאָלע זהב טהור און אומעטום — גרינע טאָלן, און אין די גרינע טאָלן ווייסע און רויטע פּעטע קי פּאַשן זיך אַזוי רואיק. און דער עיקר די פּאַלמען־ביימער פונקט ווי אין חומש...

— „סטראַנאַ וויעטשנאָווא סאָלנצאַ", — מאַכט צו מיר מיין ברו־דער פון אַרבעטער־רינג מיט אַ זינגעוודיק קול, און ער אַליין שטראַלט ווי דער קאַליפאָרניער פרימאָרגן, וואָס מיר זעען דורכן פענצטערל...

מאַראַנצן

שוין אַזוי פיל יאָרן אין קאַליפאָרניע און ס'איז ביי מיר נאָך אַלץ אַ גרויסער וואונדער די גאָלדענע פירות, וואָס וואַקסן זיך אַזוי פשוט אין לאָס־אַנדזשעלעס, אַפילו אין די הויפן פון אָרימע לייט.

ס'איז מסתמא צוליב דעם ערשטן מאַראַנץ, וואָס איך האָב פאַרזוכט אין מיין לעבן מיט יאָרן און יאָרן צוריק אין מיין קינדהייט. געווען קראַנק, ס'געדענקט זיך שוין ניט אויף וואָס, האָט מיין טאַטע דער שוס־טער געבראַכט מיר אַ מאַראַנץ און גלייך האָט די גאַנצע שטוב פאַר־שמעקט. די ברידערלעך און די שוועסטערלעך האָבן זיך אַרומגעשטעלט מיט גרויסע אויגן און געקוקט, ווי מיין מאַמע שיילט דעם מאַראַנץ מיט אַזאַ פייערלעכקייט. איך, דער קראַנקער, וואָס איז געווען דער מיוחס אין שטוב, אַזוי צו זאָגן, האָב אויסגעזויפט אַ גאַנץ האַלבן מאַראַנץ. די צווייטע האַלב האָט מיין מאַמע צעטיילט צווישן דעם הויז־געזינד אויף אַ ברכה צו מאַכן. די שאָלעכץ איז אָבער געווען אַזוי טייער, ווי דער מאַראַנץ אַליין. מיט דער שאָלעכץ האָט די מאַמע אויסגעקוועטשט יעדן קינד אין די אויגן, אַ סגולה צו אַ גוטער ראיה (ריע). דערנאָכדעם האָט זי ערשט באַהאַלטן די שאָלעכץ אויף אַ טעלערל אין שאַפקעלע ביז זי האָט זיך גוט אויסגעטריקנט, און פרייטיק האָט זי דאָס צעמאָלן און אַריינגעטאָן אין דער חלה.

היינט שטעלט זיך פאַר מיין וואונדער, ווען איך האָב דערזען דורכן וואַגאָן־פענצטער פאַרביילויפן גאַנצע וועלדלעך מיטביימער, וואו די צווייגן זיינען אָנגעשאָטן מיט מאַראַנצן, וואָס זעען אויס, ווי קיילעכדיקע שטיקער גאָלד צווישן שטאַרק גרינע בלעטלעך. די בלעטלעך פון די מאַראַנצן זיינען שטענדיק עפּעס שטאַרק גרין.

און נאָך גרעסער איז געווען מיין וואונדער, וואָס איך האָב ביי מיין לאַנדסמאַן נח דעם בעקער, אויף גאַנעל סטריט, געטראָפן אין זיין הויף אויך וואַקסן אַ מאַראַנצן־בוים. איך בין די ערשטע עטלעכע טעג איינ־געשטאַנען ביים לאַנדסמאַן נח דער בעקער אויף גאַנעל סטריט. אַ קליין

הילצערן הייזעקעלע האָט ער פאַרמאָגט, — אַ באַנגאַלאָ רופט מען דאָס, — און געוואוינט דאָרטן מיט זיין פרוי און אַ אינגעלע פון צוויי יאָר. דאָס אינגעלע איז שוין געבוירן געוואָרן אין לאָס־אַנדזשעלעס.

און פונקט, ווי ס׳איז מיר געווען אַ וואונדער דער מאַראַנצן־בוים אין דעם הויף פון זיין אָרימען הייזל, אַזוי אויך איז ביי מיר געווען אַ וואונדער מיין לאַנדסמאַן נח אַליין.

נח איז געווען אַ בעקער אין ניו־יאָרק, געוואוינט מיט זיין פרוי אין אַ טענעמענט־הויז ערגעץ אויף דער איסט־סאַיד, און אַלע זיינע יאָרן אין אַמעריקע איז ער געווען אַ ברוגזער, אַ בלאַסער און אַ ברוגזער. אין אונזער געבורט־שטעטעלע איז ער ניט געווען קיין ברוגזער, פאַרקערט, זייער אַ פריילעכער געווען מיין חבר. נאָר ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע און האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן ביי בעקעריי, איז ער געוואָרן אַ ברוגזער. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז צוליב דעם וואָס ער האָט געמוזט שלאָפן בייטאָג, ניט ביינאַכט, איז ער געווען ברוגז אויף דער וועלט. און אפשר איז ער אויך געווען ברוגז, וואָס זיין ווייב האָט אים ניט געבוירן קיין קינד. און די יאָרן זיינען זיך דערווייל געגאַנגען, און איך פלעג אָפּנעמען אין נעשוויל גרוסן פון מיין לאַנדסמאַן, אַז ער איז געוואָרן נאָך בלאַסער, נאָך ברוגזער און קיין קינד האָבן זיי נאָך אַלץ ניט. דערנאָכ־דעם האָב איך געהערט אין נעשוויל, אַז דער בעקער האָט זיך גוט צוגע־קילט און אָפּגעשפּאָרט קראַנקע לונגען, און דערפאַר האָט ער אויפגעגעבן זיין דזשאָב און איז אַוועק מיט זיין פרוי קיין לאָס־אַנדזשעלעס און אין לאָס־אַנדזשעלעס האָט אים זיין פרוי, וואָס מען האָט געמיינט, אַז זי איז אַ פאַרפאַלענע עקרה, אָדער ער איז אַ פאַרפאַלענער עקר, אים געבוירן אַ קינד. ס׳האָט אונז, לאַנדסלייט, גוואַלדיק געוואונדערט, ניט אַנדערש, אַז דער קלימאַט פון קאַליפאָרניע איז עפּעס מסוגל צו קינדער האָבן.

דאָס קינד זיינס, דאָס אינגעלע פון צוויי יאָר, האָב איך גלייך ליב באַקומען. אַזאַ שיינס געווען, מיט גאָלדענע לאָקן, מיט לאַכנדיקע בלויע אייגעלעך, מיט גראָביטשקע פיסלעך. שוין אַן עלטער פאָר פאָלק געווען, מיין לאַנדסמאַן נח מיט זיין פרוי. אירע האָר זיינען שוין געווען גרוי, ווי אַ טויב. נחן אַליין האָב איך ניט דערקענט, ניט מחמת ס׳זיינען פאַר־לאָפן אַזוי פיל יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך איינס ס׳אַנדערע ניט געזען, נאָר ניט דערקענט האָב איך אים, דער עיקר, ווייל ער איז שוין מער

ניט געווען קיין ברוגזער. אַ שמייכלענדיקן, אַ צופרידענעם נחן האָב איך זיך גאָרניט פאַרגעשטעלט.

און פונקט ווי ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין אינגעלע, וואָס איז אים געבוירן געוואָרן אין קאַליפאָרניע, אַזוי שטאָלץ איז ער געווען מיטן מאַראַנצן־בוים, וואָס איז געוואַקסן אין זיין הויף. גלייך נאָכדעם, ווי ער האָט מיך געבראַכט אין זיין שטיבל אויף גאַנעל סטריט, און מיר געוויזן צום אַלעם־ערשטן זיין אינגעלע, האָט ער מיך נאָכדעם באַלד אַרויסגע־פירט אין הויף און מיר געוויזן זיין מאַראַנצן־בוים.

ער האָט אין לאָס־אַנדזשעלעס זיך ניט גענומען צו בעקעריי, נאָר געקויפט זיך אַ פערד און וועגעלע — און אָנגעהויבן צו פעדלען מיט גרינסן און מיט פרוכטן. מיר זיינען געווען אינדערהיים זייער נאָענטע חברים, און דאָ, אין לאָס־אַנדזשעלעס, זיצנדיק אַזוי אויף אַ באַנק אין הויף קעגן מאַראַנצן־בוים, האָט זיך עפּעס אָנגערופן די חברשאַפט פון אַמאָל. ער האָט מיר דערציילט אין פריידן וועגן זיינע ליידן אין ניו־יאָרק. ער האָט אַלעמען, האָט ער מיר דערציילט, פיינט געהאַט אין ניו־יאָרק, אַפילו זיין אייגן ווייב, אַלץ דערפאַר, וואָס ווען די זון שיינט אינדרויסן מוז ער דעמאָלט שלאָפן. און ווען ער איז קראַנק געוואָרן אין ניו־יאָרק און שוין ניט געקאָנט אַרבעטן אין דער בעקעריי, האָט ער שוין גאָר ביינאַכט ניט געקאָנט קיין אויג צומאַכן, מחמת ער איז פיל יאָרן געווען געוואוינט צו שלאָפן בייטאָג. ערשט ווען ער איז געקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס האָט ער געקאָנט אָנהייבן שלאָפן ביינאַכט. ס׳איז זיך אים אַזוי גוט געשלאָפן, אַז ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג האָט ער גאָר געוואָלט אויסקושן די גאַנצע וועלט, באַזונדערס נאָך ווען די גאָל־דענע מאַראַנצן אויפן בוים האָבן אַריינגעשיינט דורכן פענצטער אין שלאָף־צימער...

איך בין אויך געשלאָפן די גאַנצע נאַכט. אוי, בין איך געשלאָפן! אין נעשוויל האָט מען אַזוי גוט ניט געקאָנט שלאָפן צוליב די מאָסקי־טאָס. ס׳האָבן ניט געהאָלפן די דראָטענע נעצן, וואָס מיר האָבן אַריינ־געפּאַסט אין די פענצטער. זיי זיינען דורך ערגעץ געקומען די מאָסקיטאָס ביינאַכט און געצאַפּט פון אונז דאָס בלוט. מיין גאָלדע האָט געמוזט ביי די פענצטער אויסלייגן שטיקלעך וואַטע, איינגעטונקען אין קעראָסין.

יאָ, האָט זיך מיר אַזוי געשמאַק געשלאָפן אין קאַליפאָרניע.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, נאָך דער ערשטער נאַכט אין קאַליפאָרניע, האָב איך זיך געוואונדערט ווי די נאַכט איז אַזוי שנעל איבערגעלאָפן.

און דאָ, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָבן אַריינגעקוקט צו מיר דורכן פענצטער די גאָלדענע פּירות פון מאַראַנצן־בוים, און מיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט גרויס ליבשאַפט און ס׳האָט זיך מיר אויך פאַרגלוסט צו קושן די גאַנצע וועלט. און דאָ האָב איך ניט וועמען צו קושן, ווייל מיין גאָלדע איז ווייט, ווייט אין נעשוויל, און איך זעץ זיך אַנידער און שרייב צו איר אָן אַ בריוועלע, בזה הלשון:

אשתי היקרה גאָלדע:

דו שמעקסט צו מיר, ווי די גאָלדענע מאַראַנצן אויפן בוים ביי מיין לאַנדסמאַן נח דעם בעקער אין הויף. וועסטו מיך פרעגן: איז ווי אַזוי קאָן איך גאָר שמעקן, ווען דו ווייסט, אַז די נאָז איז ביי מיר גאָר פאַר־לייגט די לעצטע עטלעכע יאָר. וועל איך דיר ענטפערן, אַז דאָ אין קאַ־ליפאָרניע האָט זי זיך מיר געעפנט. אוי, שמעקט, אַ מחיה, אין דעם דאָזיקן לאַנד. מען זאָל נאָר דאָס דערלעבן, ווען מען באַדאַרף עס ניט. דאָס הייסט, אַז מען זאָל פאָרן קיין קאַליפאָרניע, ניט ווען מען איז קראַנק און מען באַדאַרף דאָס פאַר אַ רפואה, נאָר טאַקע געזונטערהייט...

יענע יאָרן אין לאָס־אַנדזשעלעס

מיין לאַנדסמאַן נח, דער געוועזענער בעקער, האָט זיך געפרייט מיט קאַליפאָרניע ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אויף די עלטערע יאָרן גע־וואָרן אַ טאַטע, און ניט נאָר דערפאַר, וואָס אין זיין הויף האָט געוואַקסן אַ מאַראַנצן־בוים, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ער האָט געקאָנט אין די אָוונטן גיין צו לעקציעס. ער איז געוואָרן אַ פאַרקאָכטער לעקציע־גייער אין לאָס־אַנדזשעלעס. ס׳איז גאָרניט געווען קיין לעקציע אין שטאָט, וואָס ער זאָל פאַרפעלן. דאָס האָט ער אָפּגענומען פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער

האָט געוואוינט אין ניו־יאָרק און געוואָלט גיין צו לעקציעס און ניט גע־קאָנט, ווייל ער האָט געדאַרפט אַרבעטן בייַנאַכט.

און איך בין דאָך אויך געווען אַ הונגעריקער נאָך אַ אידישער לעקציע, ווייל אין נעשוויל פלעגט זעלטן אַראָפּקומען עפּעס אַ גוטער אידישער רעדנער. בין איך געגאַנגען מיט אים. ס'איז געווען אַ פרייטיק־צו־נאַכטס. ריינע, קלאָרע שטערנדלעך האָבן געלויכטן אין הימל, און געשמעקט האָט די קאַליפאָרניער נאַכט עפּעס ווי מיט טייערע בשמים. נח האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס שמעקט אַזוי דער פעפער־בוים. איך האָב בייטאָג גע־זען אַ פעפער־בוים, און ער איז מיר זייער געפעלן. די בלעטלעך אויף די צווייגן זיינען אַזוינע קליינינקע און שייניגקע און אויסגעהאָפּטן ווי קרוזשעוועס, דער שטאָם שוואַרצלעך־גרוי, איז דיקלעך און די צווייגן הענגען אַראָפּ צו דער ערד. איך האָב שוין געלאַכט צו זיך, וואָס מען רופט אים גאָר פעפער־בוים, און ער שמעקט שוין גאָרניט ווי פעפער. אָבער פון זיינע זיסע שאַרפע ריחות האָט זיך מיין נאָז צעניסט פונקט ווי פון פעפער. נח האָט מיר געזאָגט, אַז ס'זיינען דאָ געוויסע מענטשן, וואָס ניסן בייַנאַכט, און טאָקע צוליב דעם דאָזיקן פעפער־בוים.

נח האָט מיך געפירט איבער די גאַסן פון באָיל האַיטס צו סאָטאָ סטריט. ער האָט זיך געוואָלט פאַר מיר באַרימען מיט זיין סאָטאָ סטריט, די שענסטע גאַס פון באָיל האַיטס. און ווי געווינלעך אויף דער שענ־סטער גאַס אין אַ שטאָט, וואוינען די רייכערע. און ס'איז טאָקע דעמאָלט געווען די שענסטע גאַס אין באָיל האַיטס. אַ גלייכע ברייטע גאַס און פוןביידע זייטן שיינע הייזקעס מיט אָפּגעהיטע גרינע לאָנקעס, מיט בלומען־בייטן, און מיט הויכע פאַלמען־ביימער, עפּעס גאָר ווי אויף אַ דאַטשע. און די הויכע פאַלמען־ביימער האָב איך בייטאָג עפּעס ניט ליב געהאַט, נאָר בייַנאַכט. די הויכע פאַלמען־ביימער בייטאָג קוקן אויס, ווי עפּעס בעזימער אויף ריזיקע שטעקנס. אַרום זייער שטאָם וויקלט זיך אַזאַ מין ברוינע שטרוי, און קיין צווייגן האָבן זיי ניט, אַ חוץ הויך, ביים סאַמע שפּיץ, אַ פּאָר צווייגן מיט בלעטער. אָבער אין אַ שטערנדיקער נאַכט זעען זיי אויס עפּעס ווי פאַרצייטיקע ריזן־באַשעפענישן, וואָס מען האָט זיי אַנידערגעשטעלט האַלטן אַן אויג אויף די שטערן, און אויף דער גאַנ־צער נאַכט, אַרום און אַרום.

האָבן מיר געשפּאַצירט איבער סאָטאָ סטריט צו ברוקלין עוועניו

און הנאה געהאַט פון אַ שיינער גאַס און פון אַ שיינער שמעקנדיקער קאַליפאָרניער נאַכט. די שיינקייט איז מיר אָבער אַביסל פאַרשטערט געוואָרן, ווען איך האָב געהערט ווי אין אַ הויז שעלט מען זיך זייער גראָב און גראָד אין אידיש. אין אַזאַ שיינער נאַכט און אין אַזוינע שיינע הייזער מיט גראָזן און פאַלמען פּאַסט זיך בעסער מען זאָל זיך בענטשן, ניט שעלטן.

אויף ברוקלין עוועניו האָבן מיר גענומען דעם טראַמוואַי, זייער אַ הויכער און שווער־לייביקער טראַמוואַי אויף וועלכן מען האָט גע־דאַרפט אַרויפקריכן אויף אַ פּאָר טרעפּלעך, ווי אויף אַ לייטער. אינע־ווייניק איז געווען זייער הימיש. ס׳איז געפאָרן אַ פולער וואַגאָן מיט אידן און מען האָט גערעדט אידיש פריי, ווי ביי זיך אינדערהיים. לויט די ווערטער, וואָס איך האָב געכאַפּט, זיינען אַ סך געפאָרן דאַון־טאַון צו אַ מיטינג פון אַרבעטער־רינג ברענטש, און אַ סך זיינען טאַקע געפאָרן אַהין, וואוהין איך און נח פאָרן, דאָס הייסט, צו דער לעקציע.

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ הילצערנער בריק און דער טראַמוואַי האָט זיך געשטעלט וואַרטן אויפן טראַמוואַי וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען פון אַנטקעגן אים דורכצולאָזן. אויף דער בריק איז געווען אויסגעלייגט נאָר איין פּאָר רעלסן. און אַז די טראַמוואַי פון אַנטקעגן איז אָנגעקומען, האָבן זיך די ברעטער אויף דער בריק צעשריען אויף קול־קולות. די בריק האָט זיך קוים, קוים געהאַלטן. אַ ליאַדע מינוט האָט זי געקאָנט איינ־פאַלן. זי איז טאַקע איינגעפאַלן מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער און מען האָט אויפגעשטעלט אַ ברייטע, פעסטע, שטיינערנע בריק, און היינט צו טאָג לויפן איבער איר שיינע טראַמוואַיען, און קיין רעלסן זיינען אינגאַנצן ניט אויסגעלייגט איבער איר. מען דאַרף אינגאַנצן ניט האָבן קיין רעלסן היינטיקע צייטן.

נח דער בעקער האָט מיך געפירט דאַון־טאַון צו קאָורט סטריט, ניט ווייט פון טעמפּל סטריט. אין טעמפּל סטריט איז אַמאָל געווען דער גע־שוואוירענער אידישער ישוב אין לאָס־אַנדזשעלעס, אָבער ווען איך בין אָנגעקומען, האָט ער שוין געהאַלטן אין אונטערגיין, און די קרוין איז איבערגעגאַנגען צו באָיל האַיטס. היינט צו טאָג, מיט פינף־און־דרייסיק יאָר שפּעטער, גוססט שוין באָיל האַיטס אויך אַלס אידישער ישוב, און די קרוין איז איבערגעגאַנגען צו בעווערלי פעירפאַקס געגנט.

אַריינגעקומען אין זאַל איז מיר ווידער געוואָרן היימיש און פריילעך. נח האָט מיך באַקאַנט מיט זיינע לאָס־אַנדזשעלעסער פריינט, און ס'זיינען געפלויגן שלום עליכמס פון אַלע זייטן. זיי האָבן מיך גלייך אַריינגענומען ווי אַ גלייכן, ווי איינעם פון זיי. אַ מענטש, וואָס קומט קיין לאָס־אַנדזשעלעס, און די צווייטע נאַכט שוין גייט ער אויף אַ לעקציע, איז אַ סימן אַז איך בין פון זייעריקע, פון די חסידים פון דער אידישער ליטעראַטור.

אָבער נאָך מער היימישער איז מיר געוואָרן, ווען איך האָב געזען מיין באַן־ברודער אהרן גאָלדבלאַט אַריינקומען. מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט ווי צוויי גאַר אַלטע באַקאַנטע. אהרן גאָלדבלאַט האָט אינגאַנצן געשטראַלט. ס'וועט זיין אַ מחיה צו לעבן אין לאָס־אַנדזשעלעס, האָט ער מיר געזאָגט, ניט נאָר צוליב דער אייביקער זון, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס מענטשן קומען זיך דאָ אָפט צונויף אויף לעקציעס און דיסקוסיעס און ס'וועט קולטורעל ניט זיין אומעטיק.

אין יענע יאָרן, ביז ניט לאַנג צוריק פון אונזער איצטיקער צייט, האָט געשמט צווישן די אידן אין לאָס־אַנדזשעלעס אַ דאָקטאָר בלעס. דעמאָלט, נאָך ביי זיין לעבן, זיינען אַרומגעגאַנגען גאַנצע לעגענדעס וועגן אים. ער איז געווען אַ דאָקטאָר פון מעדיצין, וואָס האָט ביי אָרימע חולאים ניט געוואָלט נעמען קיין געלט. פאַרקערט, ער האָט נאָך אַריינגעשטופּט עטלעכע מטבעות אויף צו קויפן מעדיצינען. זיין אויסערלעך באַנעמען מיט חולאים איז גראָד געווען עפּעס אַ כעסדיקס. שטענדיק רק געשריען, זיך אַפילו געזידלט.

— פּעדלערוק, — פלעגט ער מאַכן צו אַ חולה, וואָס וויל אים געבן אַ דאָלער פאַר זיין טרחה, — דו ביסט שוין עפּעס אַזוי רייך געוואָרן, אַז דו וואַרפסט זיך מיט דאָלאַרן! קוק אים נאָר אָן, דעם גרויסן גביר! נוץ דאָס בעסער פאַר דיין ווייב און קינדער, וואָס ווערן פאַרוויסט און פאַרשוואַרצט ביי דיר. אַז אַך און ווי צו אַזאַ פאַרדינער, ווי דו ביסט.

און דער דאָזיקער דאָקטאָר בלעס האָט אַזוי ליב געהאַט אידיש און די אידישע ליטעראַטור, אַז וועגן דעם זיינען אויך אַרומגעגאַנגען לעגענדעס און וויצן. איך וועל נאָך קומען צו אים אין מיינע שפּעטערדיקע מעשיות. דאָקטאָר בלעס איז געווען אַ רוסיאַנער, אַ מיטלוואוקסיקער, אַ לייביקער, אַ גוואַלדיק קורצזיכטיקער, מיט זייע דיקע גלעזלעך אויף זיינע ברילן. אין אידישן אינסטיטוט אויף קאָורט סטריט האָט ער

אָפּט געהאַלטן לעקציעס אויף פאַרשיידענע טעמעס, אָבער דער עיקר איבער דער אידישער ליטעראַטור. יענעם אָוונט האָט ער גערעדט וועגן מאַני לייבן און האָט פאַרגעלייענט אַ סך פון זיינע לידער. ער האָט גע־קאָנט זייער שיין פאַרלייענען, דער דאָקטאָר בלעס. ס'איז געווען אַזוי שטיל, בשעת ער האָט פאַרגעלייענט, אַז מען האָט אַזש געקאָנט הערן ווי די הערצער קלאַפּן ביים עולם. אַך, וואָס פאַר אַ טייערער עולם דאָס איז געווען! אַ סך פון עולם מיט קראַנקע לונגען, שווערן רומאַטיזם, עלנטע מענטשן, זיך אָנגעפּאַרן פון אַלע ווינקעלעך איבער אַמעריקע, און איצטער אויף דער לעקציע, האָט ממש די שכינה גערוט אויף זיי. שטראַלנדיקע מענטשן.

און מיין לאַנדסמאַן נח דער בעקער איז גאָר געשלאָפן אויף דער לעקציע. איך האָב אים ניט געוואָלט אויפוועקן, מחמת ער איז גע־שלאָפן מיט אַזאַ פרייד, ווי ער וואָלט געזען אין שלאָף דעם ליכטיקסטן חלום. כ'האָב דער נאָכדעם אויסגעפונען, אַז ער שלאָפט כמעט אויף אַלע לעקציעס, וואָס זיינען אים באַזונדערס געפעלן. אויף די לעקציעס, וואָס געפעלן אים ניט, קאָן ער עפּעס ניט שלאָפן, און זיצט אַ צעדרייטער און אַ ברוגזער...

ד אָ ק ט ע ר ב ל ע ס

אַז מען דערמאָנט זיך וועגן יענע יאָרן אין לאָס אַנדזשעלעס, מוז אַרויפקומען אויפן געדאַנק אַ דאָקטאָר בלעס, אַ חיים שאַפּירא, אַ פּיט קאָהן. יעדער איינער פון זיי האָט זיך קונה שם געווען און באַליבט גע־מאַכט ביי דעם אידישן ישוב אין לאָס־אַנדזשעלעס. זייער זאָרגן זיך פאַרן כלל, זיך אָננעמען פאַר די אָרימע, שפּרייטן קולטור צווישן עולם, בויען וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. מען קאָן די דאָזיקע דריי: דאָקטאָר בלעס, פּיט קאָהן, און זיי צו לענגערע יאָר, חיים שאַ־פּיראָן, אָנרופן די אבות, די טאַטעס פון דעם אידישן ישוב אין לאָס־אַנדזשעלעס.

בלעס איז געווען דער דאָקטאָר פון קליינע פּאַרדינער. אַ נייער פּאַציענט פלעגט געוויינלעך זיך שרעקן פאַר אים, מחמת ער האָט געשריען און געזידלט זיך, און זיך געוואָרפן. די אַלטע פּאַציענטן אָבער האָבן געוואוסט, אַז זיין גאַנצן שרייען און זידלען זיך, איז בלויז אָנשטעל און „בלאָף", ווי מען זאָגט דאָס אויף אַמעריקאַניש, און אַז ער איז גאָר בטבע אַ גוטער און אַ וואַרימער מענטש.

מיט זיינע אָפטע לעקציעס וועגן אידישע שרייבער האָט ער געשאַפן אַ חשק ביי זיינע צוהערער צו לייענען אידישע ביכער. וועגן זיין משונה־דיקער ליבשאַפט צו ביכער, און באַזונדערס צו אידישע, גייען אַרום צווישן די „אַלד־טאַימערס" גאַנצע לעגענדעס.

אין איין מעשה דערציילט זיך, ווי ס'איז געקומען צו אים אַ פּאַציענט און ער האָט אים געפרעגט צי ער האָט שוין געלייענט דעם און דעם אידישן בוך און אַז יענער האָט געענטפערט גדלותדיק, אַז ער לייענט ניט בכלל קיין „זשאַרגאָנישע" ביכער, האָט ער אים אַרויסגעטריבן פון אָפיס.

אין אַ צווייטער מעשה דערציילט זיך, אַז מען האָט אים איינמאָל גערופן צו אַ פּאַציענט אין הויז און ער האָט דאָרטן ניט געטראָפן קיין ביכער־שראַנק, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען אויף די מענטשן פון הויז, אַז זיי זיינען כאַמולעס, און אַז ער וויל מיט זיי ניט האָבן צו טאָן.

ער אַליין האָט געקויפט וואָס נאָר פאַר אַ אידיש בוך ס'איז אַרויסגעגאַנגען. אין זיין דאָקטאָר־אָפיס האָבן זיך מערער אָנגעזען זיינע שאַפעס מיט ביכער, מערסטנס אידישע, ווי די דאָקטאָרס אינסטרומענטן, מיט די מעדיצין־פלעשלעך. שטענדיק האָט מען אים נאָר געזען לייענען. ניט איינמאָל האָבן זיינע פּאַציענטן אין פאָדער־צימער פון זיין אָפיס געוואַרט, און ער דאָרטן אינעווייניק אין אָפיס האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון אַ בוך, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לייענען.

איינמאָל, דערציילט מען, האָט אים איינער געליען אַ בוך, וואָס דאָס איז געווען דער ערשטער באַנד פון בערגעלסאָנס שריפטן. דריי אַזייגער ביינאַכט — ווי מען קלינגט שטאַרק אין טיר־גלעקל, לויפט מען אַראָפּ אַוודאי אין אַ גוואַלדיקער שרעק, ערשט ס'איז דאָקטאָר בלעס. וואָס איז די מעשה? ער האָט ערשט פאַרענדיקט לייענען דעם ערשטן באַנד, איצטער וויל ער דעם צווייטן באַנד!

און אַז אַ אידישער שרייבער, אָדער געלערנטער, פלעגט אַראָפּקומען צו גאַסט קיין לאָס־אַנדזשעלעס, פלעגט ער שוין זען, אַז ער זאָל זיך מיט אים טרעפן, און אָפט מאָל פאַרנאַרט אים צו זיך אין אָפיס, כלומרשט אים אונטערזוכן, און אַ האַלב־נאַקעטן אים אָפּגעהאַלטן אויפן עקזאַמען־טיש און שטונדן און שטונדן ריידן מיט אים וועגן דער אידישער ליטע־ראַטור. ווען ער איז געשטאָרבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט ער געלאָזט נאָך זיך זייער אַ רייכע אידישע ביבליאָטעק מיט גאָר זעלטענע ביכער, וואָס זיינען שוין ניט בנמצא.

מאַכט זיך, אַז מיין עלטסטע טאָכטער דאַרף געלעגן ווערן, ווע־מען זשע רופט מען? דאָקטאָר בלעסן. ס׳ערשטע קינד געווען ביי איר. ס׳איז געווען פאַרנאַכט ווען ס׳האָט איר אונטערגעשפּאַרט די ווייען. איז גע־קומען צוגיין דאָקטער בלעס מיט זיין רענצל אינסטרומענטן, זי באַטראַכט, און זיך אָנגערופן צו איר ביידזלעך:

— שאַ, שאַ, וואָס מאַכסטו אַזוינע געוואַלדן, מיינסטו טאַקע, אַז דו ביסט די איינציקע פרוי אויף דער וועלט וואָס האָט ווייען, ווען מען גייט צו קינד?

אַזוי האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, און מער שוין ניט געוואָלט זיך אומ־קוקן אויף איר, מחמת לויט אים נאָך איז אויסגעקומען, אַז זי האָט זיך צו פרי צעגוואַלדעוועט, אַז דאָס קינד וועט ערשט קומען אַ סך שפּעטער. אָבער ער איז פונדעסטוועגן פאַרבליבן אין שטוב וואַרטן, טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך. און דערווייל, ווי זיין טבע איז געווען ביי יעדן אידישן פאַציענט אין הויז, האָט ער געזוכט דעם ביכער־שראַנק. אין מיין הויז האָט ער אים ניט לאַנג געדאַרפט זוכן, און האָט געפונען דאָרטן אַ סך אידישע ביכער. דאָקטאָר בלעס האָט דערטאַפּט אין ביכער־שראַנק זייער אַ דיקן בוך פון כמעט אַלע י. ל. פּרצעס שריפטן, אַרויס־געגעבן פון דער „צוקונפט". פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אים גענומען לייענען. שטייענדיקערהייט אים געלייענט. צוליב זיין קורצזיכטיקייט, איז די נאָז אים ממש געלעגן אויפן בלעטל. וויל איך אים אונטערטראָגן אַ בענקל, ער זאָל זיך צוזעצן, זידלט ער מיך גלייך אָפּ הלמאי איך דול אים אַ קאָפּ און שטער אים צו לייענען.

זאָג איך שוין גאָרניט, אַז דער דאָזיקער טשודאַק איז אַזאַ געפּער־

לעכער כעסן! מיין טאַכטער דערווייל קרעכצט פון ווייטיק, אָבער אים גייט דאָס ניט אָן. ער שטייט זיך און לייענט פּרצן, און מאַכט מיט די ליפּן, ווי אַ נאַשער וואָס וואָלט זיך געקוויקט מיט עפּעס אַ זיסקייט. מיין טאַכטער, ווי יעדע מאַמע מיטן ערשטן קינד, וויל ניט שווייגן, ס׳ווייזט זיך איר אויס, אַז אַט שטאַרבט זי, אַט גייט זי פון דער וועלט, און אַלע מינוט לאָזט זי אַרויס אַ נייעם מוח־שפּאַלטנדיקן קוויטש.

איך גיב אַ קוק, ער נעמט פּרצן און גייט זיך מיט אים אַריין אין וואַש־צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. ס׳גייט אָבער אַוועק אַ שטיקל צייט — ער יאָוועט זיך ניט אַרויס. און דאָ מיין טאַכטער קוויטשעט, אַז איך און מיין גאָלדע קאָנען שוין דאָס ניט איבערטראָגן. מאַכט שוין צו מיר מיין גאָלדע, איך זאָל אָנקלאַפּן אין טיר פון וואַש־צימער. זאָג איך איר, אַז זאָלן מיר נאָך אַביסל אויסוואַרטן. וואַרטן מיר און וואַרטן — ער קומט נאָך אַלץ ניט אַרויס. און דאָ דערהער איך עפּעס גיסט זיך וואַסער דאָרטן אין וואַש־צימער, ווי איינער וואָלט אָנגעפּילט די וואַנע. פאַרשטיי איך ניט, זאָל זיך דאָקטאָר בלעס נעמען אַ באָד ביי מיר אין הויז, עפּעס אַזאַ זאַך וואָלט געווען גאָר משונהדיק: געקומען אַ דאָקטאָר צו אַ פּאַציענט, און דאָ פּלוצלונג נעמט ער זיך אַ באָד.

דערווייל איז מיין טאַכטער אַביסל איינגעשטילט געוואָרן, איינגעשלאָפן, און מיר האָבן זיך אַוודאי דערפרייט, אָבער דאָס, וואָס דאָקטאָר בלעס איז נאָך אַלץ אין וואַש־צימער, לאָזט אונז ניט רוען. שטיי איך הינטער דער טיר און הער זיך צו — לויפט שוין דאָרטן ניט מערער קיין וואַסער, און ס׳איז אַזוי שטיל דאָרטן, אַקוראַט, ווי קיינער וואָלט ניט געווען דאָרטן. דערשרעק איך זיך שוין. ווער ווייסט, וואָס ס׳האָט חלילה מיט אים דאָרטן געקאָנט טרעפן? עפן איך שוין פּאַוואָליע די טיר, און איך גיב אַ קוק, דער מחותן זיצט זיך אדם נאַקעט אין אַ וואַנע הייס וואַסער, און אין זיינע הענט דער גראָבער באַנד י. ל. פּרץ, און מיט די קורציזכטיקע אויגן לויפט ער איבער די שורות און מאַכט מיט זיינע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך באַלעקט פון עפּעס אַ זעלטענער נאַשעריי. האָב איך אים געלאָזט זיצן אין וואַנע און הנאה האָבן פון פּרצן, כל־זמן מיין טאַכטער איז געשלאָפן. שפּעטער אָבער ווען זי האָט אָנגעהויבן די ריכטיקע געוואַלדן, איז ער גלייך אַרויסגעשפּרונגען מיט אַזאַ אינגל־

שער פּלינקייט, און אין אַ מינוט אָדער צוויי שוין געווען אַרומגעווישט, אָנגעטאָן און זיך גענומען צו דער געווינערין מיט זייער פלינקע הענט.

נאָך דער דאָזיקער געשיכטע איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און איך האָב דר. בלעסן מער ניט געזען. איך האָב אָבער געהערט וועגן זיינע לעק־ציעס, און וועגן זיינע באַמיאונגען לטובת דעם אידישן בוך, דראַמאַטישע געזעלשאַפטן און אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס.

איינמאָל, נאָך יאָרן און יאָרן, קום איך צו־גאַסט צום „אַרבעטער־רינג״ קעמפּ. אַ בייטאָג איז דאָס געווען. איז וועמען טרעף איך דעם ערשטן? דעם דאָקטאָר בלעס. און וואו? אויפן דאַך פון אַ באַנגעלע, און ווי אַזוי? אַן אדם־נאַקעטער. און וואָס טוט ער דאָרטן? באָדט זיך אין דער זון און לייענט אַ בוך...

דער איינפּוסיקער גיבור

איך בין אייך פאַרלאָפן דעם וועג מיט דאָקטער בלעס, וואָס וואָלט ערשט געדאַרפט קומען שפּעטער, און ווילן וויל איך אייך גאָר דערציילן וועגן מיינע ערשטע טעג אין קאַליפאָרניע און וועגן אַ געוויסן שבת אָוונט.

ווען איר זאָלט געווען מיט מיר קלעטערן יענעם געוויסן שבת אָוונט, — ס׳איז, דאַכט זיך מיר, געווען ערב „לעיבאָר־דעי״, — איבער דעם גאָר הויכן באַרג ווילסאָן, וואָלט איר געזען עפּעס אַזוינס, וואָס איר האָט קיינמאָל אויף אייער לעבן נישט געזען.

כ׳מיין נישט די חידושים פון דער נאַטור, דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך, כ׳מיין איינעם אַ בחור, מיט איין פוס און אויף צוויי קוליעס, וואָס האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָפּשטיין און געקלעטערט גלייך מיט אַלעמען.

וואָס פּלוצלונג האָב איך זיך גענומען קלעטערן און געפּאַכעט שיער מיט דער נשמה איבער אַ באַרג זעקס טויזנט פוס די הייך, און נאָך אין אַ שבת ביינאַכט?

דאָס זעלבע וועט איר טאַקע קאָנען פרעגן וועגן דער גאַנצער אידישער חברה, ביי אַ הונדערט אין צאָל, וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר אויך שיער געפּאָכעט מיט דער נשמה און אַלץ געקלעטערט אַרויף, אַרויף, מיט גרויס עקשנות און מיט אַ מין זיך־מקריב־זיין. איז וואָס טאַקע זיינען מיר געקראָכן? און וואָס טאַקע איז דער איינפּוסיקער אויף די קוליעס געקראָכן? אַלץ צוליב דעם מיר זאָלן זען אַ זון־אויפגאַנג אויפן סאַמע שפּיץ פון דעם גאָר הויכן באַרג ווילסאָן.

קאַליפאָרניע האָט מיך איבערראַשט ניט נאָר מיט די זאַכן פון דער נאַטור, וואָס איך האָב ס׳ערשטע מאָל געזען, נאָר אויך מיט פאַרשיידענע אידישע חברות, וואָס איך האָב אויך ס׳ערשטע מאָל געזען. געווען דעמאָלט אַ חברה, וואָס זייער גאַנצע עובדא איז געווען — זיך באָדן אין דער זון אדם־נאַקעט; געווען דעמאָלט אַ חברה, וואָס איך האָב זיי גערופן „אנשי מאַראַנצן״, דאָס הייסט אַזוינע, וואָס האָבן געגלייבט, אַז די זאַפט פון מאַראַנצן היילט אַלע קראַנקהייטן; און נאָך און נאָך טשיקאַווע חברות. די חברה, מיט וועלכער איך בין געקראָכן איבער דעם גאָר הויכן באַרג ווילסאָן, יענעם געוויסן שבת אָוונט, האָט זיך גערופן: „דער אידישער האַיקינג־קלוב״. אַזאַ קלוב איז מסתמא געווען דער איין־און־איינציקער פון דעם מין, צווישן די אידן אין אַמעריקע. מיר איז דער דאָזיקער קלוב גלייך געפעלן געוואָרן, נישט חס וחלילה צוליב דעם, וואָס אַ שוסטער האָט ליב, אַז מענטשן גייען אַ סך, און וואָס מערער איז בעסער, נאָר פשוט צוליב דעם, וואָס אידישע יונגעלייט, באַזונדערס נאָך פון באַלמעלאָכע־קלאַס, האָבן נאָך קיינמאָל אַזאַ שיינע זאַך נישט געטאָן, און נאָך אויף אַ מאַסן־מאַסשטאַב.

מען פלעגט זיך צונויפנעמען אין די טעג פריי פון אַרבעט און אַרום הונדערט אין צאָל זיך געלאָזט גיין. וואו אַ באַרג אַרום לאָס־אַנדזשעלעס האָבן זיי אַרויפגעקלעטערט. און וואָס העכער דער באַרג אַלץ מערער חשק צו קלעטערן. דעם גאָר הויכן באַרג ווילסאָן האָבן זיי נאָך ניט איינגענומען. יענעם שבת אָוונט זיינען מיר אים געגאַנגען איינגעמען.

און דאָרטן, וואו ס׳זיינען דאָ אַזוי פיל יונגע מענטשן, פון ביידע געשלעכטער, איז דאָך דאָ אויך אַ סך געלעכטער, און איך האָב דאָך אַזוי ליב, אַז מען לאַכט, און דאָ נאָך אַ גרויסע זילבערנע לבנה אויפן הימל און אַרום און אַרום בערג, איינער העכער פון אַנדערן, און די שטאָט

אַליין צופוסנס זעט גאָרניט אויס ווי קיין שטאָט, נאָר עפּעס ווי אַ סך שנירלעך פּערל און בריליאַנטן אָנשטאָט גאַסן.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ס׳האָט מיר דער אָטעם פאַרכאַפּט, ניט נאָר פון קלעטערן אַזאַ הויכן באַרג, נאָר פון דעם, וואָס די וועלט בייַנאַכט קאָן זיין אַזוי שיין. און דאָ קומט נאָך אָן אַ געזאַנג. איך ווייס נאָך ניט וועך ס׳זינגט, נאָר ס׳קומט אַרויס פון איינעם אַ יונגנמאַן מיט אַ זילבערנעם טענאָר, ערגעץ צווישן די פאָדערשטע רייען שפּאַנט ער, און איך אין די אונטערשטע רייען, ווייל איך וויל זיך ניט אָפּטיילן פון דעם בחור מיט איין פוס. איך וויל זיין לעבן אים, טאָמער דאַרף מען אים העלפן. אָבער ער האָט קיינעם ניט געלאָזט מען זאָל אים העלפן. ער איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר אַכט־און־צוואַנציק, מיט אַ שטאַרקן שטערן, מיט אַ היפּשן פּנים, מיט אַ געדיכטן קאָפּ האָר, אָן אַ היטל, מיט אַ צעכראַסטעט העמד, האָט ער אונטערגעשפּרונגען אויף זיינע ביידע קוליעס און געאָטעמט שווער, און זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלן אויף קיין מינוט איבערכאַפּן דעם אָטעם. איך האָב אַזאַ מענטשלעכע עקשנות נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געזען.

דערנאָכדעם האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ס׳איז ניט געווען נאָר די עקשנות זיינע צו באַווייזן, ווי ער, אַן איינפּוסיקער, וועט דערגרייכן דעם הויכן שפּיץ פון באַרג ווילסאָן גלייך מיט אַלע, נאָר ס׳איז אויך געווען זיין גרויסע ליבע פאַר אַ מיידל, וואָס איז אויך געווען צווישן די קלעטערער. דאָס דאָזיקע מיידל, מיט אַזוינע שיינע שוואַרצע אויגן, אַז יעדן בחור האָט זי מסתמא געמאַכט אַ לאָך אין האַרצן, האָט געהאַט אַ חתן אין ניו־יאָרק, וואָס האָט געדאַרפט אינגיכן אַריבערקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס. כמעט יעדער איינער האָט פון דעם געוואוסט, און כמעט יעדער איינער האָט אויך געוואוסט, אַז דער דאָזיקער איינפּוסיקער גייט אויס נאָך אירע טריט. אָבער וואָס איז זי שולדיק, וואָס אַלע בחורים ווילן זי. דער בחור מיטן זילבערנעם טענאָר וויל זי אויך. ער זינגט טאַקע פאַר אַלעמען, אָבער דאָס מיינט ער זי.

און מיין באַן־ברודער, דער לאָונדרימאַן אהרן גאָלדבלאַט, איז אויך געווען צווישן די קלעטערער. וואָס דען, ער וועט ניט זיין? ווער־ווער — ער, וואָס האָט געחלומט אַזוי פיל יאָרן פון דעם לאַנד פון דער אייביקער זון, וועט ניט גיין זען, ווי אַזוי זי קוקט אויס אין אַ פאַרטאָג, ווען מען

שטייט אויפן שפּיץ פון אַ זעקס טויזנט פוסיקן באַרג? ער האָט שוין דעמאָלט אַריבערגעבראַכט זיין פרוי, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע, מיט זייער אַ שיינעם שמייכל, און מיט זייער אַן אַנגענעם קול.

און אין יענער נאַכט האָב איך זיך באַקאַנט מיט איינעם אַ יונגנמאַן, מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל. ער, פּונקט ווי איך אַ שוסטער בן שוסטער, איז געווען אַ שניידער בן שניידער, און געקלעטערט האָט ער מיט זיין קליינטשיקער אָבער זייער אַנציִענדיקער פרוי, לינאַ. און אַט דעם זלמן דער שניידער מיט זיין פרוי לינאַ זע איך איצט אומעטום אויף די אונטערנעמונגען. איך זע איצט אַמאָל אויף אונטערנעמונגען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געקלעטערט יענע נאַכט אויפן באַרג ווילסאָן.

איינעם אָבער זע איך מער ניט, קאַדיש האָט ער געהייסן, אַ קליינגעוואוקסיקער, אַ פּולינקער, אין ברילן, מיט געקרייזלטע פעך שוואַרצע האָר. אַ פאַרבער איז ער געווען. ער איז מיר געפעלן געוואָרן צוליב זיין קול, עפּעס אַ מין קוועלנדיק קול האָט ער פאַרמאָגט, פול מיט התפעלות. מיר האָבן זיך צוגעקלעפּט איינער צום אַנדערן. ער האָט מיר דערציילט, וואָס פאַר אַן אָרעמע קינדהייט ער האָט געוואוסט. ער האָט אָפט פשוט געהונגערט און אָפט אויך געקרענקט, דעריבער איז ער איצט אַזוי גליקלעך, וואָס ער איז אין קאַליפאָרניע, און קלעטערט מיט חברים איבער אַ הויכן באַרג אויף צו־להכעיס דער אָרעמקייט און אויף צו־להכעיס דעם הונגער און קראַנקהייט, און שווערער עקספּלואַטאַציע פון די באַלעבאַטים, און ער לעבט, און האָט אַזאַ הנאה פון דער וועלט און פון איר נאַטור.

אַט אַזוי האָבן מיר געפּאַכעט מיט דער נשמה, זיך אָפּגעגאָסן מיט טייכן שוויס און געקלעטערט על קידוש השם ביז צום הויז, וואָס שטייט פּונקט אויף אַ האַלבן וועג פון באַרג. דאָרטן ביים הויז האָבן מיר זיך צוגעזעצט אָפּרוען, אויך אַ ביסל אונטערגעכאַפּט דאָס האַרץ מיט אַ סענדוויטש, מיט אַ הייס טעפּעלע קאַווע. און ווידער מיט געזאַנג און מיט שפּאַסן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן גלייך אויפן אָרט, האָבן מיר ווייטער געצויגן. די פירער פון „האַיקינג־קלוב" האָבן אַזוי אויסגעמאַרקירט אונזער מאַרשרוט, אַז ווען מיר וועלן דערגרייכן דעם שפּיץ זאָל דאָס פּונקט זיין ביים זון־אויפגאַנג. און מיר האָבן טאַקע דערגרייכט דעם שפּיץ פּונקט ביים זון־אויפגאַנג, און דער איינפּוסיקער, אינגאַנצן נאָס

פון שוויס, האָט אויך דערגרייכט דעם שפּיץ סאַמעביים זון־אויפגאַנג. לעבן אים איז געשטאַנען דאָס מיידל מיט די גאָר שיינע שוואַרצע אויגן, וואָס האָט געהאַט אַ חתן אין ניו־יאָרק, און האָט גערעדט צו אים, און געשמייכלט צו אים.

און וועגן זון־אויפגאַנג איז מיין שפּראַך אָרעם צו באַמאָלן. פלוצלונג ערגעץ טיף אונטן צווישן בערג נידעריקער פון אונזערן, אין מזרח, האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושיסן אויפן הימל אַ שלל מיט רויטע שטראַלן, און די ליכטיקייט האָט זיך באַוויזן אויפן זוים פון הימל ווי אַ טייך פון גאָלע גאָלד, און דערנאָכדעם די זון, די קאַליפאָרניער לויטער שטראַלנדיקע זון. אַלע מיר די הונדערט מענטשן זיינען געשטאַנען אַזוי שטיל, כמעט ווי דערשראָקן, און קאַדיש, דער פּאַרבער, דער קליינטשיקער, פולבלעכער קאַדיש אין די ברילן, האָט אַראָפּגענומען זיין היטל, זיך געשטעלט אויף די קני, און זיך געבוקט צו דער זון, פּונקט ווי מען בוקט זיך צו גאָט...

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס בילד. מיר, די אידישע חברה, אַלע פון אידישע שטעטלעך פון יענער זייט ים, כמעט אַלע געוואוסט פון אָרעמקייט און נויט, אַלע געפּינצטערט אין די שעפער, איצטער שטייען מיר אויפן שפּיץ באַרג ווילסאָן, זעקס טויזנט פיס אין דער הייך. און די זון גייט אויף פאַר אונזערע אויגן מיט טייכן גאָלד... און אַרום און אַרום, נאָר בערג און בערג, קלענערע און גרעסערע. אַלע באַוואַקסענע מיט וואַלד, און זיי אַלע אַקוראַט ווי זיי פאַלן אַראָפּ, אַראָפּ. דער קאָפּ האָט אַזש געשווינדלט... אָבער איר זאָלט געוועזן זען די צעשיינטע אויגן פון דעם איינפּוסיקן..

דער ליבער און געטרייער מאַן

איך האָב ווידער אַמאָל געטראָפן אַט יענע פרוי מיט די טרויעריקע און בייזע שוואַרצע אייגלעך. אויף טעמפל סטריט זי געטראָפן, לעבן אַדעסער רעסטאָראַן.

איר ווייסט דאָך וועמען איך מיין. איך מיין אַט יענע קליינינקע פרוי, וואָס האָט מיך געזידלט אין באַן אויף מיין רייזע קיין לאָס־אַנדזשע־לעס, הלמאי איך פאָר איינער אַליין, ווייל זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז איך האָב מסתמא איבערגעלאָזט מיין פרוי און אַנטלויף קיין קאַליפאָרניע, ווי איר מאַן האָט דאָס געטאָן. זי איז געשטאַנען אויף טעמפל סטריט לעבן אַדעסער רעסטאָראַן, און יעדען מאַן, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זי אַריינגעקוקט אין פנים, צו זען, אפשר איז דאָס איר גזלן, וואָס איז אַוועק פון איר מיט עטלעכע יאָר צוריק. ווען זי האָט מיך דערזען, האָט זי אַוועקגעדרייט איר פנים מיט פאַראַכטונג. זי האָט אַפּנים אַלץ נאָך געגלייבט, אַז איך האָב אויך פאַרלאָזט מיין פרוי, אַנטלאָפן קיין קאַלי־פאָרניע, און לעב זיך דאָ אַ חזירשן טאָג.

דאָס פלאַץ, וואָס זי האָט אויסגעקליבן איך צו קוקן אויף די פאַר־בייגייענדיקע מענער איז געווען איינער פון די קאָכעדיקסטע קוואַרטאַלן אויף טעמפל סטריט. און די אידישע שפראַך האָט דאָ געוועלטיקט, פונקט ווי אין אַ אידיש שטעטל אין דער אַלטער היים. מען האָט דאָ פאַרקויפט אַלצדינג צו וואָס דער אידישער מאָגן גאַרט און בענקט: פאַר־שיידענע געזאַלצנס, געפעפערטס, כשרע פליישן, היימישע ברויטן, און אַפילו היימיש געשטאָפּטע פּאַפּיראָסן פון טערקישן טאַבאַק. אָבער דער עיקר איז דאָ געווען אַ מאַרק פון לעבעדיקע עופות. גרויסע קראָמען, פול אָנגעפּאַקט מיט שטייגן עופות, און דערביי איז געווען אַ שוחט, וואָס האָט גלייך אויפן אָרט געטאָן די זאַך.

אָבער איך בין שוין אָנגעקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס ווען טעמפל סטריט האָט געהאַלטן אין אָנווערן איר בכורה אַלס אַ אידישער מאַרק־צענטער, און די יונגע ברוקלין עוועניו, וואָס מען האָט געהאַלטן ערשט

אין ברוקירן ביי מיין אָנקומען, האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן און אײנגיכן געוואָרן אַ גאַס און אַ מאַמע צווישן אידן אין לאַס־אַנדזשעלעס. און ווען איך זאָג מאַמע, מיין איך אַ מאַמע פון דער אַלטער היים, וואָס באַקט ברויט און קיכלעך מיט געשמאַקן היימישן טעם, און וואָס זיירט אוגער־קעס און פּאָמידאָרן אויף דעם זעלביקן שטייגער, ווי אירע מאַמעס, באָבעס און עלטער־באָבעס. הכלל, אויף אַזאַ גאַס קומט מען קויפן אַלץ אַזוינע עסנוואַרגן, וואָס מען האָט געגעסן ביי דער מאַמען.

איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, די אַלע גוטע היימישע זאַכן, וואָס מען קאָן קריגן אין די קראָמען אויף אַזאַ גאַס, האָב איך גאָרניט טועם געווען ביי מיין מאַמען אין דער אָרעמער הויז, אַ חוץ אַ שטיקל הערינג דאָרטן, אַ ברעקעלע כאַלוואַ, און נאָך אַזוינע קלייניקייטן. איך האָב ערשט אָנגעהייבן טועם זיין אין דער פולער מאָס פון די אַלע זאַכן, נאָכדעם ווי איך האָב חתונה געהאַט פאַר מיין גאָלדען.

אין אָדעסער רעסטאָראַן אויף טעמפּל סטריט בין איך געגאַנגען, ווייל מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָרטן קאָן מען טאַקע קריגן דעם אמתן גוטן היימישן מאַלצייט, און ס׳קאָסט נאָך ביליק אויך. אַרום אַן אַכצן אָדער צוואַנציק סענט, פינף געריכטן.

די באַלעבאָסטע, אַ פולבלעכע פרוי, מיט אַ צערויטלטן פנים און קוועלנדיקע, שפיצעכיקע, ברוניע אויגן, וואָס האָט געהאַלטן אויך אַ רעס־טאָראַן אין אָדעס, ערגעץ אויף דער מאָלדאַוואַנקע, האָט מיך באַגעגענט מיט אַ ליבן וואַרעמען שמייכל. ס׳זיינען געווען ווינציק עסער דעמאָלט אין רעסטאָראַן, האָט זי זיך צוגעזעצט לעבן מיין טישל און פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס. זי האָט מיך, פאַרשטייט זיך, גלייך געפרעגט פונ־וואַנעט איך קום, און וואָס איך טו, און אַז איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין אַ שוסטער, און געקומען אַהער מיט אַן אויג אויף דאָ צו בלייבן, האָט זי מיך שטאַרק אָנגעהויבן איינצורײדן, אַז איך זאָל טאַקע דאָ בלייבן. יעדער איינער דאָ אין לאַס־אַנדזשעלעס, מיט וועמען איך האָב זיך נאָר צעשמועסט, האָט מיך איינגערעדט איך זאָל פאַרבלייבן. איך אַליין, מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, האָב שוין אויך צוגערעדט מענטשן ערשט אָנגעקומענע זיי זאָלן דאָ פאַרבלייבן. איך שטעל זיך פאָר, אַז אַזוי איז געווען מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, ווען אידן האָבן נאָר וואָס אַריבערגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד קיין פוילן, האָבן זיי גלייך אָנ־

געהויבן אַריבערצובערענגען נאָך אידן, און יעדן ערשט־אָנגעקומענעם איינגערעדט ער זאָל דאָרט פאַרבלייבן, און אַפילו אַרויסגעהאָלפן מיט וואָס מען האָט געקאָנט.

אָבער איך האָב זיך שוין צופיל פאַררעדט, און ווילן וויל איך אייך גאָר דערציילן וועגן דער פרוי, וואָס איז געשטאַנען אינדרויסן און אַריינגעקוקט יעדן פאַרבייגייענדיקן מאַנסביל אין פּנים אַריין צו זען, אויב ס׳איז ניט איר מאַן. און אָט אַזוי, ווי איך זיץ און עס, און שמועס דערווייל מיט דער באַלעבאָסטע פון אָדעסער רעסטאָראַן, ווי מיר דערהערן געשרייען און קולות אינדרויסן. מיר לויפן אַרויס, און ס׳שטייט שוין אַן עולם, און אינמיטן — די דאָזיקע פרוי, וואָס האַלט שטאַרק צו ביי די פּאָלעס פון רעקל אַן איבערגעשראָקענעם מאַן, און זי שרייט:

— אידן, אָט דאָס איז דער גזלן, מיין מאַן, מיין ווייגדער.

דער, אויף וועמען זי זאָגט, אַז ס׳איז איר מאַן, איר ווייגדער, און זי האַלט אים שטאַרק צו ביי די פּאָלעס פון זיין רעקל, רייסט זיך נעבעך פון איר און טענהט, אַז זי האָט אַ טעות, אַז ער איז ניט איר מאַן, און אַז ער הייסט גאָרניט ווייגדער, און אַז ער האָט זי גאָר אויף זיין לעבן ניט געזען.

און דער איד, וואָס דאַרף, הייסט דאָס, הייסן ווייגדער, איז אַ גאַנץ שטאַלטנער מאַנצביל, נאָר זיינע אויגן האָבן געקוקט אַביסל קאָסאָקע. ער איז געווען נעט און ציכטיק אָנגעטאָן, און מיט אַ פיין קליין צוגעשוירן בערדל.

דער סוף איז געווען, אַז ס׳איז אָנגעלאָפן אַ פּאָליסמאַן און האָט זייביידן פאַרנומען אין פּאָליציי־סטאַנציע קלאָר צו מאַכן דעם ענין. שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין דער פּאָליציי־סטאַנציע האָט מען טאַקע קלאָר געמאַכט דעם ענין, און אַז ער איז טאַקע ניט געווען איר מאַן, און אַז ער הייסט טאַקע ניט ווייגדער, נאָר ער הייסט אייב, נאָר וואָס־זשע דען? ער האָט געהאַט דעמזעלבן סימן, וואָס איר מאַן — געקוקט אַביסל קאָסאָקע.

איך האָב די דאָזיקע פרוי נאָכדעם געזען אויף ברוקלין עווועניו, און ביי די אַריינגאַנגען פון מיטינג־זאַלן, און אַלץ געשטאַנען שעהען און שעהן און אַריינגעקוקט יעדן מאַנסביל אין פּנים אַריין.

ס׳איז אַוועק אַ צייט און מען האָט זי שוין מער ניט געזען. איך האָב

זיך גראָד נאָכגעפרעגט אויף איר, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס ס׳איז געוואָרן דער סוף מיט איר. ערשט שפּעטער מיט יאָרן, זיצנדיק איינמאָל מיט עטלעכע „אָלד־טאַימערס״ און צעשמועסנדיק זיך וועגן יענע יאָרן אין לאָס אַנדזשעלעס, און איך האָב אַרויפגעבראַכט די דאָזיקע פרוי, האָט איינער זיך אָנגערופן, אַז ער איז איר לאַנדסמאַן און ווייסט, וואָס ס׳האָט ווייטער געטראָפן מיט איר. איר אַנטלאָפענעם מאַן האָט זי טאָקע געפונען, אָבער אויפן בית־עולם. זי האָט דאָ געטראָפן איינעם, וואָס האָט געקענט איר מאַן, און יענער האָט איר דערציילט, אַז ער איז שוין לאַנג אויף דער אמתער וועלט. און פונקט ווי זי האָט אים געזוכט מיט גרויס עקשנות צווישן די לעבעדיקע, אַזוי האָט זי איצט אים אָנגעהייבן זוכן צווישן די טויטע, וואָס האָבן ניט קיין מצבות. זי האָט סוף־כל־סוף אויסגעפונען זיין קבר, אים געשטעלט אַ מצבה, און געהייסן אויסקריצן די פאָלגנדיקע ווערטער: „דער ליבער און געטרייער מאַן וויגדער בן שרה, וואָס איז אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט״...

איך גיי ווערן רייך

איך האָב אַרומגעזוכט אין לאָס אַנדזשעלעס אַ פּלאַץ, וואו איך זאָל זיך אויפשטעלן אַ שוסטער־שאַפּקע, און דערנאָכדעם אַריבערברענגען ווייב און קינדער. כ׳האָב געהאַט ביי זיך אַביסל געלט, אָפּגעשפּאָרט די אַלע יאָרן אין נעשוויל. מיין גאָלדע האָט מיר אָנגעזאָגט, איידער כ׳האָב זיך געלאָזט קיין קאַליפאָרניע, אַז איך זאָל למען השם היטן זיך מיט ביידע אויגן פאַר די שווינדלער, וואָס וועלן זיכער דערשמעקן, אַז איך פאַרמאָג אַביסל געלט, און זיי וועלן דאָס וועלן ביי מיר אויסנאַרן.

און שווינדלער זיינען דעמאָלט געווען אַ סך אין לאָס אַנדזשעלעס, און זיי האָבן טאָקע דערשמעקט, אַז ביי מיר און ביי נאָך אַ סך אַזוינע ווי איך געפינט זיך אַביסל בלוטיק־אָפּגעשפּאָרט געלט. ס׳האָט דעמאָלט געבליט אין לאָס אַנדזשעלעס מיט אויל־קאָמפּאַניעס און ריעל־עסטעיט

קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט שערס אין אויל־פֿעלדער, און לאָטס אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון שטאָט, און אַגענטן מיט פֿייערדיקע פּיסקעלעך און גלאַטע צינגער זיינען אַרומגעגאַנגען אומעטום און איינגערעדט, מיר זאָלן זיך לאָזן רייך ווערן.

— און וואָס וועט איר דאָ דערלייגן? — האָט מיך איינמאָל אויף ברוקלין עוועניו געפּאַקט איינער פֿון די דאָזיקע אַגענטן, אַ אידישער יונגערמאַן מיט חנעוודיקע שוואַרצע וואָנצעלעך אין אַ שפּאָגל־נייעם בלויען שעוויאָטענעם אַנצוג, אין אַ ווייס זיידן העמד מיט זייער אַ שיינעם קאָלירטן שניפּס, אויף וועלכן ס'איז געווען צוגעשפּיליעט אַ דימענט־שפּילקעלע. — וואָס וועט איר דאָ דערלייגן? מיר וועלן אייך געבן פֿרייע טראַנספּאָרטאַציע און פֿאָרט־צו קיין לאָנג ביטש, גלייך צו די אויל־פֿעלדער, און איר וועט אַ קוק טאָן מיט אייערע אייגענע אויגן, אַז מיר פֿאַרקויפֿן אייך ניט קיין קאַץ אין זאַק.

טאַקע, וואָס וועל איך דאָ דערלייגן? — גיב איך אַ טראַכט צו זיך. — אַז מען וועט מיך ברענגען אומזיסט אָן אַ פּעני געלט אַהין און צוריק, און ווי איך האָב נאָך געהערט טיילט מען דאָרטן אויך אומזיסט גרויסע סענדוויטשעס מיט קאַפֿע. קיינער וועט מיך דאָך ניט צווינגען איך זאָל קויפֿן אויל־שערס, אויב איך וועל ניט וועלן קויפֿן.

— און דער טראַק, — האָט מיך ליבלעך געזאָגט דער שוואַרץ־חנעוודיקער יונגערמאַן, — וועט צופֿאָרן סאַמע צו דער טיר פֿון אייער הויז אייך נעמען. גיט מיר נאָר דעם אַדרעס.

האָב איך אים געגעבן דעם אַדרעס, און אַ טראַק איז טאַקע זונטיק אינדערפֿרי צוגעפֿאָרן צו דער טיר פֿון מיין הויז און מיך גענומען. און אינעווייניק אין טראַק זיינען שוין געווען אַ סך אידן פֿון באָיל־האַיטס, כשרע לעמעלעך נעבעך. זיי האָבן אויך מסתמא געטראַכט: וואָס וועלן זיי דאָ דערלייגן, און אַז איידער וואָס, איידער ווען, וועלן זיי זיך דערווייל דורכפֿאָרן קיין לאָנג ביטש אויפֿן חשבון הגביר, דאָס הייסט אויפֿן חשבון פֿון דער קאָמפּאַניע, און כאַפּן אַ קוק, ווי אַזוי אַן אויל־פֿעלד זעט אויס. מען וועט דאָך ניט צושטעלן דאָרטן קיין מעסער צום האַרצן און זאָגן:

— העי, דו דאָרטן, סעם דער קלאָוקמאַכער, אָדער לואי דער אָפּע־

רייטאַר! שנעל, שטעק אָפּ דיינע אַכט הונדערט דאָלער, וואָס דו האָסט אָפּגעשפּאָרט מיט דיין שוויס און מיט דיין בלוט, און מיט דיין געזונט.

און ניט נאָר איין טראַק איז אַרויסגעפּאָרן יענעם זונטיק פון באָיל־האַיטס קיין לאָנג ביטש. ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום אויל־פעלד, האָב איך געטראָפן דאָרטן אַ סך טראַקס, וואָס האָבן געבראַכט טאַקע בוכשטעבלעך הונדערטער מענטשן, אידן און ניט־אידן. און דאָס אויל־פעלד איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער בלאָטע, מיט איין אויל־פּאָמפּ. מען האָט אונז אַלע צוגעפירט צום אויל־פּאָמפּ און מיר האָבן געזען מיט אונזערע אייגענע אויגן, ווי ער פּאָמפּעט אויל פון דער ערד, טאַקע אמתע אויל. דאַרף נאָך זיין אַ בעסערער עדות? אָבער פאַרוואָס נאָר איין אויל־פּאָמפּ?

דער ענטפער איז געגעבן געוואָרן אין שאַלאַש (טענט). אַ ריזיקער שאַלאַש פון אַזאַ ברוינעם געוואַנט איז געווען אויפגעשטעלט אויפן אויל־פעלד, סאַמע לעבן וועג. מען האָט אונז אַריינגעבראַכט אַהין אינע־ווייניק און דאָרטן זיינען געווען צעשטעלט בענק מסתמא פאַר אַן אַכט הונדערט מענטשן. מיר זיינען דאָרטן טאַקע געווען אַרום אַ זיבן הונדערט אָדער אַכט הונדערט מענטשן. פון אויבנאָן איז געווען אַ פּלאַטפאָרמע און אויף דער פּלאַטפאָרמע איין רעדנער נאָכן צווייטן האָבן גערעדט מיט האַרץ און מיט געפיל, און וויסנשאַפטלעך באַוויזן, אַז אין דעם דאָזיקן פעלד, טיף אין דער ערד, געפינען זיך אומאויסשעפּלעכע קוואַלן פון אויל אויף צענדליקער מיליאָנען דאָלערס. מיט דעם געלט פון די שערס, וואָס מען וועט דאָ קויפן, וועט מען אַנידערשטעלן אַ סך אויל־פּאָמפּס אויף דעם דאָזיקן פעלד, און זיי וועלן שעפּן רייכקייט פאַר אונז.

און דערוויי́ל זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן עולם שיינע יונגע מיידלעך מיט ווייסע שירצלעך און געהאַלטן אין איין סערווירן טעפּעלעך מיט שטאַרקער שמעקנדיקער קאַווע מיט סענדוויטשעס און דאָנאַטס. און די דאָזיקע שטאַרקע שמעקנדיקע קאַווע האָט געווירקט ווי עפּעס אַ מין דראָג. ס'האָט געמאַכט דאָס בלוט אין מענטשן לויפן הייס, און מען האָט זיך דערפילט געוואַלדיק שטאַרק ביי זיך. און נאָך דעם, ווי אַ רעדנער האָט פאַרענדיקט, איז שוין געזעסן אויף יעדער באַנק אַ מאַן אָדער אַ פרוי, זייער שיין אָנגעטאָן, אויך מיט געשליפענע צינגעלעך, און האָבן

פאַרקויפט שערס. כ׳וועל אייביק געדענקען די דאָזיקע סצענע. פאַר מײנע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ מאַסן־„האָלד־אַפּ״, אַן מעסערס צום האַרצן. פאַרקערט, מיט גוטסקייט, מיט העפלעכקייט, מיט דעם גוטן שמייכל.

און מענטשן, וואָס האָבן פריער געטראַכט, אַז מען וועט קויפן איין שער צי צוויי, און ניט פאַרטאָן דאָס גאַנצע געלט, האָבן איצט געברענט און געוואָלט קויפן וואָס מערער שערס. און אַז מען האָט ניט געהאַט גענוג געלט, האָט מען געגעבן דימענט־רינגלעך און קאָסטבאַרע אויערינגלעך פאַר אַ משכון. ס׳איז געווען, ווי אין חומש ביים עגל הזהב, דעם גאָלדענעם קאַלב. איר זאָלט געווען זען די אויגן ביי די מענטשן! זיי האָבן געשרפהט אַזוי משונהדיק, ווי מען וואָלט געהאַט גרויס היץ...

אַ סך מענטשן האָבן געבראַכט אַהער אין מזומן זייער גאַנץ געלט, וואָס זיי האָבן געשפּאָרט פּעני צו פּעני אין משך ווער ווייסט וויפיל יאָרן. מיט ציטערדיקע פינגער האָבן זיי דאָס אָפּגעצאָלט צו די אַגענטן, וואָס האָבן דאָס צוגענומען מיט גרויסער פריינטשאַפט און אַרויסגעגעבן קוויטאַנציעס און שערס מיט אַזוינע גאָלדענע שטעמפּלען.

מיין אַגענט, דער שוואַרץ־חנעוודיקער יונגערמאַן, וואָס האָט געטאָן אין טענט אַ סך ביזנעס, האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר, צו טאָן ביזנעס אויך מיט מיר. איז כדי פּטור צו ווערן פון אים, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך אינוועסטיר מיינע געלטער אין די גראָסערי ביזנעס. האָט ער מיר אָנגעהייבן צו דערקלערן, אַז אין די גראָסערי ביזנעס איז זייער ניט קיין גוטער אינוועסטמענט, און אַז וואָס משטיינס געזאָגט פאַר אַ פּראָצענטן קאָן מען דאָרטן קריגן, און אַזוי ווייטער און ווייטער...

זע איך, אַז ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס איך האָב געמיינט, האָב איך אים געמוזט צעקייען דעם ענין און אים דערקלערן, אַז מיט איינוועסטירן אין די גראָסערי־ביזנעס מיין איך פּשוט, אַז איך האָב אַ ווייב מיט אַ סך קינדערלעך, קיין עין הרע, און אַז זיי ווילן עסן, מוז איך שוין טראָגן מיינע געלטער אין די גראָסעריס יעדן טאָג און קריגן שפּייז...

* * *

שפּעטער זיינען מיר געפאָרן צוריק קיין לאָס אַנדזשעלעס. ס׳איז געווען אַ צער צו קוקן אויף די מענטשן אין טראַק. זיי האָבן טאַקע אויסגעקוקט ווי אָפּגעשוירענע לעמעלעך מיט רחמנותדיקע פּנימער. מען האָט

דווקא געפּרואווט זיך געבן מוט איינער דעם אַנדערן, אַז ס׳איז געווען אַ גלייכע זאַך וואָס מען האָט געטאָן, אַז אימירצעשעם, ס׳וועט אָנהייבן גיין און גיין...

און שפּעטער מיט עטלעכע חדשים — אויס קאָמפּאַניע, אויס אויל, און טויזנטער און טויזנטער פאַראומגליקלעכטע מענטשן...

דער אידישער פאַרמער

איר געדענקט דאָך מסתמא פון די פריערדיקע מעשיות, אַז אויף מיין רייזע קיין לאָס אַנדזשעלעס אין באַן האָב איך באַגעגנט אַ יונגנמאַן מיט שוואַרצע פייערדיקע אויגן, מיט אַ שוואַרצער קודלע האָר, אַ מיטל־וואוקסיקער, אַ ברייט־פּלייציקער, וואָס איז געפאָרן מיט זיינע קראַנקע לונגען קיין קאַליפאָרניע צו ווערן אַ פאַרמער.

ער האָט אַזוי גיך ניט געקאָנט ווערן קיין פאַרמער, מחמת ער האָט פּשוט ניט געהאַט מיט וואָס. ס׳האָט אים גענומען אַ פּאָר יאָר ביי פאַר־שיידענע עבודות קשות, און ער האָט אָפּגעשפּאָרט פינף הונדערט דאָלער. צוויי הונדערט און פופציק דאָלער האָט ער איינגעצאָלט פאַר פינף אַקער לאַנד, און מיט די אַנדערע צוויי הונדערט און פופציק דאָלער האָט ער זיך גענומען בויען אַ הייזקע.

גענומען האָט ער בויען די הייזקע מיט זיינע אייגענע הענט. פון צייט צו צייט געדונגען אויף אַ טאָג צוויי אַ סטאָליער. איך פלעג אַרויס־פאָרן אַמאָל אַ זונטיק און אים העלפן ווי ווייט איך האָב געקאָנט. ער האָט זיך אָפּט פאַרהוסט בשעת דער אַרבעט, און געשפּיגן אין אַ טיכעלע. אָבער ווי באַלד דער הוסט איז אים איבערגעגאַנגען, האָט ער ווייטער לוסטיק פאַרגעזעצט זיין אַרבעט מיט דער האַק צי מיטן האַמער און געזונגען לידער. געקענט אַ וועלט מיט לידער, מערסטנס רוסישע.

די ערד, וואו ער האָט געבויט די הייזקע, איז געווען אַרום און אַרום

אויף מיילן און מיילן פעלד, און אַ פּאָר פּאַרם־־הייזער דאָ און דאָרטן, און אַרום און אַרום — בערג.

אויסגעבויט דאָס הויז, אַריבערגעבראַכט זיין פאַמיליע, האָט ער זיך גענומען באַאַרבעטן די ערד. אָבער אויף קיין אַקער האָט ער שוין ניט געהאַט קיין געלט. אַ שכן אַ פּאַרמער, אַ שאָטלענדער, האָט געהאַט אַן אַלטן אַקער, האָט ער אים אויסגעליִען. ער האָט אָנגעהייבן מיט אים צו אַרבעטן, אָבער ס'אַרבעט ניט. איז דורכגעפאָרן נאָך אַ שכן, אויך אַ פּאַרמער, האָט ער באַקוקט דעם אַקער און געזאָגט, אַז ער טויג ניט, ווייל די הענטלעך זיינען לויז און שאָקלען זיך, און פאַרריכטן זיי קאָן מען שוין ניט.

געדענק איך, ווי ער איז געבליבן זיצן אויפן אַקער, מיט די הענט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, און ער האָט אויסגעקוקט געוואַלדיק פאַרלוירן. אָבער ס'האָט לאַנג אַזוי ניט אָנגעהאַלטן. די גרויסע עקשנות און דער גרויסער גלויבן האָט אים ווידער אַ נעם געטאָן, און ער האָט איינגעשפּאַנט זיין פערד צום וואָגן און מיר ביידע האָבן זיך אַריינגעזעצט און געפאָרן אין נאָענטן שטעטל, אָנטאַריאָ.

מיר פאָרן פאַרביי הויפן, שטעלן זיך אָפּ, און ער פרעגט זיך נאָך וואו וואָלט ער געקאָנט דינגען אַן אַקער, אָבער קיינער האָט ניט קיין איבעריקן אַקער אויף אַרויסצודינגען. ער איז זיך אָבער ניט מיאש, ער פּרוּווט אין אַנדערע גאַסן, ביז וואַנעט מיר דערזעען ערגעץ אין אַ הויף אַן אַלטן אַקער מיט גוטע הענטלעך. בעט ער דעם פּאַרמער, ער זאָל אים אַרויסדינגען דעם אַקער. מאַכט יענער, אַן איירישער:

— כ'וועל ביי דיר נעמען געלט פאַר אַן אַלטן אַקער? דו נעם אים און אַרבעט מיט אים וויפיל דו דאַרפסט, און קער אים אום צוריק, און דו דאַרפסט מיר גאָר ניט באַצאָלן.

און די גוטסקייט פון דעמדאָזיקן איירישן פּאַרמער האָט נאָדיסאָנען צוגעגעבן אַ סך קוראַזש, און מיר זיינען געפאָרן צוריק צו זיין פעלד, און אויפן גאַנצן וועג האָט ער געזונגען לידער מיט אַ סך ברען. געקומען צום פעלד, האָט ער זיך גלייך גענומען מיט אים אַקערן די ערד. דער אַקער איז געווען שטומפּיק, אָבער ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים, ער האָט אים ממש געצוואונגען, דעם אַקער, ער זאָל גראָבן די ערד.

איך בין אַוועקגעפאָרן אַהיים פאַרנאַכט און אים איבערגעלאָזט אַן

אָפּגעגאָסענעם מיט שווייס, אַלץ גייענדיק מיטן אַקער איבער זיין פעלד. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז ער האָט געאַקערט די ערד. אויפן וועג אַהיים האָב איך אַלץ געטראַכט פון אים, און דאָס בילד, ווי אַזוי דער לונגען־קראַנקער גייט איבערן פעלד מיטן אַקער, וואָס איז געווען צוגעשפּאַנט צום פערד, איז מיר ניט אַרויס פון זינען.

שפּעטער מיט אַ פּאָר חדשים בין איך ווידער אַרויסגעפאָרן צו אים אין אַ זונטיק, אויף זיין פעלד האָט שוין געוואַקסן. ער האָט מיך אַרומ־געפירט מיט גרויס שמחה און מיר געוויזן די פלאַנצונגען.

— דאָ, — האָט ער געזאָגט, — וואַקסן רעטעכלעך, דאָ טאָמייטאָס, דאָ פאַסאָליעס, דאָ סוויט פּאָטייטאָס.

אָבער ניט אַזוי גרינג, — האָט ער מיר דערציילט, — האָט ער דערלעבט צו זען ווי די ערד גיט אים איר ברכה. און אַלץ צוליב ניט־דערפאַרנקייט, און דער עיקר צוליב מאַנגל אין געלט. ער האָט געלייענט אַ סך זשורנאַלן וועגן אַגריקולטור, אָבער אין ערגעץ איז ניט געווען דערמאָנט, אַז ווען מען צעאַקערט די ערד, וואָס איז באַוואַקסן מיט גראָזן, זאָל מען זען פאַרשיטן די גראָזן. יענעם יאָר זיינען געגאַנגען אַ סך רעגנס און די ערד איז געווען באַוואַקסן מיט הויכע גראָזן. האָט ער צעאַקערנדיק דאָס פעלד אַ סך גראָזן געלאָזט פון אויבן איבערן באָדן, און די גראָזן האָבן גענומען און ווידער אַנגעוואַקסן.

און אין נאָך און נאָך שוועריקייטן, אויף יעדן טריט און שריט, האָט זיך דער דאָזיקער באַדיסאָן אַנגעשלאָגן, אָבער ער האָט ניט אויפ־געגעבן, און מיט מער כוח, און מיט מער עקשנות איז ער זיך אַנגעגאַנגען.

ווען די אוגערקעלעך און רעטעכלעך זיינען אויסגעוואַקסן, האָט ער אָנגעריסן אַ היפּש ביסל, זיי אַריינגעלייגט אין וואָגן און זיך געלאָזט אין שטעטל, פּרוּוון זיי צו פאַרקויפן צו די הויז־פרויען.

— פאָר איך אַזוי אַריין אין שטעטל, — דערציילט מיר באַדיסאָן, — און ס'שטעלט מיך אָפּ אַ פרוי און פרעגט מיך, צי איך וויל פאַר־קויפן איר אַביסל רעטעכלעך און אוגערקעס פון וואָגן. אַ שאלה אַביסל, צי איך וויל פאַרקויפן! בלויז פאַר צען סענט האָט זי ביי מיר געקויפט, אָבער די דאָזיקע צען סענט זיינען ביי מיר געווען אַזוי טייער, אַז איך האָט זיך אַזש צעוויינט. די ערשטע צען סענט פאַר מיין פאַרמערישער מי... יאָרן זיינען אַוועקגעגאַנגען, אַ סך יאָרן. דער דאָזיקער באַדיסאָן איז

געוואָרן איינער פון די דערפאָלגרייכסטע פאַרמער אין געגנט. זיין פאַרמעגן איז געוואַקסן; צו וואָס ער האָט זיך ניט גענומען אויפן געביט פון פאַרמעריי, איז געווען מזל און ברכה. האָט ער פאַרזייט סוויט פּאָטייטאָס, איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע גערעטעניש; האָט ער זיך גענומען צו אַספּאַראַגוס, און ער איז געווען כמעט דער ערשטער אין דער געגנט, וואָס ער האָט געמאַכט וואַקסן אַספּאַראַגוס, איז עס עולה יפה געווען.

אָבער ער באַנוגנט זיך ניט מיט דעם, וואָס אים גייט גוט. פון דער ברכה, וואָס די ערד גיט אים, גיט ער מיט דער ברייטער האַנט פאַר געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס.

ער איז כמעט אַזוי אַלט ווי איך, און פאַרגעסט ניט, אַז ער איז געווען אַ חולה מסוכן אויף די לונגען. און שטענדיק, ווען איך באַגעגן אים איצט, דערמאָן איך זיך אין יענעם זונטיק, ווען ער איז געגאַנגען מיטן שטומפּיקן אַקער איבער זיין פעלד, און מיט זיין ווילן און כוח ממש געצוואונגען דעם שטשמפּיקן אַקער אויפגראָבן די ערד...

אויף די מאָסטאַרד־בערג

ווען איך זאָל אייך ניט דערציילן וועגן די מאָסטאַרד־בערג לעבן באָיל־האָטיס, וואָלט איך פאַרפעלט אַ שטיק געשיכטע. אין די פריי־טיק־און די שבת־צונאַכטסן האָט מען געזונגען אויף די מאָסטאַרד־בערג זייער שיינע אידישע פאָלקס־לידער. ס׳איז געקומען פון ניו־יאָרק אַ מיידל, וואָס האָט געהייסן ליובאַ, און זי האָט געקענט אַ וועלט מיט אידישע פאָלקס־לידלעך. די דאָזיקע ליובאַ האָט טאַקע חתונה געהאַט צוליב די מאָסטאַרד־בערג. דאָס הייסט, זי האָט זיך באַגעגנט דאָרטן מיט איינעם אַ בחור, מען איז זיך געפעלן געוואָרן און חתונה געהאַט.

ווען מען זאָל אויסרעכענען, וויפיל די מאָסטאַרד־בערג האָבן אויס־געפירט שידוכים צווישן די אידישע יונגעלייט אין יענע יאָרן, וואָלט זיך אָנגעקליבן זייער אַ היפּשע צאָל.

די דאָזיקע מאָסטאַרד־בערג, פאַרשטייט זיך, געפינען זיך נאָך היינט־צו־טאָג לעבן באַיל־האַיטס, אָבער ס'איז שוין דאָרטן היינט אַ גאַנצע שטאָט מיט בערגיקע גאַסן און געסלעך, וואָס רופט זיך סיטי־טעועס.

פאַרוואָס האָט מען זיי גערופן „מאָסטאַרד־בערג"? ווייל זיי זיינען געווען אומעטום באַדעקט מיט פלאַנצונגען, וואָס זיינען נאָענטע קרובים צו די פלאַנצונגען פון וועלכע מען מאַכט מאָסטאַרד, זענעפט. בשעת איך בין אָנגעקומען, האָט זיך געהאַלטן אין בויען דאָרט איין הויז. עפּעס אַ רייכער איד פון שיקאַגאָ, וואָס האָט געהאַט אַסטמאַ, האָט געבויט דאָס הויז, מחמת ער האָט געגלייבט, אַז אין דעם העכערן טרוקענעם קלימאַט וועט ער אַזוי פיל ניט הוסטן ביינאַכט. אָבער ער האָט נעבעך געהוסט סיי־ווי־סיי, דאָרטן אויף די בערג. די שפּאַצירנדיקע דאָרטן אין די פרייטיק און שבת־צונאַכטסן האָבן דערציילט, ווי זיי האָבן אָפט געהערט ווי ער פלעגט זיך פאַרקייכן.

מיין גאָלדע, ווי נאָר זי איז אָנגעקומען קיין קאַליפאָרניע מיט די קינדער און דערזען די בערג, איז זי עפּעס געוואָרן ווילד צו זיי, צו די בערג. שטענדיק האָט זי נאָר געוואָלט מיר זאָלן קריכן אויף די בערג, און ווען מיר זיינען געקראָכן אויף די בערג, האָט זי רק געלאַכט מיט איר געשמאַקן קלינגענדיקן געלעכטער. אַלע שבת אויפדערנאַכט, ווי:

— קום, זלמן, לאָמיר קריכן אויף די בערג.

זי האָט געוואוסט וואָס זי וויל, ווייל אויף די בערג האָט מען זיך דערפילט ווידער אַמאָל יונג, און מען האָט זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן און גערעדט שיינע רייד איינער צום אַנדערן, ווי סאַמע אין די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה.

מיר זיינען אָפטמאָל געגאַנגען צו די מאָסטאַרד־בערג מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע חברה, און דאָרטן האָט מען געזונגען, זיך דערציילט מעשיות און געלאַכט. און כדי מיין גאָלדע זאָל לאַכן, דאַרף מען ניט האָבן מען זאָל איר דערציילן עפּעס אַ וויץ. זי לאַכט ווען זי דערזעט שיינע בלומען, זי לאַכט ווען זי זעט אַן אויסגעשטערנטן הימל, זי לאַכט ווען זי דערזעט שיינע פרוכט־ביימער. ווען זי האָט דערזען ס'ערשטע מאָל ביימער פול אָנגעלאָדן מיט מאַראַנצן, האָט זי גאָרנישט געקאָנט אויפהערן לאַכן:

— זע, זלמן, אמתע מאַראַנצן, כאַ־כאַ־כאַ.

און דאָ איז געקומען צו אונז פון ניו־יאָרק אירע אַ קוזינע, בתיה, אָדער בעסי, ווי זי האָט זיך גערופן דאָ אין אַמעריקע. אַ מיידל שוין אַביסל אין די עלטערע יאָרן, אָבער נאָך אַ גאַנץ אַנציענדיקע. דאָס וואָס זי האָט נאָך ביז אַהערצו ניט חתונה געהאַט, האָט גאָלדע אויסגעטייטשט, איז דערפאַר וואָס זי איז אַ שטילע, וואַרפט זיך ניט אין די אויגן. אמת, זי איז געווען אַ שטילע, מיט פאַרחלומטע ברוינע מאַנדל־אוגין, געדיכטע שוואַרצע האָר און אַ שיינעם האַלז. זי האָט אַלע יאָרן, פון זינט זי איז געקומען קיין אַמעריקע, געאַרבעט אַלס פינישערין אין די שעפּער, און פאַרשטייט זיך, אַז די שעפּער האָבן געמאַכט בלאָס אירע באַקן און אָוועקגעלייגט קנייטשעלעך דאָ און דאָרטן.

הכלל, איינמאָל אַ שבת־צונאַכטס האָבן מיר זי גענומען אויף די מאָסטאָרד־בערג. אַ פריילעכע חברה דאָרטן געווען ווי שטענדיק, און גאָלדעס קוזינע איז אויך געוואָרן פריילעך און אויך געלאַכט. און באמת איז אין איר געלעכטער געווען אַ סך פרויענשער רייץ. איך בין זיכער, אַז ווען זי זאָל געווען אין ניו־יאָרק אַזוי שיין לאַכן, ווי דאָ אויף די מאָסטאָרד־בערג, וואָלט זי שוין קיין עלטער מיידל ניט פאַרבליבן. איך האָב שוין, דאַכט זיך, אַמאָל געזאָגט, אַז דער שיינער פרויענשער געלעכטער איז פונקט ווי די שיינע קאָלירן אויף די בלומען, וואָס ציען צו.

און איצטער קומען מיר צו אַ בחור פון אַ יאָר פינף־און־דרייסיק, וואָס האָט געהייסן אַבראַשאַ. ער איז געווען אַ קלאָוקמאַכער און האָט געהאַט אַ פליך אויפן קאָפּ, ווי אַ גאַנצע לבנה, אָבער דערפאַר האָט ער פאַרמאָגט געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס. ער איז געווען אַ שטילער בחור און האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעצייכנט צווישן די חברה פריילעךמאַכער און פאַרווילער, אַ חוץ מיט איין זאַך: ער האָט געקאָנט וואונדערלעך שיין דעקלאַמירן אַ ליד אין רוסיש, וואָס האָט זיך גערופן „טיכאַ אוקראַינסקאַיאַ נאָטש״, דאָס הייסט, שטיל איז די אוקראַינער נאַכט. מיט אַזוי פיל האַרץ און מיט אַזוי פיל געפיל האָט ער דאָס דעקלאַמירט, אַז ס׳פלעגט ווערן שאַ, שטיל. מען האָט ממש איינגעהאַלטן דעם אָטעם, און בשעת מעשה האָבן אויפן קאַליפאָרניער הימל אויך געפינקלט שטערנדלעך, און יעדער איינער האָט זיך איבערגעטראָגן צו זיין היים פון יענער זייט ים, און ווער ווייסט וויפיל איבערלעבונגען ס׳האָט ביי יעדן איינעם אַרויסגערופן. מען האָט אים שטענדיק זייער שטאַרק אַפּלאָדירט.

אָבער בעט אים ער זאָל דעקלאַמירן אַ צווייטע ליד? ניין! ניט דערפֿאַר ווייל ער האָט ניט געוואָלט, נאָר פּשוט ניט געקאָנט. דאָס איז געווען די איינציקע ליד, וואָס ער האָט געקאָנט. מען האָט אים טאַקע געגעבן אַ צונאָמען: „אַבראַם אוקראַינסקאַיאַ נאָטש". און כאָטש מען האָט געלאַכט, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אויף זיין לעבן נאָר איין־און־איינציקע זאַך, און כאָטש ער האָט זי שוין דעקלאַמירט פֿאַר דער חברה וועך וויסט וויפיל מאָל, אָבער פונדעסטוועגן איז מען עפּעס ניט מיד געוואָרן זי נאָכצומאָל הערן. און אַז נאָכן אָנזינגען זיך און נאָכן אָנלאַכן זיך אויף די מאַסטאַרד־בערג, ווען ס'איז געוואָרן עפּעס נאַגנדיק שטיל, האָט כמעט שטענדיק עמיצער זיך אָנגערופֿן, באַזונדערס איינע צווישן די מיידלעך:

— זאָל אַבראַם פֿאַר אונז דעקלאַמירן „טיכאַ אוקראַינסקאַיאַ נאָטש".

און אַבראַם האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט בעטן, זיך אויפֿגעשטעלט, זיך אויסגעהוסט און אָנגעהייבן מיט אַזאַ פֿאַרבענקט קול.

שפּעטער, ווען ס'האָט זיך געגרינדעט אין באָיל־האַיטס די דראַמאַטישע געזעלשאַפֿט, האָט מען אים אַריינגענומען אַלס מיטגליד, דענקענדיק אַז אַ מענטש וואָס קאָן מאַכן אַזאַ רושם מיט דעקלאַמירן, וועט זיכער קאָנען שפּילן טעאַטער. אָבער מען האָט געהאַט אַ גרויסן טעות. ער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסרעדן אויף דער בינע.

און אָט, צווישן דער פֿריילעכער חברה איז בתיה, דאָס בלאַסע ניו־יאָרקער שאַפּ־מיידל, געזעסן און געפֿרייט זיך און געלאַכט מיט איר שיינעם פּרויענשן געלעכטער, און ס'האָט ניט גענומען לאַנג און ס'האָט זיך לעבן בתיהן צוגעזעצט דער דאָזיקער אַבראַם „טיכאַ אוקראַינסקאַיאַ נאָטש". ער האָט, פֿאַרשטייט זיך, יענע נאַכט אויך דעקלאַמירט דאָס דאָזיקע ליד, און מיט אַזאַ געפֿיל, מיט אַזאַ האַרץ, ווי קיינמאָל פֿריער.

ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז בתיה און אַבראַם קענען זיך שוין יאָרן און יאָרן. ניט ממש אַלס באַקאַנטע. ניין, זיי האָבן אין ניו־יאָרק אַפֿילו ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט איינער צום אַנדערן. נאָר וואָס־זשע דען? זיי בײדע האָבן געוואוינט אין איין און דעם־זעלבן טענעמענט־הויז אויף ברום סטריט, זי אַלס באַרדערקע אויפֿן צווייטן שטאָק, און ער אַלס באַרדער אויפֿן דריטן שטאָק. מען האָט זיך געקענט, אַזוי צו זאָגן, פֿונדערווייטנס, זיך אַפֿילו קיינמאָל ניט געגריסט איינער צום אַנדערן.

און ווי איר שטויסט זיך שוין אָן מסתמא, איז דאָס געוואָרן אַ שידוך צווישן זיי, און ס׳האָט ניט גענומען לאַנג אויך, עפּעס אַ זעקס אָדער אַכט וואָכן. און כל זמן זיי האָבן זיך געהאַלטן אין שדכנען איינער צום אַנדערן, האָט מען זיי נאָך געזען אויף די מאָסטאַרד־בערג, און דער־נאָכדעם נאָך דער חתונה איז זיי שוין געווען גוט אָן די מאָסטאַרד־בערג.

היינט־צו־טאָג איז ער שוין אַ זיידע און זי איז שוין אַ באָבע. זיי לעבן זיך זייער פריידלעך און ליבלעך, אויף אַלע אונזערע גוטע פריינט געזאָגט געוואָרן. און שטענדיק, ביי געוויסע געלעגנהייטן, דערציילט מען די מעשה, ווי אַזוי זיי האָבן זיך באַגעגנט, און מען וואונדערט זיך ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט זיין? געלעבט אין ניו־יאָרק אַזוי פיל יאָרן אין דעמזעלביקן טענעמענט־הויז, ער אַן איינזאַמער און זי אַן איינזאַמע, און ערשט אין קאַליפאָרניע אויף די מאָסטאַרד־בערג, ווי ס׳האָט אַ פּיק געטאָן אין האַרצן, און ס׳האָט אַ צי געטאָן איינער צום אַנדערן...

די חברשאַפט יענע יאָרן אין קאַליפאָרניע

קאַליפאָרניע איז אַ טייער לאַנד. מען באַקומט זי ליב מיט אַ גע־טרייער ליבע. אַ, די המנס? מיר וועלן זיי איבערלעבן, פּונקט ווי מיר האָבן אַלע פריערדיקע המנס איבערגעלעבט.

איך האָב ליב קאַליפאָרניע יעדן טאָג, אין פרימאָרגן און אין פאַר־נאַכט, אין מיין אויפשטיין און אין מיין ליגן זיך. דער עיקר נאָר דאָס ביסעלע פרנסה. אין יענע יאָרן האָט מען ניט געדאַרפט קיין סך. אַלץ־דינג איז געווען אַזוי ביליק, סיי דירה־געלט, סיי שפּייז. איצטער איז דאָ כמעט טייערער ווי אין ניו־יאָרק.

נאָך אין נעשוויל פלעג איך אַרויסגיין אינדרויסן גאָר אין פאַרטאָג און זען ווי די שטאָט וואַכט אויף. דאָ אין קאַליפאָרניע, פּונקט ווי אַ פרומער ייד פאַרפעלט ניט קיין שחרית, אַזוי האָב איך נאָך ניט פאַרפעלט אַרויסגיין פון מיין הויז יעדן פרימאָרגן, און אַז דער הימל איז קלאָר —

קוקן ווי די זון גייט אויף. אַרבעטער פון מיין גאַס, וואָס יאָוועט זיך אַרויס אויך גאָר אין פאַרטאָג מיט זייערע שפּייז־קעסטעלעך צו גיין צו דער אַרבעט, קענען מיך שוין זייער גוט. זיי זעען מיך אָפט ווי איך שטיי אַזוי אַ פאַרגאַפּטער, איינגאַנצן אַ פאַרצויגענער פון דער אויפגייענדיקער זון, מיינען אַוודאי אַז איך בין איינער פון די וואָס דאַוונען צו דער זון.

און איך דאַוון טאַקע צו דער זון כמעט יעדן פרימאָרגן. אין מיינע געדאַנקען דאַוון איך צו איר און בעט פאַר זיך און פאַר אַלע די, וואָס האָרעווען און מיען זיך צו באַשיכן, באַקליידן און באַשפּייזן די וועלט, און וואָס דאַרפן באַלד זיך אַריינלאָזן אין די שעפּער און אין די פאַבריקן. איך בעט, אַז די גערעכטיקייט זאָל שיינען פאַר אַלעמען גלייך, פּונקט ווי די ליכטיקייט פון דער זון שיינט פאַר אַלעמען גלייך... און נאָך, און נאָך אַ סך געדאַנקען קומען צו מיר בשעת איך פאַרקוק זיך אין דער גאָלדענער לויטערקייט פון דער זון, וואָס גייט אויף פון מזרח און זאָגט־אָן גליק און פרייד.

און אַז איך קום אַריין צוריק אין הויז, שמייכל איך צו מיין פרוי און צו מיינע קינדער און זאָג זיי: אַ נייער טאָג ווערט געבוירן, און מיר אַלע ווערן באַנייט מיט פרישן כוח און חשק צו לעבן און צו טאָן.

היינטיקע צייטן, ווען איך גיי אַרויס פאַרטאָג קוקן ווי די זון גייט אויף, טראַכט זיך שוין גאָר אַנדערע געדאַנקען. ס'טראַכט זיך, צי שפּעטער מיט יאָרן, ווען די זון וועט אויפגיין אין די פאַרטאָגן, צי וועט זי נאָך טרעפן אַ לעבעדיקע זאַך אויף דער ערד, צי וועט זי ניט טרעפן אַ חרובע פאַרברענטע וועלט, וואָס דער מענטש מיט זיינע אייגענע הענט האָט חרוב געמאַכט און פאַרברענט. אָבער אָפט טרייב איך אַוועק אַזעלכע געדאַנקען. איך שריי אָן אויף זיי, ווייל איך האָב אַלע יאָרן געגלייבט אין דער גוטער קלוגשאַפט פון מענטשן, און אַז זיי וועלן קיינמאָל ניט דערלאָזן צו אַזאַ זאַך. קומט שוין צו מיר ווידער אַ פרייד און איך זע ווי אין נביאות, ווי שפּעטער מיט יאָרן און יאָרן וועט אַמאָל שטיין אין אַ פאַרטאָג מיינס אַן אור־אור־אייניקל און פאַרצויגן ווערן פון דער לויטערקייט פון דער זון, פּונקט ווי זיין עלטער־עלטער־זיידע זלמן דער שוסטער...

יאָ, איך האָב ליב קאַליפאָרניע יעדן טאָג, אין פרימאָרגן און אין

פאַרנאַכט, אין מיין אויפשטיין און אין מיין לייגן זיך. אָבער דער אמתער גוטער טעם איז מיר פאַרבליבן אויף מיין גומען פון יענע יאָרן, די ערשטע יאָרן.

אין יענע יאָרן אין קאַליפאָרניע האָב איך דאָ געטראָפן אידן, אויך מענטשן פון אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען געגוג פאַרשוואַרצט געוואָרן, פאַרמוטשעט געוואָרן, קראַנק געוואָרן אין די צפון־שטאַטן, און זיי זיינען געקומען אַהער כדי צו קומען אַביסל צו זיך, און דערפאַר איז געווען אַזאַ גרויסע חברשאַפט צווישן אַלעמען. די חברשאַפט האָט מען געקאָנט זען אין די זונטיקס אין די פאַרקס און אויף די ברעגן פון ים.

אַפילו נאָך היינט־צו־טאָג פאַרזאַמלען זיך אין די פאַרקס און ביי די ברעגן פון ים גאַנצע לאַנדסמאַנשאַפטן, און איך מיין ניט לאַנדסמאַנשאַפטן פון אַ שטעטל אָדער שטאָט אויף יענער זייט ים, איך מיין לאַנדסמאַנשאַפטן פון די וואָס קומען פון דער זעלביקער שטאָט, אָדער אַפילו שטאָט, פון צפון־אַמעריקע.

פון איאָוואַ שטאָט זיינען געקומען אַהער קיין קאַליפאָרניע מערער מענטשן ווי פון אַלע אַנדערע שטאַטן. דער קלימאַט דאָרטן איז זייער אַ בייזער און רציחהדיקער, האָט מען אין יענע צייטן (און אפשר אויך איצט, איך ווייס ניט) דורכגעפירט אַלע יאָר אַ ריזיקן פּיקניק אין סיקאַמאָר פאַרק, אויף וועלכן ס׳פלעגן זיך פאַרזאַמלען טויזנטער לאַנדסלייט פון איאָוואַ שטאָט.

די אידן דעמאָלט האָבן זיך ענגער געטוליעט איינער צום אַנדערן, ווי אין די איצטיקע צייטן. אין האָלענבעק פאַרק און אין לינקאָלן פאַרק פלעגן אַלע זונטיקס זיך צונויפקומען לאַנדסמאַנשאַפטן פון שיקאַגאָ, דעטראָיט, קליוולאַנד און אַנדערע שטעט. מען פלעגט זיך צונויפקומען און קאָכן אין די שטיינערדיקע אויוונס, וואָס די שטאָט האָט אויפגעבויט ספּעציעל אין די פאַרקס, פאַרשיידענע פּאַטראָוועס, און זעצן זיך ביי די לאַנגע טישן, אויך ספּעציעל אויפגעשטעלט פון דער שטאָט, פּראַווען אַ סעודה אין חברשאַפט. מען האָט נאָך דעמאָלט אַזוי פיל ניט געשפּילט אין קאָרטן ווי איצט, ווען מען קומט זיך צונויף צוזאַמען. דעמאָלט האָט מען געזונגען לידער צוזאַמען, מען האָט דעקלאַמירט פּאָעמעס, דיסקוסירט אַ פּאָליטישן אָדער ליטעראַרישן ענין. איצטער, אַז מען קומט זיך צונויף אין די פאַרקס, רייבט מען זייער געשמאַק אַ „געימקע״, ווי זיי רופן

דאָס אויף קאָרטן־לשון. כמעט יעדער טיש אין פּאַרק איז פאַרנומען מיט די „חברה אַנשי קאָרטן" — מענער און פרויען צוזאַמען.

אין יענע יאָרן אָבער איז באַיל־האַיטס באַזעצט געוואָרן עפּעס פון גאַלע אידעאַליסטישע מענטשן. אַלע אידישע ראַדיקאַלן האָבן זיך דאָרטן געמאַכט אַ נעסט. קלובן פון ספּאָרט און פון ליטעראַטור, און פון געזאַנג און פון דראַמע זיינען גלייך געבוירן געוואָרן. און איך האָב אייך שוין דערציילט פון אידישן האַיקינג־קלוב, וואָס האָט געהאַט די אַמביציע צו קריכן אויף די העכסטע בערג אין קאַליפאָרניע. מיין גאָלדע האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם געזאַנג־פאַראיין. זי האָט בכלל ליב, ווי מען זינגט. אַליין זינגט זי ניט, נאָר אין די פּאַרקס אויף די פּיקניקס זעצט זי זיך צו לעבן אַ גרופּע וואו מען זינגט, און הערט זיך צו און לאַכט. ווען ס'טוט איר עפּעס הנאה, לאַכט זי.

און מיטן ברעג ים אין אָושען פּאַרק האָבן מיר זיך טאַקע באַקענט דורכן דעמאָלטיקן געזאַנג־פאַראיין. דער געזאַנג־פאַראיין האָט דורכ־געפירט אַן אַרויספאָר ביים ים אין אָושען פּאַרק. און זונטיק אינדערפרי איז צו אונז צוגעפאָרן אונזערער אַ פריינט, חיים בעקער, אַ מיטגליד פון געזאַנג־פאַראיין, אונז נעמען צום ים. מיט אַן אַלטער קאַטערינקע איז ער צוגעפאָרן צו אונז. און דאָרטן האָבן זיך שוין געפונען זעקס פּערזאָן: ער, זיין פרוי און זיינע פיר קינדער. און דערנאָך, ווען איך, גאָלדע און מיינע צוויי אינגערע קינדער זיינען אַריין, זיינען מיר שוין געווען צען. מיר זיינען געזעסן אין ענגשאַפט אָבער אין פריילעכקייט און זיך געלאָזט צו אָושען פּאַרק. די מענטשן אין די פאַרבייפאָרנדיקע אויטאָמאָבילן האָבן חוזק געמאַכט פון אונזער אַלטער — קוים וואָס זי האָט געזשיפּעט — קאַטערינקע, און פון אונז, די גרויסע כאַליאַסטרע. אָבער וואָס איז אונז אָנגעגאַנגען זייער חוזק־מאַכן? ס'איז אונז געווען „כאָראָשאָ".

אָבער מיר זיינען ניט געווען די איינציקע. אַ סך אַזוינע אַלטע קאַטערינקעס, אָנגעפּאַקט מיט גרויסע פאַמיליעס, האָבן זיך געלאָזט צום ים. דער ים אין קאַליפאָרניע איז אומעטום. אומעטום איז ער דאָ, דער פּאַסיפיק, און אומעטום אויף די זאַמד־ברעגן אין די זונטיקס אום זומער גייט־אויף דאָס געשריי פון די מענטשלעכע קינדער אויסגעמישט מיט דעם ברומען און דעם קלאַפּן פון די שטורמישע כוואַליעס אויף די ברעגן. אין אָושען־פּאַרק, לעבן וועניס, איז געווען דער אידישער ים־ברעג.

דאָרטן אין אַ זונטיק זיינען כמעט אַלע פון באַיל־האַיטס געקומען, זיך צעלייגט אויף די זאַמדן האַלב־נאַקעטע און הנאה געהאַט פון גאָטס וועלט. מיר האָבן זיך אויך צעלייגט אויף די זאַמדן האַלב־נאַקעטע, אויף דעם פלאַץ וואו דער געזאַנג־פאַראיין האָט זיך פאַרזאַמלט, און באַלד האָבן זיך אַרום אונז צונויפגענומען אַ גרויסע מחנה פרעמדע מענטשן, ווייל מיר האָבן געזונגען אידישע לידער. מיר זיינען דעמאָלט געווען יונג. מיר, די „ביעדנאָטאַ”, די אָרעמשאַפט, האָבן אויסגענוצט יעדעס פּיצעלע גוטס, וואָס די רייכע נאַטור אין קאַליפאָרניע האָט אונז געגעבן...

זלמן דעם שוסטערס באַנק־ביכל

(צו זיין אַכציק־יאָריקן געבוירן־טאָג)

— און דאָ קום איך צום סוף פון מיינע מעשיות, — מאַכט צו מיר זלמן דער שוסטער. — דאַכט זיך, די אינטערעסאַנטסטע פּאַסירונגען פון מיין לעבן איך שוין דערציילט. וואָס איך וועל אייך נאָך דערציילן, איז וועגן מיין באַנק־ביכל. אַזוי ווי איך ווער באַלד אַכציק יאָר אַלט, פיר איך אונטער אַ סך־הכל פון מיין פאַרמעגן.

— אַז איך וועל צו הונדערט און צוואַנציק יאָר גיין אַהין, וואוהין יעדער מענטש מוז סוף־כל־סוף גיין, — מאַכט צו מיר זלמן דער שוסטער מיט אַ שמייכל, וואָס איז אי שעמעוודיק, אי ליצנותדיק, — וועל איך מיטנעמען אויפן הימל מיין באַנק־ביכל און זיי ווייזן דאָרטן דעם פאַר־מעגן, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט אויף דער זינדיקער ערד.

— אַ באַנק־ביכל? — וואונדער איך זיך מכלומרשט און איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז ער מיינט עפּעס אַנדערש.

אָבער ס'איז טאַקע אַ באַנק־ביכל, פון די געוויינלעכע באַנק־ביכלעך. ער דערלאַנגט דאָס מיר מיט אַ זייטיקן שטיפערישן קוק דורך זיינע גלאַנציקע ברילן. איך מיש אויף דאָס ערשטע בלעטל און ס'איז דאָרטן אָנגעשריבן אַ נומער, דער נאָמען זיינער און פאַרשיידענע דאַטומס, און

אויך דעפּאָזיטס ביז דער סומע פון אַ צוויי הונדערט דאָלער. אָבער אויפן צווייטן בלעטל זיינען שוין פאַרצייכנט ניט קיין דעפּאָזיטס, נאָר אַרויסציאונגען, ביז דעם פּונקט וואָס ס'איז שוין ניט געווען מער וואָס אַרויסצוציען — און מיט דעם ענדיקט זיך זיין „אַקאַונט".

אויפן דריטן בלעטל אָבער און אויפן פערטן און אַזוי ביזן לעצטן זיינען פאַרצייכנט, און שוין מיט זלמנס האַנטשריפט, פאַרשיידענע דאַטומס און פאַרשיידענע ציפערן.

— אַז מען וועט מיך פרעגן אויף יענער וועלט: „זלמן, וואָס האָסטו עפּעס אויפגעטאָן אויף דער זינדיקער ערד?" וועל איך זיי זאָגן: נאַט, טוט אַליין אַ קוק. ס'איז דאָ פאַרצייכנט: אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער פאָר שיך אויפגעמאַכט אין מיין לעבן פאַר מענטשן צו טראָגן, זיך צו באַשיצן פאַר נעץ און קעלט. נאָך מערער טויזנטער פאָר שיך פאַרריכט פאַר די, וואָס האָבן ניט ביד זיך צו קויפן נייע. אַזוי פיל און אַזוי פיל טויזנטער און טויזנטער ליפּלעטס און פאַמפּלעטן צעטיילט קעגן די אומ־רעכטן אין לעבן. אַזוי פיל און אַזוי פיל הונדערטער גוטע פריינט אָפּ־געשפּאָרט אין משך פון מיינע יאָרן אין אַמעריקע. און איך שמועס שוין דאָ ניט פון אַלע מיינע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, גוטע און נוצלעכע מענטשן.

נאָכדעם וועל איך זיי אָנווייזן אין מיין באַנק־ביכל די אַלע טויזנטער דאָלערס, וואָס איך האָב אויסגעגעבן אויף מיין זון עליקן, ער זאָל ווערן אַ פידל־שפּילער. אַנגעהייבן האָב איך מיט פופציק סענט אַ שעה פאַר צאָלן אַ לערער, און געענדיקט מיט פינף־און־צוואַנציק דאָלער אַ שעה. יאָ, גאַנצע פינף־און־צוואַנציק דאָלער אַ שעה האָט מיך געקאָסט דער לעצטער לערער זיינער, דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס, אַ מוזיק־פּראָפעסאָר:

און אַז מען וועט מיר זאָגן דאָרטן אין הימל: „זלמן, איז דאָס ניט קיין לוקסוס פאַר אַן אָרעמען שוסטער אויסברענגען אַזוי פיל געלטער פאַר לערנען דעם זון פידל שפּילן? און לוקסוס, ווי דו ווייסט, רעכענען מיר אויך צו אַלס אַן עבירה." וועל איך זיי ענטפערן: „איר, אין הימל, זאָלט זאָגן אַזאַ זאַך? שעמען מעגט איר זיך! ווייל ווי איך פאַרשטיי, איז לוקסוס די זאַך, וואָס מען קאָן זיך באַגיין אָן איר. אָבער ווי קאָן די וועלט זיך באַגיין אָן מוזיק? איך און מיין גאָלדע האָבן געפילט, אַז ס'איז אַ נויטווענדיקייט. אַזאַ טאַלאַנטפול קינד, און דאָס איבערלאָזן

אויף גאָטס באַראָט? און אַ חוץ דעם, וואָס פּאַר אַ ווערט האָבן די עטלעכע טויזנט דאָלער, וואָס איך האָב אויף אים אויסגעגעבן, קעגן דעם ווערט פון דער וואונדערלעכער מוזיק, וואָס ער ציט איצט אַרויס פון זיין פידל? און מיינט איר, אַז ס׳איז מיר אַזוי לייכט אָנגעקומען? כ׳מיין ניט נאָר דאָס געלט, כ׳מיין די מאַטערנישן נעבעך, וואָס מיין זון האָט זיך געמאַטערט אַלע יאָרן, פּראַקטיצירט אַזוי פיל שטונדן אַ טאָג, ווען אַלע זיינע חברים האָבן זיך געשפּילט אינדרויסן. שפּעטער, ווען ער איז עלטער געוואָרן, אַנדערע בחורים זיינען שוין זעלבשטענדיק — און ער איז נאָך אַלץ אָנגעוויזן אויף זיין טאַטן דעם שוסטער. ס׳האָט אים זייער שטאַרק געאַרט, און אָפּטמאָל האָט ער געהאַט צו מיר טענות, פאַרוואָס איך האָב אים ניט געלערנט קיין מלאכה. ביי־טאָג און ביינאַכט — נאָר ער האָט געדאַרפט פּראַקטיצירן, פלעגט זיך פאַרשליסן שפּעט אין דער נאַכט אין וואַש־צימער און דאָרטן פּראַקטיצירט, כדי ניט שטערן אונז אין שלאָף. איר ווייסט גאָרניט, וואָס פּאַר אַ מאַטערנישן... אָבער דער־פאַר איצטער, ווען ער האָט דערגרייכט צו מייסטערשאַפט, קוקן שוין אויס אַלע אַמאָליקע מאַטערנישן ווי גאָרניט...

און וואָס פּאַר אַ פרייד ביי מיר, ביי מיין גאָלדען, ביי זיינע ברידער און שוועסטער, ביי דער גאַנצער משפּחה, וואָס פון אונז איז אַרויסגעקומען אַ גרויסער מייסטער־לערער פידל־שפּילער! ער גיט זיך איצט אָפּ מיט לערעריי, און ניט צוליב רייך ווערן, מחמת ער האָט יאָרן און יאָרן גע־לערנט אומזיסט אַ פּאָר קינדער, וואָס מיט דער צייט וועט די וועלט קלינגען מיט זיי, ווי מיט אַ מישאַ עלמאַן אָדער אַ יאַשאַ חפץ...

און אָט אַזוי מישט זלמן פאַר מיר זיין באַנק־ביכל, שטעלט זיך אָפּ אויף יעדן בלעטל, דערקלערט מיר דעם מיין פון די ציפערן, וואָס ער האָט פאַרצייכנט, ביז מיר קומען צום לעצטן בלעטל, און דאָרטן איז בלויז דאָ איין ציפער, וואָס איז צוויי טויזנט. און דאָ צעשטראַלט זיך זלמנס פּנים, און זיין הויכער שטערן ווערט ראָזעווע.

— דאָס איז דער גרעסטער קאַפּיטאַל, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט, ממשותדיקער קאַפּיטאַל אויף אָנצוטאַפּן, — און ער גייט־צו צום שופלאָד, נעמט אַרויס אַ גרויס שאַכטל און דערלאַנגט מיר.

און אין דעם שאַכטל ליגן צוויי טויזנט קאַרטלעך, די טוריסטן־קאַרטלעך, וואָס מענטשן שיקן צו זייערע אייגענע, ווען זיי פאָרן אויף

וואַקאַציע צו ניאַגראַ־פאַלס, אָדער צום גרענד־קעניאָן, אָדער צו אַנדערע באַרימטע מערקווירדיקע פלעצער. און די דאָזיקע צוויי טויזנט קאַרטלעך, וואָס אויף איין זייט פון יעדן קאַרטל איז דאָ דאָס בילד פון דעם מערק־ווירדיקן פלאַץ, וואָס מען האָט באַזוכט, זיינען געשריבן געוואָרן ניט פון גאָר נאָענטע פריינט, נאָר פון זיינע קאָסטימער, וואָס האָבן זיך פאַר־ריכט אָדער געמאַכט ביי אים שיך. און די דאָזיקע קאַרטלעך האָט ער געזאַמלט אין משך פון פערציק יאָר! ס'זיינען דאָ איניקע מיט דאַטומס נאָך פון יאָר 1912. אַ קאָסטימער זלמנס איז געפאָרן אויף וואַקאַציע, האָט ער מסתמא געטראַכט: לאָמיר שיקן אַ קאַרטל צו דעם טשיקאַוון פריינטלעכן שוסטער, וואָס ס'איז פריילעך מיט אים צו רעדן. און ס'זיינען דאָ אַ סך קאַרטלעך אַפילו פון איראָפּע — פון פּאַריז, פון רוים, פון דער שווייץ, און זלמן האָט געזאַמלט קאַרטל צו קאַרטל. און איצטער האָט ער פון זיי גאַנצע צוויי טויזנט.

און אָט־די דאָזיקע קאַרטלעך וועט ער אויך אָנגעבן אין חשבון פון זיינע מעשים־טובים אין באַנק־ביכל, וואָס ער קלייבט זיך מיטנעמען אויף יענער וועלט.

— איך וועל זיי זאָגן דאָרטן, — מאַכט ער האַלב־ערנסט און האַלב־ליצנותדיק, — אַנדערע מענטשן האָבן זיך אָפּגעשפּאָרט הייזער, צירונג און אַנדערע ערדישע רייכקייטן. איך האָב זיך אָפּגעשפּאָרט פריינט, אַלערליי פריינט, און פון אַלערליי פעלקער... און דאָס מיינט, פאַרשטייט זיך, איך און מיין גאָלדע. אויב מען וועט נאָר מיך וועלן אַריינלאָזן אין גן־עדן און ניט מיין גאָלדען, וועל איך זיי זאָגן: מוחל, מוחל! אָן איר גיי איך ניט...

און ער גייט טאַקע ניט אָן איר. אומעטום, אויף אַלע שמחהלעך, זעט מען זייביידן. זיי פאַרברענגען מיט אַלעמען צוזאַמען ביז שפּעט אין דער נאַכט. און דאָ צום נייעם יאָר האָט מען זיי ביידן געזען טאַנצן. זי, די אַכט־און־זיבעציק־יאָריקע, און ער, דער אַכציק־יאָריקער. און זייער טאַנץ ביידע צוזאַמען האָט אינספּירירט און דערהויבן דעם מענטשן, נאָך מער ווי ס'וואָלטן געטאַנצט גרויסע קינסטלער טענצער. ס'האָט געטאַנצט די פופציק־יאָריקע ליבשאַפט צווישן מאַן און ווייב. ס'האָבן גע־טאַנצט די פרייד און ליידן פון אַ זעכציק יאָר ענג־צונויפגעוואַקסענעם פאַרהייראַטן לעבן...

און שיין־ריטמיש געטאַנצט. ער, זלמן מיט די אויסגעגלייכטע פלייצעס — אָדער ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די פלייצעס האָבן זיך ביי אים אויסגעגלייכט, און ער איז דער בחור פון אַמאָל, — און זי, אַביסל שווער אויף אירע פיס, אַ פולבלעכע, אַ צערויטלטע, מיט אַ מין פאַרבאָרגענער קאָקעטעריי, ווי אין אירע אַמאָליקע יאָרן...

ביכער פון זעלביקן מחבר :

יאָר

פאַווער־פאַווערס מעשהלעך (צוויי בענד) — — 1925

פון יענער זייט טייך — — — — — — — — 1930

לאַבזיק (ערשטער באַנד) — — — — — — — 1935

לאַבזיק (צווייטער באַנד) — — — — — — — 1937

קלינטאָן סטריט — — — — — — — — — — 1937

צען לאַנדסלייט — — — — — — — — — — 1942

לעבנס אויפן וואָגשאָל — — — — — — — — 1944

וואָוויק — — — — — — — — — — — — — 1947

גיבורים פון דער נאַכט — — — — — — — — 1950

זלמן דער שוסטער — — — — — — — — — — 1955